Hebr. e. 783
di Blutige inquizitsje

א היסטארישער

## ראמאן

איבערזעצט פֿאָן

א. י. בוכבינדער.

# די בלוטיגע אינקוויזיציע

פֿערלאַג פֿאָן
געברידער בלעטניצקי
בוכהענדלער
אין אדעססא.

די

# בלוטיגע אינקוויזיציע

## א היסטארישער ראמאן

איבערזעצט פאן

א. י. בוכבינדער.

הזכות נמכר לצמיתות להאחים בלעטניצקי מו"ס מאדעססא.

ווילנא

שנת תרנ"ה לפ"ק

ДИ БЛУТИГЕ ИНКВИЗИЦІЕ,
т. е. кровавая инквизиція.
Историч. романъ пер. А. И. Бухбиндера.
изд. и соб. Братьевъ Блетницкихъ.

ВИЛЬНА. Тип. Вдовы и бр. Роммъ. Жмуд. пер. собст. домъ № 328.
1895.

Дозволено цензурою Одесса, 11 Января 1895 г.

# דיא קאפיטלען:


1 דער טרויריגער נאסם
2 פארטזעטצונג
3 וועגד האבען אויערן
4 ביי דעם גראסאינקוויזיטאר
5 אין דער תפיסה פון דער אינקוויזיציע
6 דאס פערליעבטע מיידעל
7 דיא שרעקליכע נאכט
8 אויף קדוש השם!
9 דער וואהלטהעטיגער רב און דער שונא ישראל
10 צווישען לעבען און טוידט
11 דיא שלעכטע בשורה
12 בייא דעם פירשט אין פאליץ
13 גערעטטעט
שלום

## 1.

## דֶער טְרוֹיעֶרִיגֶער גַאסְט.

אִין אֵיינֶע פוּן דִיא וִוינְטֶערְדִיגֶע נֶעכְט, אִים יָאהר 1426, וֶוען אִין לינניטץ הָאט זִיךְ דֶער הִימֶעל בֶּעצוֹיגֶען מִיט אַשְׁוַוארְצֶען וָואלְקֶען אוּנ אַשְׁנֵייא וִויא וַוייסֶע פֶּעדֶערְן, הָאט זִיךְ אַרָאבְּגֶעשִׁיט אוֹיף דֶער עֶרְד אוּנ אַשְׁרֶעקְלִיכֶער שְׁטוּרֶעמְוִוינְד הָאט אִיהם אִין דֶער לוּפְט גֶעטְרָאגֶען אוּנ נָאכְדֶעם אִין דֶער יוּדִישֶׁער גַאס אִיהם אַרָאבְּגֶעלָאזְט; וֶוען אִין אַלֶע הַייזֶער זַיינֶען דִיא לִיכְט שׁוֹין לַאנְג אוֹיסְגֶעלָאשֶׁען גֶעוֶועזֶען אוּנ דִיא מֶענְטְשֶׁען הָאבֶּען זִיךְ דֶעם שְׁלָאף אִיבֶּער גֶעגֶעבֶּען, — דֶעמָאלְט אִיז בַּייא דֶעם רָב אִין שְׁטוּב נָאךְ לִיכְטִיג וִויא אִין אָנְפַאנְג נַאכְט גֶעוֶועזֶען אוּנ אִין זַיין חֶדֶר וואוּ עֶר הָאט גֶעלֶערֶענְט, הָאט אַלִיעֶבֶּע וַוארֶעמְקַייט גֶעהֶערְשְׁט, דֶער רָב אִיז גֶעזֶעסֶען בַּיים טִישׁ אוֹיבֶּען אָן אוּנ הָאט אַרַיינְגֶעקוּקְט אִין אַסֵפֶר, דִיא שְׁוַוארְצֶע בָּארְד, וֶועלְכֶע הָאט וִויא אַגַארְטֶעל, זַיין גַאנְץ פָּנִים אַרוּם גֶענוּמֶען, הָאט בִּיז זַיין בְּרוּסְט דֶער לַאנְגְט; פוּן זַיין לוֹיטֶער וַויים גֶעזִיכְט הָאט אַרוֹים גֶעקוּקְט יֶענְץ גֶעטְלִיךְ בִּילְד וָואס וֶוערְד גֶעגֶעבֶּען נָאר צוּא דֶענְקֶענְדֶע מֶענְטְשֶׁען; אִין דִיא גְרוֹיסֶע שְׁוַוארְצֶע אוֹיגֶען הָאט זִיךְ אָבְּגֶעשְׁפִּיגֶעלְט זַיין גוּט הַארְץ מִיט דָאס טִיעפֶע שַׁארְפְזִינִיגְקַייט וָואס זַיין מוֹחַ פֶערְמָאגְט אוּנ פוּן דָעם גֶעקְנֵייטְשֶׁען בְּרֵייטֶען שְׁטֶערֶען אִיז צוּא דֶער קֶענֶען גֶעוֶועזֶען אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אוֹיף זַיין לֶעבֶּען שׁוֹין פִיעל גֶעלִיטֶען.

בַּאלְד זַיינֶען צוּם רָב אַרַיין גֶעקוּמֶען נָאךְ דְרַייא פֶּערְזָאנֶען וֶועלְכֶע הָאבֶּען זִיךְ גֶערֶעכֶענְט צְוִוישֶׁען דִיא בְּכָבוֹד׳סְטֶע בַּעֲלֵי בָּתִּים פוּן ליגניטץ אוּנ וָועלְכֶע פְלֶעגֶען צוּם רָב אָפְט קוּמֶען מִיט אִיהם זִיךְ מְפַלְפֵּל צוּא זַיין אִין עֶפֶּעס אַדִין, דֶער רָב אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אוּם זֵייא צוּא עֶמְפְּפַאנְגֶען אוּנ דִיא גֶעסְט הָאבֶּען מִיט אַיִרְאַת הַכָּבוֹד אִיהם גֶעגְרִיסְט אוּנ זִיךְ גֶעזֶעצְט נֶעבֶּען טִישׁ.

בַּאלְד אִיז דִיא רֶבִּי׳צִין אָנְגֶעקוּמֶען אוּנ גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דֶעם טִישׁ זוּמֶער פְרוּכְט מִיט זִיס גֶעבֶּעקְס פַאר דִיא גֶעסְט אוּנ דִיא לֶעצְטֶע הָאבֶּען זִיךְ אִיבֶּער גֶעגֶעבֶּען צוּם לֶערְנֶען, דֶער רָב הָאט זַיין מֵיינוּנְג אָבְּגֶעזָאגְט אוֹיף אַיין הֲלָכָה אוּנ זֵייא הָאבֶּען גֶעפְּרוּבְט אָבְּוֶוענְדֶען, דוּרְךְ וֶועלְכֶען עֶס אִיז בַּאלְד גֶעוָוארֶען אַגַאנְצֶע מַחֲלוֹקֶה לְשֵׁם שָׁמַיִם, אַזוֹי אַז דִיא שַׁאֲלוֹת מִיט דִיא תְּשׁוּבוֹת, דִיא קַשְׁיוֹת מִיט דִיא תִּירוּצִים הָאבֶּען זִיךְ אוֹיסְגֶעמִישְׁט אִין אֵיינֶעם, דִיא הֶערְצֶער פוּן דִיא לוֹמְדִים הָאבֶּען זִיךְ רֶעכְט דֶער וַוארֶעמְט, הֶעל גֶעשְׁטְרַאהלְט הָאבֶּען דִיא אוֹיגֶען, מִיט הִיץ גֶערֶעדְט הָאבֶּען דִיא מַיילֶער אוּנ דִיא גֶעזִיכְטֶער,

וועלכע זיינען פון'ם לערנען שטארק פערפלאמט געווארען, האבען אויסגעוויזען זויא עס רוהעט נאטטעס גייסט אויף זייא.

פלוצים האט זיך דער הערט אשטארקער קלאפ פון דרויסען אין דער טהיר, דיא געסט זיינען פאר שרעק שטיל געבליבען אונ יעדער פון זייא האט זיך געפרעגט: „ווער קאן זיך דאס אונטערשטעלין אין אזא שרעקליכע נאכט צו קלאפען בייא דעם רב אין דער טהיר?“ נאר אלס עס האט זיך פארגרעסערט דאס קלאפען, איז דער רב ר' משה אליין אויף געשטאנען פון זיין ארט אונ דער־נענגען דעם ווילען פון זיינע געסט, איז ער מיט דעם ליכט אין האנד צוגעגאנגען צו דער טהיר אונ האט זיא אויף געריגעלט, דיא טהיר האט זיך גיעפענט אונ איונגער מענטש פון הויכען שענעם וואוכס איז מיט געבייגטע פיס אוים מיעדיגקייט, דיא שוועל אריבער געגאנגען אונ איז שיער נישט אומגעפאלען, נאר ר' יעקב מאיר, איינער פון דיא ערשטע דרייא געסט, וועלכער איז דעם רב באלד נאך געגאנגען, האט איהם אונטערגעהאלטען ביז ער האט פרייא אבגעאטהעמט. דאן האט דער יונגער מענטש אבגעשאקעלט דעם שנייא פון זיינע קליידער אונ אריין קומענדיג אין שטוב, האט ער זיך גאנץ שוואך אראבגעלאזט אויף אשטוהל. דיא רביצען, וועלכע האט זיין שוואכקייט בעמערקט, האט איהם באלד צו געטראגען אגלאז ווייין, וועלכע ער האט גערן אוים געטרונקען אונ איז אביסעל אויפגעלעבט געווארען, ער האט זיך אנגעהייבען ארומקוקען אויף אלע זייטען אונ האט עפעס געוואלט ריידען, איז ער אבער נאך נישט געוועזען גענוג קרעפטיג דערצו, דער רב האט איהם געבעטען ער זאל פריהער אב עסען דאס וואס דיא רביצען האט פאר איהם געשטעלט אונ אלס דאס איז געשעהען האט דער יונגער מענטש זיך אב־גערופען צום רב מיט א אבגעמאטערטע ציטערענדיגע שטימע:

—זייט מיר מוחל, טהייערער רבי, וואס איך האב געוואגט צו אייך קומען ניט אין דער גיהעריגער צייט, דען נאר דיא נויטה, דיא ביטערע שרעקליכע נויט האט מיך געצוואונגען דאס צו טאהן. א, רבי, האט רחמנות, דען איך בין אומגליקליך! אזש פון דעם ווייטען עסטרייך קום איך צו אייך הילף בעטען, איך הייס מיכאל איזראיל, מיין פעטער איז דער געוויסער רייכער סוחר ר' ישראל איזראיל פון דער שטאט ענס אין אונגארן, זיין נאמען הערט זיך אין דיא ווייטע לענדער אונ געוויס איז ער אייך אויך ניט פרעמד, אלס מיינע עלטערן זיינען געשטארבען האט דער פעטער אריינגענומען מיך מיט מיין שוועסטער צו זיך אין שטוב אונ האט אונז ערצויגען וויא אייגענע קינדער, נאר אפלוצליכער אונגליק איז אונזער הויז בעפאלען: מיינע קרובים דער פעטער מיט דער מומע זיינען פלוצים געפאנגען געווארען אונ מען האט זייא אין קייטען קיין וויען

געבראכט, דארט האט מען זייא באלד אין דער תפיסה פערשפארט אונ מען פייניגט זייא מיט דיא ביטערסטע יסורים פון דער וועלט בכדי זייא זאלען זיך מודה זיין אויף דעם בלבול וואס מען האט אויף זייא אויסגעטראכט, אונ אויב חלילה זייא וועלין ניט קאנען ביישטעהן דיא יסורים פון זייערע בעצווינגער אונ וועלען זיך מודה זיין אזו וויא מען פארדערט פון זייא, דעמאלט, א! ווערט איין עק פון אלע יודען אין דער מדינה, דיא שונאים וועלין ניט איבער לאזען קיין שריד ופליט פון זייא!

נאך אמאל איז דער ערצעהלער שטיל געבליבען ווארום פון דיא אויפגע־וועקטע צרות אונ שמערצען האבען איהם דיא כוחות צוריק פערלאזט, אלע מענשען פון דער שטוב זיינען ערציטערט געווארען פון דעם אונגליק וואס עס ערווארטעט אלע יודען אין עסטרייך, אונ פאר שרעק זיינען זייא געבליבען וויא דיא פארשטיינערטע זיצען אויף זייערע ערטער, נאר דער רב האט זיך באלד געשטארקט אונ האט אונטערגעטראגען דעם ערצעהלער נאך אגלאז ווין, דיזער האט פון דעם ווין אביסעל פערזוכט אונ נאך דעם וויא ער האט זיך אביסעל ערהאלט האט ער אנגעהייבען ווייטער צוא דער צעהלען:

—אונזער עסטרייכישער פירשט אלבערט איז אפילו ניט קיין שלעכטער מענש, נאר זיינע לייבמענשען אונ ראטה געבער, וועלכע בעשטעהען פון דיא דאמיניקאנער גייסטליכע זיינען זייער ליסטיגע (היטרע) אונ שלעכטע מענשען אונ דורך דער גרויסער שנאה וואס זייא שפירען צוא יודען זוכען זייא תמיד נאר מיטלן ווי אזו אונז צו פאר מיאוסן בייא דעם פירשט אונ צום אונגליק איז דאס זייא געראטהען; געוויס האט איהר געהערט פון דעם גרויסען אונגליק וואס אונז האט געטראפען דא ניט לאנג, אלס די כריסטליכע קינדער האבען זיך געגליטשט אויף דעם טייך, האט זיך פלוצים אונטער געבראכען דאס אייז אונטער זייערע פיס אונ זייא זיינען אלע דער טרונקען געווארען, מיט דעם צו־פאל האבען דיא גייסטליכע זיך בענוצט אויס צו לאזען זייער נקמה אין אונז, זייא האבען ארויס געלאזען אקול אז יודען האבען אוועק גיגנבת דיא כריסטליכע קינדער בכדי זייא זאלען זיך בענוטצען מיט זייער בלוט אונ פיעל יודען האבען דער פון געליטען, אונ אלס יענער בלבול איז זייא געראטהען האבען זייא איצונד אויס געטראכט אויף מיינע קרובים אשפאגעל נייעם בלבול: אז דעם שומר׳ס פרויא פון דער קירכע אין ענס האט ארויס געגנבעט דאס היילינע ברויט פון דער קירכע אונ דאס פערקויפט מיין פעטער וועלכר האט בדעה געהאט ארום טהיילען אלע יודען פון דעם היילינען ברויט אום זייא זאלען פון דעם אב שפעטען אונ חוזק מאכען, דעם בלבול האט אויס געטראכט דער דאמיניקאנער מאנאך פון אונזער שטאדט, איננאציוס וועלכער איז אונז געווארען אבלוטיגער שונא דורך פאלגענדע מעשה: ער איז אמאל ארויין געקומען צו מיין פעטער אין שטוב ער זאל בייא אים אויס בייטען געלד, האט ער דארט דער זעהען מיין שוועסטער רחלי וועלכע איז איהם שטארק

גִיפֶעלֶען, פוּן דֶעם טָאג אָן פְלֶעגְט עֶר שׁוֹין זַיין אַיין אָפְּטֶער גַאסְט בַּייא אוּנְז, כְּלוֹמֶר׳שְׁט אִיז עֶר גֶעקוּמֶען אוֹיס צוּא בַּייטֶען גֶעלְד, אוּנ אִין אֱמֶת׳ן אִיז דָאס גִיוֶוען נָאר צוּא לִיעבּ מַיין שְׁוֶועסְטֶער, דֶען עֶר פְלֶעגְט דִיא גַאנְצֶע צַייט פוּן אִיהר נִיט אַרָאבּ לָאזֶען דִיא אוֹיגֶען אוּנ הָאט שׁוֹין פְּלַאנֶען גֶעקְלֶערְט וִויא אַזוֹי עֶר זָאל זִיא אִיבֶּער רֵיידֶען צוּ זַיין תַּאֲוָה.

אֵיין מָאל, אַלְס מַיינֶע קְרוֹבִים זַיינֶען נִיט גֶעוֶועזֶען צוּ הוֹיז, אוּנ אִיךְ בִּין אוֹיף דֶער רַייזֶע גֶעוֶועזֶען, אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען דֶער מָאנַאךְ צוּא אוּנְז אִין שְׁטוּבּ אוּנ אַלְס עֶר הָאט דָארְט נָאר מַיין שְׁוֶועסְטֶער גֶעטְרָאפֶען הָאט עֶר זִיךְ אַרַיין גֶעלָאזְט מִיט אִיהר אִין אַשְׁמוּעֶס, תְּחִילַת הָאט עֶר גִירֶעדְט מִיט אִיהר אַנְשְׁטֶענְדִיג אוּנ גַאנְץ נַאאִיוו, צוּבִּיסְלִיךְ אָבֶּער הָאט עֶר אַרָאבּ גֶעוָוארְפֶען פוּן זִיךְ דִיא מַאסְקֶע, בִּיז עֶר הָאט זִיךְ אוּנְטֶער גֶעשְׁטֶעלְט, עֶנְדְלִיךְ, גַאנְץ אָפֶען אִיהר פָאר צוּ לֵייגֶען אַז זִיא זָאל פֶערְלָאזֶען דָאס הוֹיז אוּנ זָאל מִיט אִיהם אַוֶועק גֶעהְן אִין אֵיינֶע פוּן דִיא נָאהֶענְטֶע מאנאסטירען וואוּ עֶר וֶועט זִיא מַאכֶען פַאר דִיא עֶלְצְטֶע אִיבֶּער אַלֶע מָאנַאכִינֶען.

אַטוֹיט שְׁרֶעקֶענִיס אִיז אָנְגֶעפַאלֶען אוֹיף מַיין אוּנְשׁוּלְדִיגֶע עֶרְלִיכֶע שְׁוֶועסְטֶער, הֶערֶענְדִיג פוּן אִיהם אַזֶעלְכֶע רֵייד, אַזוֹא אַז זִיא אִיז אָבְּגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען פוּן אִיהם עֶטְלִיכֶע טְרִיט צוּרִיק אוּנ הָאט גֶעוָואלְט אַרוֹיס לוֹיפֶען דוּרְךְ דֶער טְהִיר אוּם זִיךְ צוּ רֶעטְטֶען פוּן דֶעם שְׁרֶעקְלִיכֶען מֶענְטְשֶׁען וֶועלְכֶער הָאט פַאר אִיהר אוֹיס גֶעוִויזֶען אִין דֶער מִינוּט וִויא דֶער שָׂטָן הַמַּשְׁחִית וֶועלְכֶער לוֹיעֶרְט נָאךְ אִיהר נְשָׁמָה, נָאר דֶער מָאנַאךְ אָבֶּער הָאט פֶערְשְׁטַאנֶען אִיהר כַּוָּנָה אוּנ הָאט זִיא נִיט גִילָאזְט אַנְטְלוֹיפֶען, אוּנ אָנְהַאפֶּענְדִיג זִיא בַּייא בֵּיידֶע הֶענְד הָאט עֶר גֶעוָואלְט זִיא אַרוּם נֶעהמֶען מִיט גְוַואלְד, אִין דֶער זֶעלְבֶּער מִינוּט זַיינֶען אָבֶּער אָנְגֶעקוּמֶען אוּנְזֶערֶע קְרוֹבִים, רחל אִיז בַּאלְד אַרוֹיף גֶעפַאלֶען אוֹיף דֶער מוּמֶע׳ס הַאלְז אוּנ הָאט זִיךְ בִּיטֶער צוּא וַויינְט אוּנ מַיין פֶעטֶער וֶועלְכֶער אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען אִין גְרֶעסְטֶען כַּעס הָאט אַקוּק גֶעטָאהן מִיט פֶערְאַכְטוּנְג אוֹיף דֶעם מָאנַאךְ אוּנ הָאט זִיךְ צוּ אִיהם אָבּ גֶערוּפֶען מִיט אַבִּיטֶערֶע אִירָאנִיע: פֶע! פַאר אַמָאנַאךְ פַּאסְט גָאר נִיט צוּ זִינְדִיגֶען נֶעגֶען דֶער קִירְכֶע אוּנ אַזוֹ צוּ בֶּעהַאנְדְלֶען אַיין אוּנְשׁוּלְדִיגֶע מֵיידֶעל.

—הִיט דִיךְ זָאלְסְט מֶער נִיט בֶּעטְרֶעטֶען דִיא שְׁוֶועל פוּן אוּנְזֶער הוֹיז אוּנ אַז נִיט... — מֶער הָאט מַיין מוּמֶע נִיט גֶעקָאנְט אַרוֹיס רֵיידֶען אוֹיס צָארְן אוּנ פֶערְדְרוּס.

דֶעם מָאנַאכְס גֶעזִיכְט אִיז וַוייס גֶעוָוארֶען וִויא קַאלְךְ, שְׁוֶוער הָאט גֶעאַטְהֶעמְט זַיין בְּרוּסְט אוּנ מִיט אַשְׁרֶעקְלִיכֶען כַּעס הָאט עֶר אוֹיס גֶעשְׁרִיגֶען: וֶועה צוּ אַייךְ, פֶערְפְלוּכְטֶע יוּדֶען! מִיט קְרֶעכְצֶען אוּנ זִיפְצֶען וֶועט אִיר נָאךְ דֶער מָאנֶען דִיא שָׁעָה אִין וֶועלְכֶער אִיהר הָאט אַייךְ אוּנְטֶער גֶעשְׁטֶעלְט צוּא בֶּערִיהְרֶען דֶעם כָּבוֹד פוּן אוּנְזֶער הֵיילִיגֶען גְלוֹיבֶּען אוּנ מְבַיֵּשׁ צוּא זַיין אֵיינֶעם

פון דיינע דינער, אט באלד וועט איר וויסען מיט וועמען איר האט דא אנגעהויבען!

אזו האט ער געשריגען, געשטראשעט אונ אלערליי כעס בעוויזען אונ איז אוועק געגאנגען.

איך בין גאר ניט אומשטאנד אייך איבער צו געבען דאס וואס מיינע קרובים האבען געפיהלט אלס דער מאנאך האט זייער הויז פערלאזט אונ אלס רחל האט זייא דער צעהלט וואס דער מאנאך האט איהר פארגעלייגט, נאר צוא בישליך האבען זייא זיך בערוהיגט אונ האבען זיך אנגעהייבען מישב צו זיין וויא אזוא זייא זאלען זיך רעטטען פון דעם מאנאך זייער שונא.

קודם כל האט מיין מומע געזאגט, מוזען מיר זעהען אז רחל זאל מעהר ניט זיין ביי אונז אין שטוב, ווארום דער שלעכטער מאנאך וועט ניט רוהען ביז ער וועט זיא ניט אריין שלעפען אין דער געטץ וואס ער האט פאר איהר אויס געשפרייט.

—ביזט גערעכט מיין פרויא, האט דער פעטער גיענטפערט, אבער וואו געפינט מען פאר איהר אזא זיכער ארט פאר דעם שונא? דיא הערשאפט פון דיא גייסטליכע איז זעהר גרויס אונ קאן אויף זוכען דיא טריט פון איודיש מיידעל, ווען זייא (דיא גייסטליכע) ווארפען נאר אויף איהר איין אויג זיא צו מאכען פאר אקריסטין, ובפרט ווען זיי ווילען זיא נאך מאכען פאר איין עלצטע איבער דיא מאנאשקים פון זייער מאנאסטיר, דיא שלוחים וואס פאלגען זייערע רייד זיינען צו שפרייט איבער דעם גאנצען לאנד אונ האבען גענוג מיטלען אויף צו זוכען דיא פערבארגענע טריט פון זייערע קרבנות, דאריבער איז קיין אנדער עצה פאר אונז ניטא וויא גאר ארויס צוא שיקען רחל'ן פון יענער זייט גרענעץ, נאר ביי וועמען קאנען מיר דארט זיא איבער לאזען?

אלאנגע צייט האבען זייא זיך געישוב'ט, ענדליך האט רחל זיך אבגערופען: פעטער, איהר האט דאך אין פראג אגוטען פריינד ר' מענדעל איטלעש, אונ אין פראג אונ אין גאנץ בעהמען וואו עס הערשען די הוסיטען (די געגנער פון דעם פאבסט) איז אבגעשוואכט דיא קראפט פון דיא קאטולישע גייסטליכע אונ בעזאנדערס איז מען דארט ביז אויף דיא דאמיניקאנער גייסטליכע מיט זייערי מאנאכען, איז דארט דער זיכערסטער ארט פאר מיר.

—ביזט גערעכט טאכטער, האט דער פעטער גיענטפערט, דיין עצה איז זעהר אגוטע אונ נאך היינט ביי נאכט, אלס דיין ברודער מיכאל וועט פונ'ם וועג קומען, וועט ער מיט דיר ארויס פאהרען קיין פראג.

אונ אזוא איז ווירקליך געשעהען, אין דעם זעלבען אבענד בין איך אנגעקומען פון דעם וועג אונ נאך איידער איך האב מיך געקאנט אויס רוהען פון דער רייזע האב איך שוין געדארפט ווידער פאהרען, איך האב מיט גענומען אבריעף צוא ר' מענדעל איטליש אונ בין מיט מיין שוועסטער אוועק געפאהרען גלייך קיין פראג.

צְווייא טֶעג מִיט צְוֵוייא נֶעכְט זַיינֶען מִיר גֶעפָאהרֶען אָהן אוֹיפְהֶער אוּנ הָאבֶּען זִיךְ אַלִץ גֶעשְׁרָאקֶען מִיר זָאלֶען נִיט אַרַיין פַאלֶען צוּ אוּנְזֶערֶע שׂוֹנְאִים אִין דִיא הֶענְד, אוֹיף דֶעם דְרִיטֶען טָאג גֶעגֶען אָבֶענְד זַיינֶען מִיר שׁוֹין צוּא גֶעקוּמֶען צוּם טוֹיעֶר פוּן דֶער שְׁטָאט פראג, דֶער שׁוֹמֵר הָאט אוּנְז גֶעוָואלְט פֶערְהַאלְטֶען נָאר קוּים הָאבּ אִיךְ אִים גֶעוִויזֶן מַיין פֶעטֶערְס בְּרִיעף צוּ ר׳ מענדעל איטליש הָאט עֶר אוּנְז גִיעֶנְטְפֶערְט: „אוֹיבּ אִיהר דַארְפְט צוּם גְבִיר ר׳ מענדעל איטליש, לָאז אִיךְ אַייךְ אַרַיין אִין שְׁטָאדְט, דֶען דֶר ה׳ איטליש אִיז זֶעהֶער אַגוּטֶער מֶענְטְשׁ, גָאט מֶעג דֶער לֵיינְגֶערֶען זַיינֶע יָאהרֶען!״

מִיר זַיינֶען אַרַיין גֶעקוּמֶען אִין דֶעם פּראגער גְהֶעטְטָא (דִיא בֶּעזָאנְדֶערֶע גַאס וואוּ יודֶען הָאבֶּען גֶעמֵעגְט וָואהנֶען) אוּנ הָאבֶּען זִיךְ אָבְּגֶעשְׁטֶעלְט נֶעבֶּען דֶעם טוֹיעֶר פוּן אַגְרוֹיס אַרְטִיגֶען מוֹיעַר וֶועלְכֶער הָאט גֶעקֶערְט צוּא דֶעם ה׳ איטליש, אֵיינֶער פוּן זַיינֶע מְשָׁרְתִים הָאט אוּנְז אָן גֶעמֶעלְדֶעט בַּייא אִיהם אוּנ בַּאלְד אִיז ה׳ איטליש אַלֵיין אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען צוּ אוּנְז אוֹיפִין גַאס אוּנ הָאט אוּנְז אַרַיין גִיבֶּעטֶען מִיט גְרוֹיס כָּבוֹד צוּ אִיהם אִין שְׁטוּבּ אַרַיין.

—רבקה! הָאט עֶר זִיךְ אָבּ גֶערוּפֶען צוּ זַיין פְרוֹיא, טוּא נָאר אַקוּק וָואס פַאר אַטַייעֶרֶע גֶעסְט עֶס זַיינֶען צוּ אוּנְז אָנְגֶעקוּמֶן פוּן ענם.

אוֹיף זַיינֶע רֵייד אִיז צוּ אוּנְז צוּ גֶעקוּמֶען אַגִיעֶהרְטֶע פְרוֹיא אוּנ הָאט אוּנְז גֶעגְרִיסְט אוּנ אוּנְז גֶעזֶעצְט צוּם טִישׁ אוֹיף וֶועלְכֶען זִיא הָאט בַּאלְד דֶער לַאנְגְט שְׁפַּייז צוּ עֶרְפְרִישֶׁען אוּנְז פוּן דֶעם וַוייטֶען וֶועג, דֶער וַוייל הָאט דֶער ווִירְטה (ר׳ מענדעל) אִיבֶּער גֶעלֶעזֶען אוּנְזֶער בְּרִיעף, בְּשַׁעַת לֶעזֶענְדִיג אִיז עֶר טְרוֹיעֶרִיג גֶעוָוארֶען אוּנ פֶערְלָארֶען זַיין פְרִיהֶערְדִיגֶען פְרֶעהלִיכֶען מוּטְה.

—זֶעהֶר אַבִּיטֶערֶע יְדִיעָה בְּרֵיינְגְט אוּנְז דֶער בְּרִיעף פוּן אוּנְזֶער טְהַייעֶרְן פְרַיינְד — הָאט עֶר גֶעזָאגְט שָׁאקְלֶענְדִיג מִיטֶן קָאפּ וֶועהרֶענְד עֶר הָאט צוּזַאמֶען גֶעלֵייגְט דֶעם בְּרִיעף אוּנ הָאט אִיהם בֶּעהַאלְטֶען צוּ זִיךְ אִין בּוּזֶעם — יַא, אַזוֹא זַיינֶען שׁוֹין דִיא קַאטוֹילִישֶׁע גֵייסְטְלִיכֶע, זֵייא זַיינֶען פוּל מִיט שְׁמֵייכֶעל אוּנ לִיסְטִיגְקַייט! דָאךְ, הָאט עֶר זִיךְ גֶעוֶוענְדֶעט צוּא אוּנְז, טְרֵייסְט אַייךְ מַיינֶע יוּנְגֶע פְרַיינְד נָאךְ דֶעם ווִיא אִיהר זֶענְט שׁוֹין צוּ מִיר גֶעקוּמֶען, דֶען דָא וֶועט אִיהר פוּן קֵיין שׁוּם בֵּייזֶעס נִיט ווִיסֶען; אִין מִיר וֶועט אִיהר גֶעפִינֶען אַשִׁיטְצוּנְג אוּנ אַהִילְף, דוּא, טַייעֶרֶע רחל וֶועכְט זִיטְצֶען אִין אַייךְ צִימְמֶער מִיט אוּנְזֶער טָאכְטֶער בעללא, אִיךְ וַויים וואוֹל — הָאט עֶר שְׁמֵייכְלֶענְד גֶעזָאגְט — אַז דִיא מֵיידְלַאךְ לִיעבֶּען זִיךְ אֵיינֶע דִיא אַנְדֶערֶע אוּנ וֶוערֶען בַּאלְד בֶּעפְרַיינְדֶעט ווִיא שְׁוֶועסְטֶערְן, אוּנ דוּא מַיין פְרַיינְד — הָאט עֶר גִיזָאגְט צוּ מִיר זִיךְ וֶוענְדֶענְדִיג — וֶועסְט זַיין אַזוֹא גוּט אוּנ זִיטְצֶען אִין אוּנְזֶער גַאסְט צִימְמֶער, בִּיזְט דָאךְ מִיעד פוּן וֶועג, אוֹיךְ אִיז שׁוֹין שְׁפֶּעט אִין דֶער נַאכְט, גֶעהט זְשֶׁע אַייךְ אִיצְט אָבּ רוּהֶען אוֹיף אַייעֶרֶע עֶרְטֶער אוּנ מָארְגֶען וֶועלֶען מִיר עֶנְדֶעגִין דָאס וָואס מִיר דַארְפֶען אוּנ גָאט וֶועט אוּנְז זַיין צוּ הִילְף.

מיר האבען באלד געפאלגט זיינע רייד, דען מיר זיינען ווירקליך זעהר מיעד געוועזען פונם וועג אונ קוים האבען מיר זיך געלייגט אויף אונזערע געלעגער, זיינען מיר באלד אנשלאפען געווארען.

—שטיל, מיין יונגער פריינד!—האט אים דער רב איבער געשלאגען דיא רייד זעהענדיג וויא דיא שטיממע פון דעם ערצעהלער ווערד אלע מאהל שוואכער — דוא ביזט אויך איצט אזוא מיעד וויא דעמאלט; דיא האלבע נאכט איז שוין לאנג אוועק, אלזא דארפסט דוא זיך געהן אברוהען אונ מארגען אין אבענד וועלען מיר זיך צוריק דא אלע פערזאמלען צו אויס הערען דעם סוף פון דיין ערצעהלונג אונ דאן וועלען מיר אונז בעראטהען וואס צוא טהון, איצט אבער בלייבסט דוא ביי מיר צו הויז, ווייל דוא ביזט מיין גאסט אונ מיין פרויא וועט דיר אנווייזען אציממער וועלכעס וועט זיין דיין דירה אויף דער גאנצער צייט וואס דוא וועסט זיך דא געפינען אין שטאדט דערווייל געה לייג זיך שלאפען.

דיא דרייא בעלי בתים האבען אבשיעד גענוממען פון דעם רב אונ פון דעם נאסט אונ זיינען אהיים געגאנגען אונ דער יונגער מאן מיכאל איזראעל איז אריין געגאנגען אין זיין צימטער וואס דיא רעביצין האט איהם אנגעוויזען אונ אריין לייגענדיג זיך אין בעט איז ער באלד אנשלאפען געווארין.

## 2.

## פארטזעטצונג.

אויף דעם אנדערן טאג, אין אבענד האבען זיך ביי דעם רב אין שטוב צוריק פערזאמעלט דיא זעלבע מענשען פון געכטערן אונ דער נאכט, מיכאל איזראעל האט ווייטער אנגעהייבען צו דער צעהלען.

—געסטערן האב איך אויס געלאזט דער ביי, וואס איך מיט מיין שוועסטער רחל זיינען פערפאהרען קיין פראג צום גביר ר׳ מענדעל איטליש אונ האבען דארט איבער גינעכטיגט דיא ערשטע נאכט, אויף מארגען האט ר׳ מענדעל דער צעהלט זיין שוואגער ר׳ אברהם קארפיליש אלעס וואס עס האט פאסירט אין ענם, אונ צו גלייך דאס שרעקליכע אונגליק וועלכעס ערווארטעט אלע יודען פון עסטרייך דער מיט וואס זייא האבען אויף זיך ארויף געבראכט דעם צארן פון אפאנאטישען נייסטליכען, וויא ר׳ אברהם האט דאס דער הערט איז ער זעהר דער שראקען געווארען אונ האט גיענטפערט: ווירקליך, עס ווארט אגרוים אונגליק אויף אונזערע ברידער פון עסטרייך, דען דער גייסטליכער וועט נים רוהען אונ וועט ניט אויף הערן צו פערפאלגען אונזער פריינד דעם איזראעלן, אונ אזו וויא המן הרשע אין זיין צייט, וועט ער זיך ניט בענונגען

צוּ נוֹקֵם זַיין זִיךְ נָאר אָן אֵיין יוּדֶען אַלֵיין, זָאנְדֶערֶען עֶר וֶועט וֶועלֶען אוּם בְּרֵיינְגֶען אַלֶע יוּדֶען פוּן דֶעם לַאנְד, אוּנ דַארִיבֶּער אִיז מַיין עֵצָה אַז דֶער יוּנְגֶער איזראעל (דָאס הֵייסְט: אִיךְ זֶעלְבְּסְט) זָאל תֵּיכֶף זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּרִיק קַיין ענס; נָאר עֶר דַארְף אוּיס מֶערְקִירֶען צוּ אַרֵיין קוּמֶען אִין שְׁטָאט נָאר בַּייא נַאכְט, אוּם קֵיינֶער זָאל אִים דָארְט נִיט בֶּעמֶערְקֶען, פוּן דָארְט וֶועט עֶר אוּנְז אָן זָאגֶען אַלֶעס וָואס עֶס וֶועט פַּאסִירֶען מִיט זַיינֶע פְרַיינְד, אוֹיבּ עֶס הָאט זֵייא שׁוֹין חָלִילָה גֶעטְרָאפֶען דָאס אוּנְגְלִיק דוּרְךְ דֶעם גֵייסְטְלִיכֶען זָאל עֶר בַּאלְד אַוֶועק פָאהרֶען קַיין שלעזיען, אִין דֶער שְׁטָאדְט ליגניטץ צוּא מַיין אֵיידֶעם, דֶעם רַאבִּינֶער ר׳ משה אוּנ זָאל אִיהם זָאגֶען אַז עֶר אִיז פוּן מִיר גֶעשִׁיקְט גֶעוָוארֶען צוּ אִיהם, דַאן וֶועט עֶר אִיהם זֶעהר גֶערְן אוּיף נֶעמֶען אוּנ וֶועט אִיהם עֶרְפִילֶען וָואס עֶר פֶערְלַאנְגְט פוּן אִיהם, וַוייל מַיין אֵיידֶעם, דֶער רָב אִיז זֶעהר חָשׁוּב בַּייא דֶעם דָארְטִיגֶען פִירְשְׁט, וֶועט אֶפְשַׁר דוּרְךְ אִים קֶענֶען גֶעהָאלְפֶען וֶוערֶען אוּנְזֶער פְרַיינְד פוּן דָער גַייסְטְלִיכְקַייט וָואס וִויל אִיהם שְׁלֶעכְטֶעס טָאן.

אַזוֹי הָאט גֶערַאטְהֶען ר׳ אברהם קארפיליש, זַיין עֵצָה אִיז אוּנְז אַלֶעמֶען גֶעפֶעלֶען אוּנ טַאקִי בַּאלְד אוּיף מָארְגֶען בִּין אִיךְ שׁוֹין גֶעוֶועזֶען אִין וֶועג, אוּנְזֶער אָנְטְרַייבֶּער יעקב הָאט שְׁטַארְק צוּלָאזְט דִיא פֶערְד אַזוֹי אַז אִין אָוֶוענְד זֶענֶען מִיר שׁוֹין אָנְגֶעקוּמֶען אִין אַ דָארְף וֶועלְכֶער אִיז אֵיין שָׁעָה וַוייט פוּן ענס, דָא הָאבֶּען מִיר זִיךְ אָבְּגֶעשְׁטֶעלְט אוּם צוּא אָבְּוַוארְטֶען בִּיז עֶס וֶועט וֶוערֶען רֶעכְט פִינְצְטֶער דַאמִיט קֵיינֶער זָאל מִיךְ נִישְׁט דֶער קֶענֶען אַלְס אִיךְ וֶועל אַוֶועק גֵיין צוּא מַיין פֶעטֶער, פֶערְטִיפְט אִין מַיינֶע גֶעדַאנְקֶען בִּין אִיךְ אַרֵיין גֶעגַאנְגֶען אִין דֶער אַכְסַנְיָא פוּן דִיזֶען דָארְף, נִישְׁט אוּמְקוּקֶענְדִיג זִיךְ אוּיף דִיא בּוֹיעֶרֶען וֶועלְכֶע זֶענֶען דָארְט גֶעזֶעסֶען גְרוּפֶּענְוַוייז אוּנ גֶעטְרוּנְקֶען בִּיר אוּנ בֶּעת מַעֲשֶׂה גֶערֶעט, נָאר בַּאלְד הָאבּ אִיךְ מִיךְ עֶרְוֶועקְט פוּן מַיין פֶערְטְרַאכְט זַיין דֶערְהֶערֶענְדִיג זֵייעֶרְן אַ גֶעשְׁפְּרֶעךְ:

— הָאסְט שׁוֹין גֶעהֶערְט, יאאחים וָואס עֶס הָאט גֶעטְרָאפֶען אִין ענס? דֶער רֵייכֶער איזראעל מִיט זַיין פְרוֹיא זֶענֶען גֶעשְׁמִיט גֶעוָוארֶען אִין קֵייטֶען אוּנ אַזוֹי הָאט מֶען זֵייא גְלַייךְ אַוֶועק גֶעפִירְט קַיין וויען, וָוארוּם זֵייא הָאבֶּען אִיבֶּערְגֶערֶעט דֶעם וֶועכְטֶערְס פְרוֹיא פוּן אוּנְזֶער קִירְכֶע אוּנ דִיזֶע הָאט זֵייא גֶעבְּרַאכְט דָאס הֵיילִיגֶע בְּרוֹיט וֶועלְכֶעס זֵייא הָאבֶּען טָמֵא גֶעמַאכְט אוּנ הָאבֶּען עֶס נָאךְ דֶעם צוּא שִׁיקְט צוּא אַלֶע יוּדֶען פוּן דִיזֶער מְדִינָה אוּם זֵייא זָאלֶען דֶער פוּן אוֹיךְ חוֹזֵק מַאכֶען אוּנ אָבּ שְׁפֶּעטֶען.

—פֶערְפְלוּכְט זָאלֶען זַיין דִיא יוּדֶען, דֶער רוּחַ זָאל זֵייא צוּנֶעמֶען! הָאט יאאחים אוּיס גֶעשְׁרִיגֶען קְרִיצֶענְדִיג מִיט דִיא צֵיין — אַזַא מַעֲשֶׂה הָאבֶּען אָבּ גֶעטָאהן דִיא יוּדֶען אוּנ מִיר זָאלֶען זֵייא נָאךְ שְׁוַויינֶען? נֵיין, עֶס טָאר אַזוֹי נִישְׁט זַיין, לָאמִיר אוּנְז אַלֶע צוּזַאמֶען נֶעמֶען אוּנ זֵייא אַלֶע אוּיסְמָארְדֶען!

— אוּנְזֶערֶע לַייט הָאבֶּען שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבֶּען אָן זֵייא זִיךְ נוֹקֵם זַיין — הָאט

אדריטער גיענטוועדט — דען זייא זענען בעפאלען איזראעלס הויז און האבען אלעס פון דארט אויס גערויבט — און מיינער א פריינד, וועלכער וואר זעלבסט אויף דעם ארט וואו דיא מעשה איז געשעהן, האט מיר דער ציילט, אז איינער פון אונזערע גייסטליכע מאנאכען האט צוא זאמען גערופען דאס פאלק אום זייא זאלען זיך נוקם זיין אן דיא יודען פאר אונזער גאט וועלכען זייא האבען געשענדעט, און האט נאך געשוואוירען ביי זיין היילינקייט אז עס וועט זייא זיין פאר רעכענט פאר א גרויסע מצוה ווען זייא וועלען א תל מאכען פון דאס פארפלוכטע יודישע הויז און וועלען אוועק רויבען אלעס וואס עס געפינט זיך דארט.

פון דיזען געשפרעך האב איך שוין גיקענט פארשטיין וואס עס האט פאסירט מיט מיין פעטערס הויז, דאס הארץ איז אין מיר געווארען פערקיהלט, אלע גלידער זענען מיר וויא אב געשטארבען און איך בין שטעהן געבליבען וויא א סטאטוע און האב פאר וועהטיג מיך נישט גיקענט ריהרען פון'ם ארט, נאר ביסליך וייז האב איך צוריק בעקומען דעם מוטה און בין ארויס געגאנגען פון דער קרעטשמע, איך בין באלד צוא געלאפען צום שטאל, האב ערצעהלט יעקב'ן וואס איך האב געהערט פון דיא בויערין און איהם געהייסען דא אויס ווארטען אויף מיר ביז איך וועל מיך אומקערין צוריק און אליין בין איך בגניבה אריין געקומען אין שטאט אום צוא זעהען מיט מיינע אויגען דעם חורבן פון מיינע פריינדס הויז, עס וואר שוין דאנן גענוג שפעט אין דער נאכט, דאך האט נאך אין איינציגע הייזער געברענט פייער, איך אבער האב מיך פון דארט אוועק גיקעהרט און האב אויס געקליבען דעם וועג דורך פינצטערע גאסען ביז איך בין ענדליך אריין געקומען אין דעם יודישען קווארטאל, דארט בין איך שוין געוועזען זיכער און זיך ניט געשראקען טאמער וועט מיך יעמאנד בעגעגנען, דער וייל האט זיך ארויס געוויזען דיא לבנה פון אונטער דיא וואלקען און האט בעלייכט מיין וועג און דורך דער הילף פון זיין שיין בין איך גיכער אנגעקומען צוא מיין פעטערס הויז — און צוא מיינע טיפע שמערצען האב איך דער זעהן אז עס איז אין גאנצען פערוויסטעט געווארען, עס איז דער פון נאר געבליבען דיא צובראכענע באלקען מיט אגרויסען בארג ערד! וויא אטרוימענדער בין איך געבליבען שטיין צוא געשמיט אויפין ארט און ניט בעגלויבט מיינע אויגען וואס זייא זעהען, נאר באלד האב איך מיך איבער־ציינט אז עס איז נישט קיין חלום און אז דאס אלעס וואס מיינע אויגען זעהען איז עס ווירקליך אזוי, דאנן האב איך מיך ביטער צוא וויינט אויף דעם אומגליק פון מיינע פריינד — דאס הויז אין וועלכען איך האב פון מיין וואהלטהעטער גענאסען אגליקליך לעבען; דאס הויז אין וועלכען עס האבען שטענדיג גערוהט דיא מלאכי השלום (פרידענס ענגלען), און יעדער אומגליק־ליכער האט דארט געפונען אשיטץ און אהילף צוא זיינע ליידען — פון דיזען הויז, א! איז יעצט געווארען אחורבה און זיינע ליבע און טהייערע מענטשען,

(ד ר צווי'טער המן) דיא

דִיא וַואהְרֶע אָרֶענְטְלִיכֶע לַייט לִיגֶען אִין תְּפִיסָה פֶּערְקַאוֶועט אִין קַייטֶען וִויא שְׁוֶוערֶע מֶערְדֶער אוּנ וַוארְטֶען גֶעשְׁטְרָאפְט צוּא וֶוערֶען פַאר דֶער זִינְד וֶועלְכֶע זַייא זֶענֶען גָאר נִישְׁט בֶּעגַאנְגֶען! אָבֶּער נַיין, דָאס וֶועט נִישְׁט זַיין! עֶס אִיז נָאךְ דָא רִיכְטֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּנ נִישְׁט תָּמִיד וֶועט דֶער שֶׁקֶר זִיגֶען, אִיךְ וֶועל זַייא בֶּעפְרַייעֶן פוּן דֶעם טַייפֶעל וֶועלְכֶער פַאר שְׁטֶעלְט זִיךְ פַאר אַנַייסְטְלִיכֶען אוּנ נָאךְ פַאר אַמָאנַאךְ דֶער צוּא, אִיךְ וֶועל פוּן זַייא אָבְּשְׁלָאגֶען דִיא קַייטֶען אוּנ זַייא אוֹיסְלֵייזֶען פוּן דֶעם טוֹיט.

אָט דִיזֶע גֶעדַאנְקֶען הָאבֶּען מִיךְ עֶרְוֶועקְט צוּא פֶּערְלָאזֶען דִיא מִינוּט דָאס אָרְט אוּנ צוּא אַיילֶען זִיךְ צוּא הֶעלְפֶען מַיינֶע טְהַייעֶרֶע פְרַיינְד, צוּא פְּרוּוֶוען מַיינֶע קְרֶעפְטֶען פִילַייכְט וֶועט מִיר גָאט הֶעלְפֶען זַייא צוּא רֶעטֶען פוּן דֶער צָרָה.

נָאךְ אַמָאל הָאבּ אִיךְ אַטְרוֹיעֶרִיגֶען בְּלִיק גֶעגֶעבֶּען אוֹיף דֶער חוּרְבָּה פוּן מַיינֶע פְרַיינְד אוּנ הָאבּ עֶס מִיט אַפַארְבִּיטֶערְט הַארְץ פֶערְלָאזְט אוּנ בִּין צוּא גֶעקוּמֶען צוּא אַקְלֵיין אָרוּם שְׁטִיבֶּעל אִין וֶועלְכֶען עֶס הָאט נָאךְ גֶעבְּרֶענְט פַייעֶר אוּנ הָאבּ אָנְגֶעקְלַאפְּט אָן דֶער טְהִיר, עֶס אִיז צוּא מִיר אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען אַיין אָרִימַאנְן אִין צוּרִיסֶענֶע קְלֵיידֶער מִיט אַלָאמְפְּ אִין הַאנְד אוּנ אַלְס עֶר הָאט אוֹיף מִיר נָאר אַקוּק גֶעטָאהן הָאט עֶר מִיךְ בַּאלְד דֶער קֶענְט.

— דָאס בִּיזְט דוּא, טְהַייעֶרֶער מיכאל! גֶעלוֹיבְּט אִיז גָאט וָואס דוּא בִּיזְט נִישְׁט גֶעוֶועזֶען צוּא הוֹיז אוּנ בִּיזְט אַלְזָא גֶערֶעטֶעט גֶעוָוארֶען פוּן דֶעם אוּנְגְלִיק וָואס הָאט גֶעטְרָאפֶען דַיינֶע פְרַיינְד! דֶען מֶען הָאט דִיךְ מִיט דַיין שְׁוֶועסְטֶער דָארְט גֶעזוּכְט אוּנ וֶוענְן מֶען זָאל אַייךְ גֶעוֶוען גֶעפִינֶען וָואלְטֶען זַייא אַייךְ גֶעוִויס נִיט פֶערְשׁוֹינֶען, נָאר קוּם אַריין צוּא מִיר אִין שְׁטוּבּ, מַיין אוּנְגְלִיקְלִיכֶער פְרַיינְד, אוּנ רוּא זִיךְ אַבִּיסֶעל אוֹיס פוּן דֶעם וֶועג.

— אִיךְ בֶּעט אַייךְ, ר׳ נחום, הָאבּ אִיךְ מִיךְ אָבּ גֶערוּפֶען, דֶער צֵיילְט מִיר אוֹיכְפִּיהְרְלִיךְ וָואס עֶס אִיז גֶעשֶׁעהן מִיט מַיינֶע פְרַיינְד, דֶען עֶס גֵייט מִיר אִין לֶעבֶּען!

— מֶען הָאט זַייא בֵּיידֶע פֶּערְקַאוֶועט אִין קַייטֶען פַאר אַבֶּלְבּוּל אוּנ זַייא אָבּ גֶעפִיהְרְט קַיין ווייען, אִין דֶער תְּפִיסָה.

— יַא, דָאס וַוייס אִיךְ שׁוֹין! הָאבּ אִיךְ אוֹיס גֶערוּפֶען מִיט שְׁמֶערְץ, נָאר וֶועלְכֶען בִּלְבּוּל הָאט מֶען אוֹיף זַייא אַרוֹיף גֶעוָוארְפֶען? צוּא הָאט זִיךְ שׁוֹין אוֹיס גֶעלָאזְט דִיא גֶערֶעכְטִיגְקַייט דָא אִין לַאנְד אוּנְד עֶס זֶענֶען שׁוֹין נִישְׁט דָא מֶעהר קַיין עֶהרְלִיכֶע רִיכְטֶער?

— דֶער בִּלְבּוּל אִיז, דָאס זַייא הָאבֶּען אִיבֶּער גֶערֶעט מִיט גֶעלְד אַקְרִיסְטְלִיכֶע פְרוֹיא, אוּנ דִיזֶע הָאט זַייא גֶעבְּרַאכְט פוּן דֶער קִירְכֶע דָאס הֵיילִיגֶע בְּרוֹיט אוּנ זַייא הָאבֶּען עֶס מְטַמֵּא גֶעוֶועזֶען אוּנ הָאבֶּען צוּא שִׁיקְט צוּא אַלֶע יוּדֶען פוּן דֶעם לַאנְד זַייא זָאלֶען דֶער פוּן אָבּ שְׁפֶּעטֶען.

— אָבֶּער וִויא אַזוֹיא אִיז עֶס גֶעשֶׁעהן? אוּנ וֶוער הָאט אוֹיף זַייא אַרוֹיס

גֶעלָאזְט דֶעם בִּלְבּוּל ? אִיךְ בֶּעט אַייךְ , ר׳ נחום , דֶער צֵיילְט מִיר אַלֶעס וָואס אִיהר וַוייסְט אוּנ בֶּעהַאלְט פַאר מִיר נִיט קַיין זַאךְ !

— דַיין גֶעבֶּעט עֶרְפִּיל אִיךְ מִיט דֶעם גַאנְצֶען הַארְצֶען , דֶען דוּא מוּזְט עֶס אוֹיף קְלָאר וִויסֶען אֵיידֶער דוּא רַייזְט אָב פוּן דַאנֶען , אוּנ דָא פֶערְבְּלַייבֶּען קֶענְסְט דוּא נִיט אוּם עֶס זָאל דִיר קַיין אוּנְגְלִיק גֶעשֶׁעהֶן דוּרְךְ דִיא שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשֶׁען וָועלְכֶע קוּקֶען דָא אַרוֹים אוֹיף דַיין לֶעבֶּען , וַוייס מַיין פְרַיינְד , אַז אִיךְ הָאבּ אַקָאנְדְשַׁאפְט מִיט דֶעם מָאנַאךְ אִיגנַאצִיוּס מְשָׁרֵת וָועלְכֶער הֵייסְט פֶּעטֶר , דִיזֶער אִיז מִיר זֶעהר עֶרְגֶעבֶּען וַוייל אִיךְ הָאבּ מִיט אִיהם אַמָאל נוֹטִס גֶעטָאהן אוּנ אָט וָואס אִיךְ בִּין פוּן אִיהם גֶעוָואר גֶעוָוארֶען : אַלְס אִיגנַאצִיוּס אִיז אַרוֹים גֶעגַאנְגֶען פוּן אַייעֶר הוֹיז , אִינֶ׳ם לֶעצְטֶען מָאל , נָאךְ דֶעם וִויא עָס אִיז אִיהם נִיט גֶערָאטֶען צוּא פַאנְגֶען דַיין שְׁוֶועסְטֶער אִין זַיין נֶעטְץ , אִיז עֶר גֶעוֶועזֶען הֶעכְסְט צָארֶענְדִיג , עֶר הָאט תֵּיכֶף גֶעהֵייסֶען פַאר רוּפֶען צוּא זִיךְ זַיינֶע חֲבֵרִים , דִיא מָאנַאכֶען אוּנ זַייא מְכַבֵּד גֶעוֶועזֶען מִיט דֶעם בֶּעסְטֶען וַויין פוּן זַיין קֶעלֶער , נַאכְהֶער הָאט עֶר זִיךְ צוּא זַייא אָבְּגֶערוּפֶען : זַייט וִויסֶען מַיינֶע פְרַיינְדֶע , אַז עֶס גֶעפִינְט זִיךְ בַּייא אוּנְז אַזַא זַאךְ וָועלְכֶע וָועט אוּנְז קֶענֶען אַגְרוֹיסֶען פֶערְגֶענִיגֶען פֶערְשַׁאפֶען , דִיא דָאזִיגֶע טְהַייעֶרֶע זַאךְ אִיז — אַאִידִישׁ מֵידֶעל וָועלְכֶע אִיז שֵׁיין וִויא דִיא וֶועלְט , דִיזֶע אִיז דִיא שֵׁיינֶע רחל , דִיא פְלִימֶענִיצֶע פוּן דֶעם רַייכֶען אִיזְרַאעֶל , אִיךְ הָאבּ שׁוֹין זָאנַאר מִיט אִיהר גֶעשְׁמוּעֶסְט אוּנ זִיא שִׁיר נִישְׁט אִיבֶּער גֶערֶעט זִיא זָאל אַריין טְרֶעטֶען אִין דֶעם מָאנַאסְטִיר סאנקט אורזילא , נָאר דֶער שָׂטָן הָאט זִיךְ אִין דְרִינֶען אַריין גֶעמִישְׁט אוּנ הָאט אוֹיף דֶער מִינוּט אָנְגֶעבְּרַאכְט אִיהרֶע פְרַיינְד , זַייא זָענֶען אַריין גֶעקוּמֶען אִין שְׁטוּבּ פוּנְקְט וֶוען אִיךְ הָאבּ זִיא שׁוֹין גֶעוָואלְט אוּמַארְמֶען אוּנ עֶס אִיז דָארְט גֶעוָוארֶען אַגַאנְצֶער לֶיאַרֶם , דִיא שֶׁענְדְלִיכֶע יוּדֶען הָאבֶּען מִיךְ גוּט אָנְגֶעזִידֶעלְט אוּנ אַרוֹים גֶעטְרִיבֶּען מִיט חֶרְפָּה פוּן זַייעֶר הוֹיז , אַזַא שַׁאנְד צוּא הָאבֶּען פוּן אַאִידִישׁ פָאר פָאלְק — וֶוער קֶען עֶס לַיידֶען ? אוּנ דַארִיבֶּער הָאבּ אִיךְ גֶעשְׁוָוארֶען אָן זַייא זִיךְ נוֹקֵם צוּא זַיין פַאר דֶער בּוּשָׁה , אוּנ וֶועל דִיא שְׁבוּעָה אוַדַאי מְקַיֵּם זַיין , וֶוען נָאר אִיהר מַיינֶע בְּרִידֶער וֶועט מִיר זַיין צוּא הִילְף , קוּם הֶער פֶּעטֶר , בְּרֵיינְג אַריין נָאךְ וַויין , וָוארוּם עֶר וִוירְקְט זֶעהר וואוֹיל אוֹיף אַזֶעלְכֶע פֶערְבִּיטֶערְטֶע הֶערְצֶער וִויא מִיר הָאבֶּען הַיינְט .

דֶער וַויין הָאט זִיךְ גֶעגָאסֶען פוּן דִיא פְלֶעשֶׁער אִין דִיא גְלֶעזֶער , דִיא גְלֶעזֶער הָאבֶּען זִיךְ אַלֶע מָאל אָנְגֶעשְׁלָאגֶען אֵיינֶע אָן דִיא אַנְדֶערֶע אוּנ דִיא מָאנַאכֶען זָענֶען רֶעכְט שִׁכּוֹר גֶעוָוארֶען .

— אִיצְט מַיינֶע בְּרִידֶער , זָאגְט אַייעֶר עֵצָה וָואס צוּא טָאהן , הָאט אִיגנַאצִיעס תַּייטֶער גֶערֶעט , קְלֶערְט אוֹיס אַפְּלַאן וִויא אַזוֹיא אִיךְ זָאל מִיךְ נוֹקֵם זַיין אָן דֶעם פֶערְפְלוּכְטֶען אִיזְרַאעֶלְן מִיט זַיין פְרוֹיא אוּנ וִויא מִיר זָאלֶען קֶענֶען פוּן דָארְט אַרוֹים חַאפֶּען דָאס שֵׁיינֶע טַייבֶּעלֶע אוּנ צוּא מַאכֶען פַאר דעם

דֶעם אַנֵייסְט אִין אוּנְזֶער מָאנַאסְטִיר, אוּם אַלֶע טָאג זָאל אַיין אַנְדֶערֶער פּו
אוּנְז אִיהר קֶענֶען אַוִויזִיט מַאכֶען.

— עֶס וָואלְט גוּט זַיין, הָאט דֶער מָאנַאךְ סִיקְטוּס גֶעזָאגְט זַיין מֵיינוּנְג, וָוען מִיר זָאלֶען גֶעפִינֶען אַזַא מֶענְטְשֶׁען וָועלְכֶער זָאל פַאר גֶעלְד מְרוּצֶה וֶוערֶען צוּא אַרַיין שְׁטוּילֶען זִיךְ אִין אִיזְרַאעֶלְס הוֹיז אוּנ פוּן דָארְט אַרוֹיס נֶעמֶען רחל'ן צוּא אוּנְז; וָואלְט דָאס זַיין צוּא אַגְרוֹיסֶען שְׁטְרָאף צוּם אַלְטֶען אִיזְרַאעֶלֶן אוּנ אוּנְז וָואלְט עֶס זַיין צוּא אַגְרוֹיס פֶערְגֶענִיגֶען.

דֶערוֹיף הָאט אִינְנַאצִיוּס צוּא גֶעשָׁאקֶעלְט מִיטִין קָאפּ אוּנ גִיעֶנְטְפֶערְט: נָאךְ קֶענְסְט דוּא נִיט דִיא חִיטְרֶע יוּדֶען? זֵייא וֵוייסֶען שׁוֹין וִויא אַזוֹיא צוּא בֶּעהַאלְטֶען דָאס מֵיידֶעל פַאר אוּנְז אַלֶעמֶען! אוּנ וֶוען אֲפִילוּ עֶס זָאל אוּנְז שׁוֹין גֶעלִינְגֶען דִיא אַרְבַּייט, וֶוער וֵויים אוֹיבּ מִיר וֶועלֶען זִיא קֶענֶען פֶערְהַאלְטֶען בַּייא אוּנְז אוּנ מִיט אִיהר זִיךְ בַּאגֵיין וִויא מִיר ווִילֶען? דַארִיבֶּער אִיז קַיין בֶּעסֶערֶער פְּלַאן נִיט דָא וִויא צוּא אִיבֶּערְפַאלֶען פְּלוּצִים זֵייעֶר הוֹיז אוּנ צוּא בְּרֵיינְגֶען אַיין אוּנְגְלִיק אוֹיף דִיא מֶענְטְשֶׁען פוּן דָארְט, אֵיינֶער פוּן דִיא יוּדֶען הָאט דָאךְ גֶעשֶׁענְדֶעט אוּנְזֶער גְלוֹיבֶּען דֶער מִיט וָואס עֶר הָאט גֶעזִידֶעלְט אֵיינֶעם פוּן אִיהרֶע גַייסְטְלִיכֶע, אַלְזָא דַארְפֶען מִיר אוּנְז נוֹקֵם זַיין נִיט נָאר אִין אִיהם אַלֵיין, זָאנְדֶערְין אִין אַלֶע עֶסְטְרַייכִישֶׁע יוּדֶען; אַנְקָמָה וֶועלְכֶע וֶועט נִישְׁט נָאר אוּנְז אַלֵיין לִיבּ זַיין, וֶוען מִיר וֶועלֶען זִיא אוֹיס פִיהרֶען, זָאנְדֶערְין זִיא וֶועט זַיין אַיינְגֶענֶעהם צוּא אַלֶע אוּנְזֶערֶע קְרִיסְטְלִיכֶע בְּרִידֶער, פוּן דֶער מַאסְסֶע בִּיז דֶער אַרִיסְטָאקְרַאטִיֶע אוּנ זָאנַאר זָעלְבְּסְט דֶעם פִירְשְׁט וֶועט עֶס הֲנָאָה טָאהן, יָעצְט הֶערְט אוֹיס מַיין עֵצָה: דֶעם וֶועכְטֶערְס פְרוֹיא פוּן אוּנְזֶער קִירְכֶע הָאט לִיבּ דֶעם טְרוּנְק אוּנ קְרִיגְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג מִיטִין מַאן דֶער פַאר וָואס עֶר שְׁטֶעלְט אִיהר נִיט צוּא דִיא פֶערְגֶענִיגֶען צוּא טְרִינְקֶען חִיא פִיל זִיא וִויל, דִיזֶע פְרוֹיא אִיז גְרֵייט פַאר גֶעלְד צוּא טָאהן אַלֶעס וָואס מֶען זָאל אִיהר הֵייסֶען, דַארִיבֶּער וֶועט אוֹיךְ לַייכְט זַיין אֵיינֶעם פוּן אוּנְז עֶר זָאל זִיא אִיבֶּער רֵיידֶען צוּא אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דֶער קִירְכֶע דָאס הֵיילִיגֶע בְּרוֹיט אוּנ זָאל עֶס אַוֶועק טְרָאגֶען צוּם רַייכֶען אִיזְרַאעֶלִין פֶערְקוֹיפֶען פַאר אַגוּטֶער פְּרַייז, דֶען מֶען וֶועט אִיהר אַיין רֵיידֶען אַז דִיא יוּדֶען נֶעטְהִיגֶען זִיךְ שְׁטַארְק אִין דֶעם בְּרוֹיט, אִיךְ וֵויים אַז דִיא פְרוֹיא וֶועט מְרוּצֶה וֶוערֶען דָאס צוּא טָאהן, אוּנ דַאן וֶועלֶען מִיר אִיהר נָאךְ גֵיין צוּא זָאמֶען מִיט דֶעם פָּאלִיצֵיימַייסְטֶער אוּנ מִיט נַאמְשַׁאלְסְטְוָוא אוּם צוּא חַאפֶּען דִיא פַאר בְּרֶעכֶער פוּנְקְט בַּייא דֶעם רֶעכְטֶען פַאר בְּרֶעכֶען, אָט דָאס וֶועט זַיין אוּנְזֶערֶע עֶרְשְׁטֶע אַרְבַּייט אוּנ וַייטֶער וֶועט אוּנְז שׁוֹין דִיא צַייט אוֹיס לֶערְנֶען וָואס צוּא טָאהן אוּם מִיר זָאלֶען זִיךְ קֶענֶען נוֹקֵם זַיין אָן אַלֶע פֶערְפְלוּכְטֶע יוּדֶען פוּן דִיזֶען לַאנְד.

זַיין עֵצָה אִיז גֶעפֶעלֶען אַלֶע מָאנַאכֶען אוּנ אֵיינֶער פוּן זֵייא הָאט זִיךְ פַארְנֶענוּמֶען דָאס אוֹיס צוּא פִיהרֶען אוֹיף מָארְגֶענְדִיגֶען אָבֶענְד.

אִיךְ וֵויים נִיט וָואס עֶס הָאט דַאן וְגֶעטְרָאפֶען מִיט דַיין פֶעטֶער אִין

שטוב, האט ר׳ נחום מיר ווייטער דער ציילט, נאר דאס האבען מיר ליידער אלע געזעהען וויא אגרויסער עולם פון דער געמיינער מאכסע האבען זיך אין יענעם אבענד פערזאמעלט ארום איזראעלס הויז, אונ צוויא קארעטעס זענען צוא געפאהרען צום טויער אונ האבען זיך דארט אב געשטעלט; אין איינער האט מען אריין געזעצט דיין פעטער מיט דיין מומע, ביידע פערקאוועט אין קייטען, אונ אין דער צווייטער האט מען אריין געזעצט דעם וועכטערס פרויא אויך אין קייטען פערשמידט, אסך זעלנער האבען ארום גענומען דיא קארעטעס פון אלע זייטען אונ איינער פון דיא ריכטער איז פאראויס געגאנגען אונ דיא קארעטעס האבען איהם נאך געפאלגט, אקול איז ארוים אז מען וועט ברייגגען דיא געפאנגענע גלייך קיין ווין אונ דארט וועלען זייא בעקומען זייער גיהעריגען שטראף, ביז עס האט נאך געהאלטען דיא אונטערזוכונג (סליעדסטווא) בייא דיין פעטער אין שטוב האט זיך דער עולם אויף געהאלטען רוהיג, נאר קוים האט מען זייא ארוים געפיהרט פון דארט איז געווארען אגרויסער ליארם צווישען דער מאססע אונ פלוצים האט איינער פון זייא אווארף געטאהן אשטיין אין אפענצטער פון איזראעלס הויז, דאס איז געוועזען אסיגנאל נאר אונ באלד דערויף זענען זייא אנגעפאלען דאס הויז פון אלע זייטען, צווישען דער ווילדער מאססע האט מען אויך געזעהען דעם מאנאך איננאציוס מיט זיינע חברים פאר שטעלט אין אנדערע קליידער, וועלכע זענען דיא ערשטע אריין געלאפען אין דעם הויז, האבען צוא בראכען דאס גאנצע מעבעל אונ האבען אין זעק איין געפאקט דאס גאלד אונ זילבער מיט אלע עדעלשטיינער אונ זענען אוועק געגאנגען, אונ דיא מאססע האט אוועק גערויבט דאס איבעריגע וואס עס האט זיך נאך אב געשטעלט, האבען צוא בראכען אונ א תל געמאכט פון דעם גאנצען הויזראטה אונ אם ענדע האבען זייא אויס געלאזט זייערע הערצער צום הויז אליין, האבען עס איינגעווארפען ביז אין גרונד אונ אזויא איז פון דעם שיינעם מויער איצט נאר געבליבען אבארג ערד, וויא דוא האסט שוין געזעהן, דאך דער מיט אליין האט זיך דיא ווילדע מאססע ניט געוואלט לאזען בענוגען אונ האט נאך געדענקט צוא אברויבען דיא איבעריגע יודען פון דעם געגענד, נאר דער גובערנאטאר מיט דער פאליציי האט זייא געשטערט פון דער ארבייט אונ האבען ארוים געלאז־ אבאפעהל אונ שטריינג פערבאטען דיא יודען שלעכטס צוא טאהן אונ אלס דיא פאליציי דינער האבען זיך צוא לאזט איבער דער שטאט מיט דיא בלויזע זעבלען אין דיא הענד, האט זיך דיא מאססע דער שראקען אונ זענען זיך צוא לאפען אונ מיר זענען אלזא גערעטעט געווארען.

אויך דאס האט מיר פעטר געזאגט, האט ר׳ נחום געענדיגט זיין ערציילונג, אז מען וועט דיינע פריינד צוא שטעלען אין וויען פאר דעם געריכט פון דיא גייסטליכע, — דיא עלצטע פון דער שרעקליכער אינקוויזיציע — אונ דוא ווייסט דאך, מיין פריינד, דעם סוף פון דעם מענטשען וועלכער פאלט

אריין אין זייערע הענד, ער דרייט זיך שוין גאנץ פון זיי ניט ארויס, אונ בפרט דיינע פריינד וועלכע זענען בעשולדיגט אין אזא שרעקליכען בלבול, אין אזא אונפערצייהליכער זינד, א ווער קען אויף זיי רחמנות האבען, אונ ווער קאן זיי בעדויערן!...

דער מענטש (ר׳ נחום) איז שטיל געבליבען, דען עס האט איהם פערהאפט דער אטהעם, אונ איך בין ארויף געפאלען אויף זיין האלז אונ ביידע האבען מיר זיך זייער ביטער צוויינט, נאר באלד האב איך מיך דער מאנט וואס איך האב צו טאהן אונ האב מיך באלד געמוטהיגט אונ נאך דעם וויא איך האב מיך מיט איהם געזעגענט בין איך אוועק געגאנגען מיין וועג.

שטיל אונ לאנגזאם האב איך פערלאזט די שטאט אונ קיינער האט מיך ניט בעמערקט, אונ אים האלבע נאכט בין איך צוריק אנגעקומען אין דעם דארף אין וועלכען עס האט אויף מיר געווארט מיין טרייער דיענער יעקב אונ נאך איידער עס האט אנגעהויבען ברעכען אויף טאג האבען מיר זיך שוין אוועק געלאזט אין וועג, דאס ציעל פון אונזער רייזע וואר יעצט, אום וויא פריער צו קומען קיין ליגניטץ, אום איך זאל מיך זעהען מיט אייך, מיין הערר ראבינער אונ אייך צו בעטין איהר זאלט זעהן העלפען מיינע אונגליקליכע פריינד, אזוי וויא עס האט מיך געבראטהען אייער ניעהרטער שוועהר. אין וועג איז קראנק געווארען ביי אונז אפערד, האב איך דארט איבער געלאזט דעם וואגען מיט מיין דיענער אונ בין אליין אוועק געגאנגען צו פוס ביז איך בין ענדליך אנגעקומען צו אייער הויז.

אזויא האט מיכאל איזראעל גיענדיגט זיין ערציילונג, אונ דאן האט ער אויפגעהויבען אויף דעם רב זיינע אויגען אונ גיט זייענדיג מער אין שטאנד צו אויפהאלטען אין זיך די שמערצען, האט ער מיט ביידע הענד זיך פאר שטעלט דאס געזיכט אונ זיך ביטער צוויינט, אלע, וואס האבען איהם ביזהער אויס געהערט, זענען וויא פערשטיינערט געבליבען זיטצען אויף זייערע ערטער אונ זייערע אויגען האבען זיך אנגעגאסען פול מיט טרערין, נאר דער רב האט זיך געמוטהיגט אונ איז צו געגאנגען צו מיכאל׳ן אונ ארויפלייענדיג זיין האנד אויף זיין אקסעל האט ער זיך צו איהם אב גערופען מיט גרויס ליבע אונ רחמנות: מוטהיג זיך, מיין יונגער פריינד אונ זיי ניט אזויא פערצווייפעלט, אמת דיינע שמערצען זענען זייער גרויס, דאך פאל ביי זיך ניט אראב! האף צו גאט, תארום ער שטראפט דעם מענטשען אונ העלפט איהם אויך אויס, איך גלויב אז ווען גאט וועט מיר זיין צוהילף וועל איך גיך אויסלייזען דיינע פריינד פון זייער צרה, אונזער גוטער פירשט איז זייער חשוב ביי דעם קייסער זיגיסמונד, אונ דאס ווייסט דוא דאך אז אייער פירשט אלברעכט איז דעם קייסערס איין איידעם אונ צו גלייך אויך דער יורש פון זיין שטול, אלזא וויא באלד עס וועט מיר געלינגען צו

ערוועקען דעם רחמנות פון אונזער פירשט אויף דיין פאמיליע, וועט ער שוין זיין זייער פערטהיידיגער אונ זייא וועלען אויך געהאלפען ווערען, נאר אט אין וואס דיא מניעה איז יעצט: איך ווייס נישט וויא אזויא ניינט מען דעם פירשט אויף אונזער זייט, אמת ער איז נישט קיין שלעכטער רעגירער אונ ליבט זייער גוטס צוא טאן; ער איז אבער זייער לייכטזיניג ווייל ער איז איבער געגעבען צוא פיל נאך וואהללוסטען (תענוגים) אונ פאר בריינגענדיג שטענדיג דיא צייט מיט זיינע טשינאווניקעס פארגעסט ער באלד וואס ער זאגט צוא אונ ווערט נאך בייז ווען מען דער מאנט עס איהם, נאר ווען מיר זאלען קענען געוויננען איינעם פון זיינע נאהנטע מענטשען וועלכער זאל וויסען דיא גינקטיגע צייט אב צופאסען ווען איהם צוא דער מאנען אן זיין פאר שפרעכין בשעת ער וועט זיין רעכט אויף גלעגט, דאן ווייס איך זיכער אז אונזער פלאן וועט אויס געפיהרט ווערען, אונ צוואר געפינט זיך אזא מענטש וועלכער איז שטארק חשוב ביים פירשט אונ ווען ער זאל עס איהם פארלייגען, וואלט ער געוויס פועלן, — דיזער איז דער גובערנאטאר אונזערר, גראף היינץ צעדליץ; ער בעמיהעט אויך דיא שטעלע פון רעגירער ווען דער פירשט רייזט אב קיין אויסלאנד, נאר דער גובערנאטאר איז אבער ביא זיך זייער שטאלץ איז גאר נישט מעגליך צוא צוטרעטען צוא איהם אונ ריידען דאריבער, נא ווער אלזא קען זיך פון אונז אונטער נעהמען צוא איבער שמועסן מיט איהם מכוח דער זאך?

— איך, גיעהרטער רבי, וועל דאס טאהן — האט זיך אב גערופען ר׳ שטאנצעל מאיר — דען דער גובערנאטאר האלט פון מיר זייער פיל אונ געדענקט דאס גוטס וואס איך האב מיט איהם אמאל געטאהן, דאס איז געוועזען אים יאהר 1414, אלס עס האבען זיך אויס געגלייכט דיא יורשים פון היינריך VIII מיט דער ירושה פון דער רעגירונג אין ליגניטץ, האט לודוויג דער צווייטער געדארפט אויס צאהלען זיין ברודער זעכס טויזענד גולדען פאר זיין חלק ירושה, נאר דיא מלחמה האט ביא איהם צוא גענומען זיין גאנץ געלד, האט ער געמוזט אוועק געבען פאר אמשכון דיא אלע טייערע עדעלשטיינער פון זיין פרויא עליזאבעטהע, דיא טאכטער פון פרידריך האהענצאללערן, אונ אלס דער גראף צעדליץ האט בעמערקט איהרע שמערצען וואס זיא האט דער פון, האט עס איהם אליין אויך זייער געשמערצט, דאריבער האט ער מיך גלאזט רופען צוא זיך אין פאלעץ אונ האט זיך צוא מיר געווענדעט מיט פאלגענדע רעדע: „איך האב אויף דיר געהערט זאגען אז דוא ביזט איין ערענטליכער מאנן, אונ אזוי וויא איך וויל יעצט לייען געלד פאר מיין פירשט, אלזא זאג וויפיל דוא פאדערסט פראצענט אונ איך וועל דיר געבען מיין פאלעץ פאר אמשכון״. — מיין הערר גראף, האב איך גיענטפערט, פאר מיין געלד וויל איך נאר זעכס פראצענט פון הונדערט אונ קיין משכון פערלאנג איך נישט פון דיר, דער גראף איז

עֶרְשְׁטוֹינְט גֶעוָוארֶען דָאס הֶערֶענְדִיג אוּנ זַיין גֶעזִיכְט הָאט דַאבַּייא אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּא שְׁטְרַאהלֶען פוּן פְרֵייד, „אַזוֹיא, ווִילְסְט דוּא נָאר זֶעכְּס פְּרָאצֶענְט אוּנ אָהן אַמַשְׁכּוֹן? הָאט עֶר מִיךְ אִיבֶּער גֶעפְרֶעגְט, אוּנ אִיךְ בִּין פוּן שְׁטֶענְדִיג אָן נָאר גֶעוואוֹינְט צוּא צָאהלֶען גְרוֹיסֶע פְּרָאצֶענְטִין אוּנ דֶער צוּא נָאךְ אָבּ גֶעבֶּען פַאר אַמַשְׁכּוֹן אַלֶעס וָואס אִיךְ פַאר מָאג! דִיא מאנאסטירן גֶעהֶמֶען דָאךְ 12 פְּרָאצֶענְט פוּן הוּנְדֶערְט אוּנ נָאךְ מֶעהר אוּנ נֶעמֶען נָאךְ אַרַיין אִין זֵייעֶרֶען מַאכְט דִיא גִיטֶער מִיט אַלֶע טַייעֶרֶע זַאכֶען וָואס דֶער לֹוֶה בֶּעזִיצְט, יֶעצְט ווֵייס אִיךְ אוֹיף זִיכֶער אַז דוּא בִּיזְט אַיין אָרֶענְטְלִיכֶער מַאן! אִיךְ לַייהֶע בַּייא דִיר פַאר אוּנְזֶער פִירְשְׁט זֶעכְּס טוֹיזֶענְד גוּלְדֶען זִילְבֶּער, קוּם אַרַיין אִין מַיין שְׁרַייבְּצִימֶער, דָארְט וֶועט זִיךְ מִיט דִיר מַיין פֶערְוַואלְטֶער פוּן מַיין הוֹיז צוּא שְׁרַייבֶּען ווִיא עֶס גֶעהֶער צוּא זַיין, נַאכְהֶער וֶועלֶען מִיר אִיבֶּער שְׁמוּעֶסֶען וָואס מִיר דַארְפֶען", נָאךְ דֶעם ווִיא מִיר הָאבֶּען אוּנְז אָבּ גֶעפַּארְטִינְט פוּן דֶעם עֵסֶק אוּנ הָאבּ שׁוֹין גֶעוָואלְט אַוֶועק גֵיין, הָאט זִיךְ צוּא מִיר דֶער גְרַאף אָבּ גֶערוּפֶען שְׁמֵייכְלֶענְד: „בִּיזְט מִיר זֵייעֶר גֶעפֶעלֶען שטאנצעל מאיר, ווַייל דוּא בִּיזְט אַיין אָרֶענְטְלִיכֶער מַאן, אוּנ אַלְזָא גִיבּ אִיךְ דִיר צוּ ווִיסֶען אַז אִין אַלֶע צַייטֶען עֶרְפִיל אִיךְ דַיין בַּקָשָׁה וָואס דוּא וֶועסְט פוּן מִיר בֶּעטֶען". נָאר בִּיז אַהֶער הָאבּ אִיךְ מִיךְ נָאךְ מִיט אִים נִיט גִיזֶעהן, נָאר יֶעצְט, אוֹיבּ אִיר גִיפִינְט מִיךְ פַאר נוּטְצְלִיךְ וֶועל אִיךְ אִים פְּרוּוֶוען בֶּעטֶען עֶר זָאל עֶרְוֶועקֶען דֶעם פִירְשְׁט צוּ זַיין פַאר אַשִׁיטְצֶער צוּ דֶער פַאמִילְיֶע איזראעל. מִיט גְרוֹיס פְרֵייד הָאט דֶער רַב אָנְגֶענוּמֶען דֶעם רַאטה פוּן סטאנצעל מאיר.

## 3.

## וֶוענְד הָאבֶּען אוֹיעֶרְן.

בַּייא דֶעם פִירְשְׁט אִין פַאלֶעץ אִיז הַיינְט אַגְרוֹיסֶער פַייעֶרְטָאג, הַיינְט וֶוערְד דָארְט גֶעפַייעֶרְט מִיט גְרוֹיס פַּאראַד דֶער גֶעבּוּרְטְס טָאג פוּן דֶער פִירְשְׁטִין עליזאבעטהע אוּנ דֶער פִירְשְׁט הָאט זִיךְ גֶעפְלַייסְט צוּ בֶּעצִיעֶרֶען דֶעם יוֹם טוֹב מִיט דִיא גְרֶעסְטֶע הֶערְרֶען אוּנ גְרַאפֶען וֶועלְכֶע עֶר הָאט אַיין גֶעלַאדֶען אוֹיף דֶעם בַּאל, נִישְׁט קוּקֶענְדִיג אוֹיף דֶער גְרוֹיסֶער קֶעלְט וָואס הָאט דַאן גֶעהֶערְשְׁט אִיז יֶעדָאךְ דִיא גַאס גֶעוֶועזֶען בֶּעלַאגֶערְט מִיט מֶענְטְשֶׁען וֶועלְכֶע הָאבֶּען זִיךְ פֶערְזַאמֶעלְט אַרוּם דֶעם פַאלֶעץ אוּם צוּ זֶעהֶען דִיא גְרוֹיסֶע לַייט וָואס וֶועלֶען אָנְקוּמֶען אוֹיף דֶעם בַּאל, דִיא פִיעלֶע לִיכְט וָואס הָאבֶּען גֶעבְּרֶענְט אִין דִיא גְרוֹיסֶע זַאלֶען פוּן דֶעם פַאלֶעץ הָאבֶּען בֶּעלוֹיכְטֶען מִיט זֵייעֶר שַׁיין דוּרְךְ דִיא פֶענְצְטֶער אוֹיךְ דִיא נָאהֶנְטֶע גַאסֶען פוּן דָארְט, בַּאלְד הָאבֶּען זִיךְ אָנְגֶעהֵייבֶּען צוּ זַאמֶען פָאהרֶען דִיא גֶעסְט אוֹיף דֶעם בַּאל אוּנ דִיא שְׁטָאט הָאט מִיט זֵייא גֶערוֹישְׁט, דֶען אַהִין זַיינֶען גֶעלַאדֶען גֶעוָוארֶען דִיא עֶלְצְטֶע פוּן דֶער גַייסְטְלִיכְקַייט

מִיט דִיא גְרֶעסְטֶע שָׂרִים פוּן לִיגִיטְץ אוּנ פוּן אִיהרֶען נֶעגֶענְד אוֹיךְ אַלֶע
עֶהרֶענְבִּירְגֶער , גֶענֶערַאלֶען , טְשִׁינָאוְנִיקֶעס אוּנ בֶּעאַמְטֶע , אוּנ קֵיינֶעם הָאט
מֶען נִיט פַאר גֶעסֶען , כִּמְעַט דִיא גַאנְצֶע שְׁטָאדְט הָאט זִיךְ פֶערְזַאמֶעלְט אוֹיף
דִיא גַאסֶען וואוּ דִיא גֶעסְט זַיינֶען דוּרְךְ גֶעפָאהרֶען , אוּם צוּא בֶּעטְרַאכְטֶען
זַייעֲרֶע רַייכֶע קְלֵיידֶער אוּנ אֵייגֶער הָאט דֶעם אַנְדֶערְן גֶעשְׁטוּפְּט וַוייל אִיטְלִיכֶער
הָאט גֶעוָואלְט זֶעהֶען דִיא גֶעסְט אִין דִיא פְּנִימֶער , אוּנ וַוייל דִיא מַאסְסֶע
מֶענְשֶׁען זַיינֶען צוּ פְרִיא אָנְגֶעקוּמֶען פַאר בְּרֵיינְגֶען זֵייא דִיא צַייט אוֹיף זֵייעֶר
שְׁטֵיינֶער , דָארְט לַאכֶען אָב דִיא יוּנְגֶע לַייט פוּן אַפֶערְזַאמְלוּנְג מֵיידְלִיךְ וֶועלְכֶע
הָאבֶּען אַרָאבּ גֶעבּוֹיגֶען דִיא קֶעפּ אוּנ רֵיידֶען גַאנְץ שְׁטִיל צְוִוישֶׁען זִיךְ , אוּנ
דָא הָאט דֶער שׁוּסְטֶער פַאר גֶעסֶען אִין זַיין נָאל אוּנ דֶער שְׁנַיידֶער אִין זַיין
שֶׁער אוּנ רֵיידֶען גָאר פְלוּצִים פוּן פָּאלִיטִיק אוּנ זֵייעֶרֶע וַוייבֶּער שְׁטֵייהֶען אוֹיךְ
נִיט לֵיידִיג אוּנ בַּארֵיידֶען זֵייעֶרֶע נַאכְבַּארֶען , דִיא קוֹלוֹת וֶוערֶען אַלֶע מָאל
גְרֶעסֶער אוּנ דָאס גִילֶעכְטֶער מִיט דֶעם קַאטָאוֶועס טְרַייבֶּען וֶוערֶען שְׁטַארְק
פַאר בְּרֵייטֶערְט וִויא אִין אַזוּמֶערְדִיגֶע נַאכְט בְּשָׁעַת דִיא זוּן פַאר גֶעהט אוּנ זֵייא
צִיהֶען זִיךְ אוֹיס מַאסְסֶענְוַוייז אוֹיף דֶעם פֶעלְד אוּנ שֶׁעפֶּען פֶערְגֶענִיגֶען פוּן דֶעם
קִיהלֶען וִוינְד וָואס עֶס בְּלָאזְט זֵייא גְלַייךְ אִין דִיא גֶעזִיכְטֶער אַרַיין .

פְּלוּצִים אִיז דִיא מַאסְסֶע שְׁטִיל גִיוָוארְן וָוארוּם עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַשֵׁיינֶער
יוּנְגְלִינְג אוּנ הָאט זִיךְ אַרַיין גֶעשְׁטוּפְּט צְוִוישֶׁען זֵייא , פוּן זַיינֶע קְלֵיידֶער
ד'ער קֶענְט מֶען אַז עֶר אִיז פוּן אַפְרֶעמְד לַאנְד אוּנ אַלֶע זַיינֶע גֵיינְג מִיט דֶעם
בֶּענֶעמֶען זִיךְ וַוייזְט אַז עֶר אִיז נִיט הִיא גֶעבָּארֶען גֶעוָוארֶען , דִיא אַלְטֶע לַייט
הָאבֶּען אִים בֶּעטְרַאכְט מִיט פֶערְוואוּנְדֶערְטֶע בְּלִיקֶען . דִיא יוּנְגֶע לַייט הָאבֶּען
אוֹיף אִים גִיקוּקְט מִיט פִיעל קִנְאָה אוּנ דִיא מֵיידְלִיךְ הָאבִּין אִיהם פָּשׁוּט דוּרְכ-
גֶענוּמֶען מִיט זֵייעֶרֶע אוֹיגִין ; נָאר עֶר הָאט זִיךְ אוֹיף קֵיינֶעם נִיט אוּמְגֶעקוּקְט ,
וַוייל עֶר אִיז שְׁטַארְק פֶערְזָארְגְט , אוֹיף זַיין גֶעזִיכְט לִיגְט אוֹיס גֶעשְׁפְּרֵייט אַיין
וָואלְקֶען פוּן טְרוֹיעֶר , אוּנ דִיא מָרָה שְׁחוֹרָה וָואס קוּקְט אַרוֹיס פוּן זַיינֶע אוֹיגִין
הָאט אָב גֶעטְרִיבֶּן פוּן אִיהם דִיא אַלֶע וָואס הָאבִּין אִים גִיוָואלְט פְרֶעגֶען וֶוער
עֶר אִיז אוּנ פוּן וַואנֶען עֶר קוּמְט אָן .

דֶער שֵׁיינֶער יוּנְגְלִינְג אִיז קַיין אַנְדֶערֶער וִויא אוּנְזֶער אוּנְגְלִיקְלִיכֶער
מִיכָאל אִיזְרָאעל . סטאנצעל מאיר הָאט אִיהם גֶעזָאגְט אַז נָאךְ הַיינְטִיגֶען
אָבֶּענְד וֶועט דֶער גְרַאף צעדליץ בֶּעטֶען דֶעם פִירְשְׁט וֶועגֶען זַיין פַאמִילְיֶע ,
דַארִיבֶּער הָאט עֶר זִיךְ נִיט גִיקֶענְט אוֹיף הַאלְטֶען צוּא בְּלַייבֶּען אִין דֶער
הֵיים , אוּנ וַוייל עֶר הָאט אַלְץ גֶעטְרַאכְט פוּן זַיינֶע פְרַיינְד , הָאט עֶר זִיךְ
עֶנְטְשְׁלָאסֶען צוּגֶעהן אָן קוּקֶען דֶעם גְרַאף אִין וֶועלְכֶעם הֶענְד עֶס גֶעפִינְט
זִיךְ דָאס שִׁיקְזַאל פוּן זַיין פַאמִילְיֶע .

פֶערְטִיעֶפֶענְדִיג זִיךְ אִין גֶעדַאנְקֶען הָאט עֶר נִיט גִיזֶעהֶען וִויא דֶער עוֹלָם
הָאט אָנְגֶעוֶוענְדֶעט זַיינֶע בְּלִיקֶען צוּ אַיין ווִינְקֶעל פוּן אַגַאס , דֶען פוּן דָארְט
הָאט זִיךְ גֶעוִויזֶען וִויא אַבְּרֵייטֶער אִיז גֶעפָארֶען פָארְאוֹיס מִיט אַפַאקֶעל אִין

הַאנְד אוּנ נָאךְ אִים הָאט זִיךְ גֶעצוֹיגֶען אַקַארֶעטֶע מִיט פִיר טְהַייעֶרֶע פֶערְד ·
„דָאס פָאהרְט דֶער גְרַאף צעדליץ!״ הָאט דֶער עוֹלָם אָנְגֶעהוֹיבֶּען שְׁרַייעֶן,
אוּנ מיכאל הָאט אוֹיף גֶעהוֹיבֶּען זַיינֶע אוֹיגֶין נָאךְ דֶעם גֶעשְׁרֵייא, הָאט עֶר
דער זֶעהֶען וִויא אַהוֹיכֶער אוּנ שְׁלַאנְקֶער מַאן זִיצְט אִין דֶער קַארֶעטֶע מִיט
אַיין עֶדֶעל אַרִיסְטָאקְרַאטִישֶׁעס גֶעזִיכְט אוּנ מִיט אַלַאנְגֶע בְּרֵייטֶע בָּארְד; אָבֶער
קוים הָאט עֶר אוֹיף אִיהם אָבְּגֶעשְׁטֶעלְט זַיינֶע אוֹיגֶען — אַלְס דִיא קַארֶעטֶע אִיז
פַארְבַּייא אִים אִיבֶּער גֶעלָאפֶען אוּנ אַרַיין פָאהרֶענְדִיג אִין דֶעם הוֹיף פוּן דֶעם
פירְשְׁטְלִיכֶען פַּאלֶעץ אִיז זִיא פֶערְשְׁווּאוּנְדֶען גֶעוָוארֶען צְוִוישֶׁען דִיא פִיעלֶע
פַאקֶעלֶן פַייעֶר מִיט דִיא צַאהלְלָאזֶע קְרִיגֶען סְמָאלֶע וֶועלְכֶע הָאבֶּען גִיבְּרֶענְט
אַרוּם דֶעם פַּאלֶעץ, אַלְס דִיא עֶרְשַׁיינוּנְג הָאט זִיךְ גִיעֶנְדִיגְט הָאט זִיךְ מיכאל
גִיוָואלְט אוּמְקֶערִין צוּרִיק אַהֵיים נָאר עֶר הָאט זִיךְ נִיט גִיקֶענְט דוּרְךְ
שְׁטוּפֶּען צְוִוישֶׁען דֶעם עוֹלָם, וַוייל אַלֶע הָאבֶּן זִיךְ נָאךְ גֶעשְׁטוּפְּט צוּ קוּקֶען
אוֹיף דֶער צֶערֶעמָנֶיע וֶועלְכֶע הָאט עֶרְשְׁט אָנְגֶעהוֹיבֶּען פַאר זֵייא צוּא
עֶרְשַׁיינֶען: קַארֶעטֶעס, עֶקִיפַּאזְשֶׁען אוּנ קָאלְיַאסֶען הָאבֶּען זִיךְ גֶעהַאלְטֶען
אִין אַיין שִׁיטֶען צוּם פַּאלֶעץ אוּנ דִיא גְרֶעסְטֶע לַייט, גַייסְטְלִיכֶע,
שְׁפַּאאַטְסְמֶענְנֶער, רִיכְטֶער אוּנ שְׁרַייבֶּער פוּן פֶערְשִׁיעדֶענֶע שְׁטֶעט — זַיינֶען
זִיךְ אַלֶע צוּזַאמֶען גֶעפָארֶען אוֹיפֶען בַּאל אוּנ הָאבֶּען עֶנְג גֶעמַאכְט דִיא גְרוֹיסֶע
זַאאַלֶען פוּן דֶעם פִירְשְׁטְלִיכֶען פַּאלֶעץ, וֶועלְכֶער וַואר בֶּעלַייכְט פוּן טוֹיזֶענְדֶע
וָועכְסֶענֶע לִיכְט וֶועלְכֶע וַוארֶען אַרַיין גֶעשְׁטֶעלְט אִין רֶעהרֶען פוּן טְהַייעֶרֶע
הַיינְגְלַייכְטֶער. אַיין הֶערְלִיכֶער אָרְקֶעסְטֶער הָאט גֶעשְׁפִּילְט אוּם צוּ אוּנְטֶערְהַאלְטֶען
דִיא גֶעסְט אוּנ אַמַאסֶע דִיעֶנֶר גֶעקְלֵיידֶעט אִין גָאלְד גֶעשְׁטִיקְטֶע קְלֵיידֶער אוּנ
טְרָאגֶענְדִיג אוֹיף דִיא קֶעפּ הוּטֶען מִיט אַשְׁוַוארְצֶען אָדְלֶער פוּן קִינְסְטְלִיכֶע
אַרְבַּייט — דֶער הֶערְבּ פוּן דֶעם פִירְשְׁט וֶועלְכֶער אִיז דֶער נָאךְ אִיבֶּערְגֶעבְּלִיבֶּענֶער
צוּ דֶער פַאמִילְיֶע בראנדענבורג — הָאבֶּען אוּנְטֶער גֶעטְרָאגֶען דִיא גֶעסְט טַייעֶרֶע
גֶעטְרַאנְקֶען אִין זִילְבֶּערְנֶע אוּנ גִילְדֶערְנֶע בֶּעכֶער ·

אַלְס דֶער גְלָאק הָאט צוּם דְרִיטֶען מָאל אָן גֶעקְלוּנְגֶען אִיז דִיא מוּזִיק
שְׁטִיל גֶעבְּלִיבֶּען אוּנ דִיא טְהִיר הָאט זִיךְ גִיעֶפִינְט, בַּאלְד הָאט זִיךְ גֶעוִויזֶען
אוֹיף דֶער שְׁוֶועל דֶער גְרַאף צעדליץ אוּנ נָאךְ אִים — דֶער פִירְשְׁט וֶועלְכֶער
וַואר פֶערְפּוּצְט מִיט דֶער גַאנְצֶער פִירְשְׁטְלִיכֶער צֶערֶעמָאנְיֶע, דֶער פִירְשְׁט וַואר
הוֹיךְ אוּנ שְׁלַאנְק, פוּן זַיין גֶעזִיכְט הָאט מֶען דֶערְקֶענְט דֶעם שְׁטַארְקֶען ווִילֶען
וָועלְכֶער גֶעפִינְט זִיךְ בַּייא יֶעדֶען הֶערְשֶׁענְדֶען מַאן אוּנ פוּן זַיינֶע אוֹיגֶען הָאבֶּן
אַרוֹיס גֶעקוּקְט דִיא לִיעבְּשַׁאפְט צוּ פֶערְגֶענִיגֶען אִין דֶער פְרִיעדְלִיכֶר צַייט, אוּנ
דִיא גְבוּרָה מִיט דֶעם הֶעלְדֶענְמוּטה אִין דֶער קְרִיעגְסְצַייט. גֶעבֶּען אִיהם,
רֶעכְטֶס, הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעוִויזֶן בַּאלְד אוֹיךְ זַיין פְרוֹיא דִי פִירְשְׁטִין עליזאבעטהא
וָועלְכֶע הָאט אַלֶעמֶען בֶּעצוֹיבֶּערְט מִיט אִיר שֵׁיינְקַייט. דֶער פִירְשְׁט מִיט דֶער
פִירְשְׁטִין הָאבִּין פְרַיינְדְלִיךְ גֶעגְרִיסְט אַלֶע גַעסְט אוּנ דַאן הָאבֶּען זִיךְ אַלֶע

אויסגעזעצט ארום דיא לאנגע טישען אונ דער באל האט זיך אנגעהויבן מיט דעם גרעסטען פראכט.

צווישען דיא פיעלע געסט וועלכע זיינען אליין פרעהליך געוועזין אונ האבען זיך נאך געפלייסט אויך דעם פירשט פרעהליך צוא מאכען אונ איין יעדער פון זייא האט זיך בייא איהם געוואלט בעליעבט מאכען דורך איין בעזונדערן שמייכעל, צווישען דיא אלע האט זיך געפונען איין פערזאן וועלכע וואר בעצארענט אונ האט כמעט קיין שום טהייל גענומען אין דער שמחה, דיזער וואר איינגער מאן מיט אווייסס געזיכט אונ געקליידעט אין אווייסן מאנטל, זיין נאמען וואר: אמבראזיוס ביטשען, ער איז געוועזען דער שטאט שרייבער פון ליגניטץ, אין זיין יוגענד האט ער געדינט בייא נייסטליכע אונ איז דארט ערצויגען געווארין, פון נאטור איז ער געוועזין אשטאלצער אונ בעזער מענטש, האט שטענדיג געחלומט פון אגרויסן נאמען אונ פון אהויכער שטעלע דאריבער איז קיין וואונדער דאס ווען ער האט זיך געפונען אויף דעם באל אונ האט צו געזעהען וויא אלע שמייכלען דעם פירשט, האט ער אים שטארק מקנא געוועזן אונ אים פשוט ניט פארגינט דעם כבוד, אונ נאר מיט דעם איינציגען האט ער זיך געטרייסט: אז אין אקורצער צייט וועלען אלע דערקענען זיין מאכט, ווארום אין דער פרייהער שטאט ליגניטץ אין וועלכער ער דיענט אלס שרייבער קען דארט אפירשט ניט הערשען מיט זיין איינגענעם ווילען, זאנדערן ער איז נאך אבהענגיג פון דיא עלצטע אויס דעם ראטהויז, אונ אלזא האפט ער אין אקורצער צייט בעריכט צו ווערען, וועט מען אים אויס קלייבען פאר אמיטגליד פון דעם ראטהויז אונ דאן וועט ער זיך שוין אויס לאכען פון דעם פירשט מיט זיינע פיעלע דינערשאפט. דיזע געדאנקען, וועלכע האבען אים אויף אמינוט ניט פערלאזט זיינען איהם אויך איצט פארגעקומען אונ ווייל ער וואר שטארק פערטיפט אין זייא, האט ער זיך ניט אינטערעסירט אפילו צו הערען דאס געזאנג פון דער פירשטען וועלכע האט געזונגען מיט אגאנצען כאהר לויט דעם מנהג פון דעם אמאליגען אדעל, אונ אלס דיא געסט זיינען אויף געשטאנען טאנצען האט ער אויך זיין ארט פערלאזט אונ האט זיך צו ביסליך דער ווייטערט פון דיא געסט מיט זייער רויש, ביז ער איז אנגעקומען אין אגאנץ בעזונדערן צימער, דארט האט ער אנגעטראפען אפינצטער ווינקעל מיט אווייכער קרעסלע, אויף וועלכער דער פירשט פלעגט זיך זעצען בשעת ער האט געדארפט פון עפעס טראכטין אדער מיט איינעם רעדען אונגעשטערטערהייד, אויף דיזער שטוהל האט זיך יעצט ביטשען געזעצט אונ פערמאכענדיג דיא אויגען האט ער זיך שטארק פער-טראכט אין זיינע געדאנקען. פלוצים האט ער זיך אויף געהאפט אונ האט אזש אציטער געטאהן — דען ער האט דער הערט וויא אימעצער געהט צוא איהם אונ וויא דער פירשט רעדט מיט איינעם פון זיינע לייב מענטשען, ביטשען איז העכסט צו טומעלט געווארען אין דיזער מינוט, זיין געזיכט איז

גֶעווָארֶען בְּלַאס וִויא דִיא וַואנְד אוּנ זַיין הַארְץ הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען הַאסְטִיג צוּ
קְלַאפֶּען , וָואס קֶען עֶר עֶנְטְפֶערִין דֶעם פִּירְשְׁט וָוען עֶר וֶועט אִים דָא טְרֶעפֶען
אִין זַיין צִימְמֶעוּ בֶּעהַאלְטֶענְדִיג זִיךְ וִויא אַגַנָב ? עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען זוּכֶען
אַיין אַרוֹיסְגַאנְג פוּן דַאנֶען , הָאט עֶר צוּ זַיין אוּמְגְלִיק מֶעהר נִיט גֶעפוּנֶען וִויא
דִיא אֵיינְצִיגֶע טִיהר דוּרְךְ וֶועלְכֶע דֶער פִּירְשְׁט קוּמְט יֶעצְט אָן , דֶערְוַוייל
אִיז דֶער פִּירְשְׁט מִיט זַיין לַייבּ מֶענְשׁ אַלְס גֶעהֶענְטֶער אַרַיין גֶעקוּמֶען צוּ אִים
אִין דֶעם צִימְמֶער אוּנ מִיט אַקְלַאפֶּענְדִיג הַארְץ אִיז אמבראזיוס אַרָאבּ
גֶעלָאפֶּען פוּן דֶער שְׁטוּהל אוּנ אִיז אוֹיפִין בּוֹיךְ צוּא גֶעקְרָאכֶען צוּא אַוִוינְקֶעל ,
דָארְט הָאט עֶר זִיךְ וִויא אַקְנוֹיל צוּזַאמֶען גֶעווִיקֶעלְט אוּנ הָאט אִין זִיךְ אוֹיף
גֶעהַאלְטֶען דֶעם אָטְהֶעם אוּם מֶען זָאל אִים דָא נִיט בֶּעמֶערְקֶען , אִין דֶער
זֶעלְבֶּער מִינוּט אִיז שׁוֹין דֶער פִּירְשְׁט מִיט זַיין לַייבְּמֶענְטְשׁ אַרַיין גֶעקוּמֶען אִין
דֶעם צִימְמֶער אוּנ אמבראזיוס הָאט אִין דֶער שְׁטִימְמֶע פוּן דֶעם לַייבְּמֶענְטְשׁ
דֶערְקֶענְט דֶעם גְרַאף צעדליץ .

—בִּיזְט גִירֶעכְט מַיין פְרַיינְד — הָאט דֶער פִּירְשְׁט גֶעזָאגְט צוּם גְרַאף —
אַז וֶוען דִיא גֶעסְט פְרֵייהֶען זִיךְ אִיז נוּט צוּא גֶעהן אַהֶער אָפְּרוּהֶען זִיךְ אוֹיף
אַפָּאר מִינוּטֶען , אָבֶּער טַאקִי נִיט מֶעהר וָוארוּם עֶס פַּאסְט דָאךְ נִיט פַאר
דֶעם בַּעַל שִׂמְחָה עֶר זָאל זִיךְ בֶּעהַאלְטֶען פַאר זַיינֶע גֶעסְט וֶועלְכֶע זַיינֶען צוּ
אִים גֶעקוּמֶען נָאר צוּלִיעבּ זַיין כָּבוֹד , הָאסְט מִיר דָאךְ גֶעזָאגְט אַז דוּא ווִילְסְט
מִיט מִיר וֶועגֶן עֶפֶּעס רֵיידֶען , אַלְזָא רֶעד מַיין פְרַיינְד לָאס מִיךְ הֶערִין וָואס דוּא
ווִילְסְט פוּן מִיר .

—מַיין גוּטֶער הֶערר ! הָאט דֶער גְרַאף גִיעֶנְטְפֶערְט — עֶס אִיז עֶנְדְלִיךְ
גֶעקוּמֶען דִיא צַייט צוּ בֶּעצָאהלֶען דֶעם יוּדֶען סטאנצעל מאיר מַיין נֶדֶר וֶועלְכֶען
אִיךְ הָאבּ אִים אוֹיסְגֶעשְׁפְּרָאכֶען וֶוערֶענְד עֶר הָאט צוּא דִיר בֶּעווִיזֶען זַיין
אָרֶענְטְלִיכְקֵייט מִיט זַיין טְרַייהַייט , צוּרִיק מִיט אַפָּאר טֶעג אִיז אַהֶער
גֶעקוּמֶען פוּן ענס אַיוּדִישֶׁער יוּנְגֶער מַאן אוּנ הָאט זִיךְ אָבְּגֶעזוּכְט אַמָקוֹם
מִקְלָט בַּייא דֶעם יוּדִישֶׁען רָב פוּן דַאנֶען , טְרָאץ דֶעם גֶעזֶעטְץ וָואס פֶערְבִּיטֶעט
יְעדֶען פְרֶעמְדֶען יוּדֶען צוּ וַוייזֶען זִיךְ אִין דִיא טוֹיעֶרִין פוּן ליגניטץ — דֶען דָאס
גרוֹיסֶע אוּמְגְלִיק וָואס הָאט גֶעטְרָאפֶען זַיינֶע פְרַיינְד הָאט אִים גֶעמַאכְט פַאר-
גֶעסֶען דָאס בֵּייז וָואס קֶען אִים דָא טְרֶעפֶען דֶערְפַאר וָואס עֶר הָאט אִיבֶּער
טְרֶעטֶען דֶעם יַאקָאן. דוּרְךְ אַפַאלְשֶׁען בִּלְבּוּל , אַזוֹא וִויא סטאנצעל מאיר
הָאט מִיר גֶעשְׁוָוארֶען בַּייא זַיין נָאט , הָאבִּין דִיא דאמיניקאנער גַייסְטְלִיכֶע
מִיט אַמָאנַאךְ איגנאציוס גִיהַאפְּט זַיין פֶעטֶער מִיט זַיין מוּמֶע אוּנ הָאבֶּען
זֵייא אַוֶועק גֶעפִיהְרְט אִין קֵייטֶען קֵיין וויען אוּם זֵייא דָארְט הַארְט צוּא
בֶּעשְׁטְרָאפֶען , אַלְזָא בֶּעט דִיךְ סטאנצעל מאיר דוּרְךְ מִיר , זָאלְסְט שְׁרַייבֶּען
צוּם פִּירְשְׁט אלברעכט פוּן עסטרייך , עֶר זָאל זֶעהֶען בֶּעפְרֵייהֶען דִיא
גֶעפַאנְגֶענֶע אוּנ זֵייא צוּרִיק צוּ שְׁטֶעלֶען אִין זֵייעֶר הֵיים , דֶען זֵייא זַיינֶען רֵיין
פוּן דֶעם בִּלְבּוּל , אוּנ נוּן בֶּעט אִיךְ דִיךְ אוֹיךְ , מַיין הֶערר פִּירְשְׁט , עֶרְפִיל

דיא בקשה פון דעם יודען און איך ווייס אז דער פירשט פון עסטרייך וועט דיך געוויס פאלגען און דאן וועסטו צוויי נוטע זאכען אב טאהן אויף איין מאהל: וועסט אבראטעווען צוויי אומשולדיגע נפשות פון אשרעקליכען טויט און דער יוד סטאנצעל מאיר וועט אויך בעלוינט ווערין פאר דאס גוטעס וואס ער האט מיט דיר גיטאן.

—נוט, איך פאלג דיך מיין פריינד היינץ! האט דער פירשט געזאגט נאך אקורצעס בעדענקונג, מארגען וועל איך הייסען מיין שרייבער ער זאל אן שרייבען אין מיין נאמען צום פירשט אלברעכט, דען איך האב זעהר פיינד דיא גוואלדיגע הענד וועלכע שלאגן תקיפות אויף זייער מאכט און פערשאפען שמערצען דיא שוואכערע פון זיך, איך בעדויער זעהר דיא אומגליקליכע יודען וויא זייא ווערען נעבעך גיפייניגט פון זייערע בעצווינגער וועלכע זיינען שטארקער פון זייא און וועלכע, מיט זייער שטאלץ און פאנאטיזם האבען זייא גאנץ ערנידעריגט דאס יודישע פאלק און אראב געווארפען זיין ווערטה ביי אלעמען אין דיא אויגען, זעלבסט ביי אונז אין ליגניטץ דענקט מען שלעכטס צוא טאהן דיא יודען און מיין הארץ זאגט מיר אז דער פרעמדער יונגלינג פון ענס וואס האלט זיך יעצט אויף ביי דעם ראבינער פון דאנעז וועט ניט נוט אבשניידען פון דיא יודישע שונאים ווען מיר וועלין אים ניט שיטצען... הלואי עס זאל זיך פון איהם חאטש ניט דערוויסען דער שרייבער אמבראזיוס ביטשען... הער אויס היינץ, האט דער פירשט פלוצים איבער געביטען זיין געשפרעך, דיא אויפפיהרונגען פון דעם שרייבער געפעלן מיר גאר כלל ניט, זיינע אויגען קוקען זעהר חיטרע און איך האב מורא ער זאל מיר ווען עס איז ניט שטעהן פאר אשטן אין מיין וועג ווארום ער איז זעהר שטאלץ און שלעכט און שטרעבענדיג זיך רק נאך אגרויסען נאמען, שרעקט ער זיך פאר קיין זאך ניט אב, נאר לאמיר אונזערע רייד אבלייגען אויף איין אנדערט מאל און יעצט וועלען מיר אונז אומקערען צוא אונזערע געסט.

קוים איז דער פירשט מיט דעם גראף ארויס געגאנגען פון דעם צימער, אלס אמבראזיוס האט זיך ארויס געוויזען פון זיין בעהאלטען ארט און אויף זיין בלאסען געזיכט האט זיך באוויזען איין טיראנישער שמייכעל — דען ער האט זיך אונטערגעהערט אלע זייערע רייד, זיין הארץ האט יעצט געזאטען וויא אין אקעסעל פאר צארן, און דער כעס האט אין אים געברענט מיט איין העלעשען פייער.

—וועסט נאך דערמאנען דיא דאזיגע נאכט מיט גרויסע שמערצין, האט ער געזאגט אויף דעם פירשט קריטצענדיג מיט דיא ציין נאך אים, אזוא וויא דוא, אזוא אויך דיא פאר פלוכטע יודען וועלכע ווערען פון דיר געשיצט, וועט איר עס האבען נאך גענוג צו געדענקען, יא ביזט זעהר גערעכט מיין ליבער פירשט וואס דוא זארגסט זיך אזוא איבער דעם שרייבער ביטשען

וָועלְכֶער גֶעפֶעלְט דִיר נִיט מִיט זַיינֶע אוֹיף פִיהרוּנְגֶען — דֶען עֶר וֶועט דִיר מִיט זַיינֶע הִיטְרֶע אוֹיגֶען נָאךְ גֶענוּג יְסוּרִים פֶערְשַׁאפֶען . . . דֶער יוּדִישֶׁער יוּנְגְלִינְג פוּן ענס הָאט גֶעפוּנֶען אַהֵיים בַּיים רַאבִּינֶער פוּן ליגניטץ — זַייעֶר גוּט ! אָט בַּאלְד וֶועט עֶר דָארְט הָאבֶען צוּא נַאסְט דִיא פָּאלִיצֵייא ; אוּנ דֶער מָאנַאךְ אינגאציוּם מַאכְט אִין עֶסְטְרַייךְ אוֹיף דִיא יוּדֶען אַבִּלְבּוּל — אוֹיךְ דָאס אִיז פַאר מִיר נִיט שְׁלֶעכְט צוּא וִויסֶען אוּנ וֶועל מִיךְ פְּלַייסֶען עֶס צוּא גֶעדֶענְקֶען . . . אָ, מִיט דֶער צַייט וֶועלִין מִיר זֶעהן וֶוער פוּן אוּנְז עֶס וֶועט גֶעוִוינֶען : צוּ דֶער פִּירְשְׁט לוּדוִויג אָדֶער דֶער שְׁטָאט שְׁרַייבֶּער בִּיטשען וָואס זַיינֶע אוֹיגֶען גִיפֶעלִין נִיט דֶעם פִּירְשְׁט .

מִיט אַזֶעלְכֶע גֶעדַאנְקֶען אִיז בִּיטשען אַרוֹיס גְעגַאנְגֶען פוּן דֶעם צִימֶער הֶעכְסְט צָארֶענְדִיג אוּנ הָאט אִין אַוֵוילֶע אַרוּם אוֹיךְ דֶעם פַּאלֶעץ פֶערְלָאזְט אוּמְקֶערֶענְדִיג זִיךְ צוּרִיק אִין שְׁטָאט אַרַיין .

## 4.

## בַּייא דֶעם גְרָאס־אִינְקְוִויזִיטָאר אִין שְׁטוּבּ .

אוֹיף דֶעם אָרְט אוֹיף וֶועלְכֶען עֶס אִיז הַיינְט גֶעמַאכְט אֵיינֶע פוּן דִיא גְרֶעסְטֶע נַאסֶען אִין דֶעם נַייֶעם ווִיען , אִיז גֶעשְׁטַאנֶען בִּיז עֶנְדֶע דֶעם 15 טֶען יַאהר הוּנְדֶערְט אַגְרוֹיסֶער אוּנ שְׁרֶעקְלִיכֶער מוֹיֶער , דִיא דִירָה פוּן דֶער אִינְקְוִויזִיצְיֶע מִיט אִיהר בֵּית דִין , אַקוּק טְהוּעֶנְדִיג נָאר אוֹיף דֶעם מוֹיֶער אִיז מֶען שׁוֹין פֶערְצִיטֶערְט גֶעוָוארֶען אוּנ זַיינֶע פִיעלֶע טוֹיעֶרִין וָואס הָאבֶען זִיךְ גֶעצוֹיגֶען אַרוּם אִיהם וִויא אַשְׁפִּינְוֶועבְּס , הָאבֶען אָנְגֶעוִויזֶען אַז דָא הָאט זֶעלְבְּסְט דִיא הֶעלְלֶע (גֵיהִנֹם) פֶערְשְׁלָאסֶען מִיט אִיהרֶע רִיגְלֶען אַלֶע אַרוֹיסְגֶענְגֶע אַזוֹיא , אַז וֶוער עֶס וֶוערְט גֶעפַאנְגֶען אִין דֶעם פִינְצְטֶערִין מוֹיֶער זֶעהט עֶר שׁוֹין מֶעהר אוֹיף זַיין גַאנְצֶען לֶעבֶּען קַיין לִיכְט פַאר זִיךְ , אוּנ זַייעֶר צַיינֶע (דָאס אָנְוַוייזוּנְג) אִיז זֵייעֶר רִיכְטִיג ! דָארְט הָאט זִיךְ אַיינְגֶעוָוארְצֶעלְט דִיא אוּנְגֶערֶעכְטִיגְקֵייט מִיט דָאס רֶעכְטֶע רְשָׁעוֹת פוּן דֶעם מֶענְטְשֶׁען , פוּן דָארְט אִיז אַרוֹיס דֶער פַאנַאטִיזְם צוּא שְׁמֵייכְלֶען דִיא עֶרְד מִיט בְּלוּט , אִיהר שְׁרֶעק הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט אוֹיף טוֹיזֶענְדֶע מֶענְטְשֶׁען אַלְס זִיא הָאט אוֹיס גֶעצוֹיגֶען פַאר זֵייא אִיהר נֶעץ , אוּנ בֶּעזָאנְדֶערְס הָאט זִיא אוֹיס גֶעלָאזְט אִיהרֶע גַאנְצֶע רִשְׁעוֹת אוֹיף אִיהרֶע פֶערְהַאסְטֶע יוּדֶען — אוֹיף זֵייא גֶעמְלִיךְ הָאט זִיא אוֹיס גֶעגָאסֶען אִיהר שְׁרֶעקְלִיכֶען צָארִין מִיט דִיא אוּנְרֶעכְטְסְטֶע טִירַאנַייא (אַכְזָרִיוּת) אוּנ זַייא צוּא טְרֶעטֶען וִויא אַוָואַרְם .

אִין אַגְרוֹיסֶען בְּרֵייטֶען זַאַל וֶועלְכֶער פַאר נֶעמְט כִּמְעַט אַהַאלְבֶּען מוֹיֶער אִין דֶעם אוּנְטֶערְשְׁטֶען עֶטַאזְשׁ אִיז גֶעזֶעסֶען אַיינְגֶעבּוֹיגֶען פוּן אַלְטְקֵייט אַגְרֵייז־גְרוֹיעֶר מַאנן אוּנ זַיינֶע אוֹיגֶען הָאבֶען גֶעפִינְקֶעלְט פוּן דֶעם שְׁטֶענְדִיגֶע

פייער וואס ברענט אין זיא, דיזען גרייז שטעלען מיר פאר פיר אונזערע לעזער אלס עלצטען פון דיא דאמיניקאנער גייסטליכע אונ אלס גראס-אינקוויזיטאר פון יענער צייט, זיין שנעע-ווייסער קאפף ווער געשטיצט מיט זיין רעכטער האנד אונ דיא אויגען האט ער געהאלטען אראב געלאזט צוא דער ערד אונ וואר זייער פערטראכט וויא אזויא ער זאל דא דער גיין דעם אמת, פערזונקענדיג אין זיינע געדאנקען האט ער גאנץ פערגעסען אן דיא צווייא גייסטליכע וועלכע זענען פאר איהם געשטאנען מיט גרויס אונגעדולד אונ געווארט פון איהם צוא הערען ענדליך אווארט, ענדליך האט דער אלטער מאנן אויף געהויבען זיין קאפף אונ אבשטעלענדיג זיינע אויגען אויף איינעם פון דיא צווייא גייסטליכע האט ער געזאגט:

— דוא בעטסט זייער אשווערע זאך, פערלאנגסט פון מיר איך זאל איבער געבען אין דיין מאכט דעם יודען ישראל פון ענס מיט זיין פרויא שרה, אום דוא זאלסט אויף זייא אנשטערקען דיין צארין אונ זייא אזויא לאנג פייניגען ביז דוא וועסט דער געהן פון זייא אאמת ווארט מכוח דעם פאר ברעכען וואס זייא האבען אב געטאהן אין ענס, נאר געדענק אבער, איננאציוס, אז זעלבסט דער פירשט לודוויג פון ליגניטץ איז זייער שיטצער, ער האט געשריבען צוא אונזער פירשט אלברעכט אונ איהם געבעטין ער זאל בעפרייען דיא יודען פון אונזערע הענד אונ זאל זייא צוריק שיקען אהיים...

— אויף דעם זאל מיר דער היילינגער פאטער מוחל זיין, האט איננאציוס פערהאפט זיינע רייד, דען דער שרייבער פון ליגניטץ, אמבראזיוס ביטשען האט מיר אנגעמאלדען שריפטליך וועגען דער גאנצער זאך וואס דא געהט פאר, אונ דאריבער האב איך מיך אונטער געשטעלט צוא מאכען אויפמערקזאם אונזערין פירשט אויף דעם טעות, דיזער ישראל, וואס זיצט בייא אונז געפאנגען, האט נאך אפלימעניק, איינגער מאנן, וועלכער האט אויך אחלק גענומען אין דעם פאר ברעכען פון זיין פעטער אונ נאך מעהר: דורך זיין עצה האט דער פעטער אב געטאהן דעם פאר ברעכען, דיזער יונגלינג איז אנטלאפען געווארין קיין ליגניטץ אונ דורך זיין עצה האבען דיא דארטיגע יודען אב געשווינדעלט דעם פירשט זייערין אונ בייא איהם געפועלט ער זאל זיך אן נעמען דעם איזראעלס קריוודע, אונ ווירקליך, זעהען דען מיר ניט ארויס זייער שווינדעל פון אויבען? אויף וועמענס אויפרייזונגען האט זיך פערלאזט דער פירשט צוא זיין אמליץ יושר פאר איזראעלין? טאקי אויף דיא עדות פון יענע יודען אליין — אבער, איז שוין זייער עדות מעהר בעגלויבט פון מיר מיט דעם מאנאך סיקסטוס וועלכער האט גלייך מיט מיר צוא געזעהען דעם פאר ברעכען פון דעם איזראעלין?

— אונ דאס אלעס האסט דוא אויך אונזער פירשט דער ציילט?

— אלעס אזויא וויא איך דער צייל מיין היילינגען פאטער, ליידער

אָבֶער הָאט מִיר דֶער פִירְשְׁט אוֹיף זֵייא גָאר נִיט גִיעֶנְטְפֶערְט, אוּנ אַזוֹי אִיז שׁוֹין צְוֵויא מָאנַאט אִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען זַייט דֶער אָבְּשַׁייא (שֶׁעגְדְלִיכֶע זַאךְ) אִיז אָבּ גֶעטָאהן גֶעוָוארֶען, זַייט אוּנְזֶער רֵיינֶער גְלוֹיבֶּען אִיז פֶערְאוּמְרֵיינִיגְט גֶעבְּלִיבֶּען, — אוּנ נָאךְ הָאט מֶען דִיא רְשָׁעִים נִיט בֶּעשְׁטְרָאפְט, דֶען דֶער פִירְשְׁט אוּנְזֶערֶער גְלוֹיבְּט נִישְׁט מַיינֶע רֵייד, דַארִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיךְ פַאטֶער זָאלְסְט זִיךְ פְּרוּוֶוען אַלֵיין אִיבֶּער רֵייְדֶען מִיט אוּנְזֶער פִירְשְׁט, דֶען דִיר וֶועט עֶר גִישְׁט קֶענְנֶען אָבּ זָאגֶען אוּנ נָאטֶעס ווִילֶען וֶועט אַלְזָא אוֹיס גֶעפִיהְרְט וֶוערִין דוּרְךְ אוּנְזֶערֶע הֶענְד.

— אִיךְ הָאבּ דָאךְ דִיר שׁוֹין גִיזָאגְט וָואס דֶער פִירְשְׁט הָאט מִיר דֶערוֹיף גִיעֶנְטְפֶערְט, הָאט דֶער גְרָאס-אִינְקְווִיזִיטָאר זִיךְ אָבּ גֶערוּפֶען, עֶר הָאט בֶּעפוֹילֶען מֶען זָאל אַרוֹיס בֶּעקוּמֶען דֶעם אֶמֶת פוּן דִיא גֶעפַאנְגֶענֶע נִישְׁט דוּרְךְ פַּיינִיגֶען זֵייא אוּנ אָהן שׁוּם יְסוּרִים זֵייא אָן טָאהן אוּנ נָאר דֶעמָאלְט וֶוען זֵייא וֶועלִין זִיךְ שְׁטַארְק אַיינְשְׁפַּארֶען נִיט צוּא מִתְוַדֶה זַיין זִיךְ אִין דֶעם פַאר בְּרֶעכֶען, וֶועלִין מִיר זֵייא קֶענֶען צְווִינְגֶען דֶער צוּא דוּרְךְ אַלֶערְלֵייא מִיטֶעל, נָאר הֶער אוֹיס אִיגְנַאצִיוּס — הָאט דֶער זָקֵן פְּלוּצִים אַגֶעשְׁרַייא גֶעטָאהן אוֹיסְשְׁטַארֶענְדִיג אוֹיף אִיהם זַיינֶע צְוֵויא פַייֶערְדִיגֶע אוֹיגֶען — זָאלְסְט ווִיסֶען אַז דֶער פִירְשְׁט וואוּנְדֶערְט זִיךְ זֵייעֶר אוֹיף דַיין אוּנְגֶעדוּלְד אוּנ אוֹיף דַיין גְרוֹיסֶען חֵשֶׁק צוּא אוֹיס לָאזִין דַיין צָארִין אוֹיף דִיא גֶעפַאנְגֶענֶע יוּדֶען, אוּנ וָואס עֶס מִיךְ בֶּעטְרֶעפְט, וֶועל אִיךְ נִיט לֵייגְנֶען אַז אוֹיךְ מִיךְ וואוּנְדֶערְט זֵייעֶר וָואס דוּא בִּיזְט עֶרְגֶעבֶּען צוּא דֶער זַאךְ מִיט אַזוֹיא פִיעל לֵיידֶענְשַׁאפְט (אִים פְּרִיכְטְרַאסְטִיֶעם)... אוּנ וְועֶהֶע צוּא אַייךְ, אִיגְנַאצִיוּס אוּנ סִיקְסְטוּס וֶוען אִיךְ וֶועל גֶעוָואר וֶוערִין אַז אִיהר הָאט מִיךְ נָאר בֶּעשְׁווִינְדֶעלְט אוּנ אַייֶער קִנְאָה צוּא אוּנְזֶער הֵיילִיגֶען גְלוֹיבֶּען וָואס אִיהר בֶּעוַוייזְט אִין דֶער מִינוּט אִיז בַּייא אַייךְ נָאר צוּא פַאר בְּלֶענְדֶען מִיר דִיא אוֹיגֶען, אוּם אִיהר זָאלְט דוּרְךְ אִיהר קֶענֶען אוֹיס פִיהְרֶען אַייֶערֶע פֶערְבָּארְגֶענֶע נְקָמָה אָן דִיא גֶעפַאנְגֶענֶע.

פוּן דִיזֶע רֵייד, וֶועלְכֶער זֶענֶען אַרוֹיס גֶעזָאגְט גֶעוָוארֶען ווִיא מִיט אַדָאנְנֶער-שְׁטִימֶע, זֶענֶען בְּלַאס גֶעוָוארֶען דִיא גֶעזִיכְטֶער פוּן דִיא צְוֵויא מָאנַאבֶּען אוּנ אַלֶע זֵייעֶרֶע אֵבָרִים זֶענֶען פֶערְצִיטֶערְט גֶעוָוארֶען פוּן דִיא טוֹיט שְׁרֶעקֶענֶעשׁ וָואס אִיז זֵייא בֶּעפַאלֶען אוֹיף דִיזֶער מִינוּט, אָבֶער בַּאלְד הָאט זִיךְ אִיגְנַאצִיוּס גֶעמוּטְהִיגְט אוּנ הָאט גֶעוָואלְט עֶפֶּעס אָבּ עֶנְטְפֶערִין אַקֶעגֶען, נָאר דֶער גְרָאס-אִינְקְווִיזִיטָאר הָאט אִיהם דַארַיין גֶעשְׁטֶערְט, דֶען עֶר הָאט בַּאלְד אַלֵיין חֲרָטָה גֶעהַאט אוֹיף זַיינֶע שְׁטְרֵיינְגֶע רֵייד וֶועלְכֶע עֶר הָאט אוּנְבֶּעוָואגֶען אַרוֹיס גֶעלָאזְט פוּן זַיין מוֹיל אוּנ הָאט בַּאלְד צוּא גֶעלֵייגְט:

— אִיךְ הָאבּ אַייךְ נָאר טְרַייא גֶעוָוארֶענְט, אָבֶער דֶער וַוייל גְלוֹיבּ אִיךְ אַייךְ נָאךְ, דַארִיבֶּער מֶעגְט אִיהר אַייךְ בֶּערוּהִיגֶען, בְּרִידֶער, אוּנ זַייט עֶהְרְלִיךְ, גֶעהְט אַרַיין אִין דֶער תְּפִיסָה צוּא דִיא גֶעפַאנְגֶענֶע אוּנ פָארְשְׁט זֵייא



נאךְ

נָאךְ ווִיא אִיהר ווִילְט אוּנ מַיין שְׁרַייבֶּער וֶועט פֶערְשְׁרַייבֶּען אִין פְּרָאטָאקָאל אַלֶעס וָואס אִיהר וֶועט פוּן זַייא אַרוֹיס צִיהֶען.

בֵּיידֶע מָאנַאכֶען הָאבֶּען זִיךְ שְׁטִיל, אָהן וֶוערְטֶער, פֶערְנֵייגְט פִיר דֶעם גְרֵייז אוּנ זֶענֶען אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען פוּן זַיין שְׁטוּבּ, קוֹים אִיז פֶערְמַאכְט גֶעוָוארֶען דִיא טִיהר נָאךְ זַייא אַלְס אִיגנאציוס הָאט זִיךְ שְׁטִיל אָבּ גֶערוּפֶען צוּא זַיין גֶעזֶעלִין:

— הֶער אוֹיס, סִיקסטוּס, בַּייא דֶעם אַלְטֶען אִיז נָאךְ נִישְׁט דֶער גַאנְצֶער מוֹחַ אוֹיס גֶעוֶועפְּט, דַארִיבֶּער דַארְפֶען מִיר אוּנְז הִיטֶען פַאר אִיהם עֶר זָאל זִיךְ חָלִילָה נִיט דֶער ווִיסֶען פוּן אוּנְזֶערֶע גֶעדַאנְקֶען אוּנ פוּן דֶער לַיידֶענְשַׁאפְטְלִיכֶע לִיבֶּע צוּא דֶער שֵׁיינֶער רחל׳ן...

— שְׁוַויינ שְׁטִיל, הָאט אִיהם סִיקסטוּס אַיינְגֶערוֹימְט אִין אוֹיעֶר, אַרוּם קוּקֶענְדִיג זִיךְ אוֹיף אַלֶע זַייטֶען מִיט שְׁרֶעק, וָוארוּם דָא הָאבֶּען אֲפִילוּ אוֹיךְ דִיא וֶוענְד אוֹיעֶרִין... לָאמִיר אַרַיין גֵיין אִין דֶעם צִימֶער וָואס דֶער אַלְטֶער הָאט אוּנְז אָבּ גֶעגֶעבִּין, וֶועלִין מִ׳ר זִיךְ בֶּערַאטְהֶען דָארְט אִיבֶּער אוּנְזֶערֶע סוֹדוֹת...

— נַא, דָא זֶענֶען מִיר שׁוֹין זִיכֶער הָאט סִיקסטוּס גִיזָאגְט אַרַיין קוּמֶענְדִיג מִיט אִיגנאציוס׳ן אִין זַייעֶר צִימֶער, יֶעצְט דֶער צֵייל מִיר דִיא נַייעֶסֶען וָואס דוּא הָאסְט מִיט זִיךְ גֶעבְּרַאכְט פוּן פראג.

— דָאס זֶענֶען זַייעֶר ווִיכְטִיגֶע נַייעס, הָאט אִיגנאציוס גִיעֶנְטְפֶערְט מִיט אַשְׁמֵייכֶעל אוּנ הָאט זִיךְ גֶערִיבֶּען דִיא הֶענְד פַאר פְרֵייד, דִיא נֶעץ אִיז שׁוֹין אוֹיס גֶעשְׁפְּרֵייט פַאר אוּנְזֶער טַייבֶּעלֶע אוּנ בַּאלְד וֶועלִין מִ׳ר זִיא פַאנְגֶען, דוּא וַוייסְט דָאךְ אַז אוּנְזֶער שְׁפִּיָאן עבערהארד הָאט עֶנְטְדֶעקְט דִיא טְרִיט פוּן איזראעלס מְשָׁרֵת, יעקב אוּנ מִיט זַיין גְרוֹיסֶען לוּסְטִיגְקֵייט אִיז אִיהם גֶעלִינְגֶען אַרוֹיס צוּא צִיהֶען וֶוערְטֶער פוּן דֶעם מְשָׁרֵת אַז עֶר (דֶער מְשָׁרֵת) אִיז אַהֶער אָנְגֶעקוּמֶען פוּן פראג אוֹיף דֶעם בַּאפֶעהל פוּן מיכאל מִיט רחל׳ן אוּם נָאךְ צוּא פָארְשְׁטִין אוּנ צוּא גֶעוָואר וֶוערִין דֶעם סוֹף מִשְׁפָּט פוּן זַייעֶרֶע פְרַיינְד, דִיא גֶעפַאנְגֶענֶע. אוּנ דִיא קְלֵיינֶע יְדִיעָה פוּן אוּנְזֶער שְׁפִּיָאן אִיז מִיר שׁוֹין גֶעוֶועזִין גֶענוּג אוּם אִיךְ זָאל אָבְּרַייזֶען קַיין פראג אוּנ צוּא דֶער גֶעהן ווִיא זַייא גֶעפִינֶען זִיךְ דָארְט, אֱמֶת עֶס אִיז מִיר נִיט גְרִינְג אָנְגֶעקוּמֶען צוּא אַרַיין קוּמֶען אִין פראג וַוייל דִיא הוּסִיטֶען זֶענֶען דָארְט זַייעֶר פִּיל אוּנ דִיא דָאזִיגֶע אַפִּיקוֹרְסִים זֶענֶען דָאךְ דִיא שׂוֹנְאִים פוּן אוּנְזֶער גְלוֹיבֶּען, נָאר אִיךְ הָאבּ מִיךְ פֶערְקְלֵיידֶעט פַאר אַבּוֹיעֶר אוּנ בִּין בְּשָׁלוֹם אַרַיין גִיקוּמֶען אִין שְׁטָאט אוּנ הָאבּ מִיר גֶעפוּנֶען אָמָקוֹם מִקְלָט אִין דֶעם מאנאסטיר פוּן דִיא בֶּענֶעדִיקְטֶען, פוּן וֶועלְכֶען דֶער עֶלְצְטֶער אִיז מַיין יוּגֶענְד פְרַיינְד, אִיהם הָאבּ אִיךְ מְגַלֶה גֶעוֶועזִין מַיין סוֹד אוּנ הָאבּ אִיהם צוּא גְלַייךְ גֶעפְרֶעגְט צוּא הָאט עֶר נִיט אַזַא בֶּעקַאנְטֶען מֶענְטְשִׁין וֶועלְכֶער זָאל נִיט פְרֶעמְד זַיין מִיט דֶער יוּדִישֶׁער גְהֶעטְטַא, צוּא בַּיי גְלִיק הָאט עֶר אַזֶעלְכֶען גִיהַאט, טַאקִי פוּן דֶעם מאנאסטיר מִיט דֶעם

נָאמֶען: קיליאַן, וועלכֶער הָאט גֶעדִינְט בַּיים יוּדֶען איטלעס אוּנ עֶרְסְט פַּאר עֶטְלִיכֶע טֶעג הָאט מֶען אִיהם פוּן דָארְט פֶערְטְרִיבֶען אִיבֶּער אַגְנֵבָה, דִיזֶען קיליאַן הָאט מַיין יוּגֶענְד פְרַיינְד מְקָרֵב גֶעוֶועזִין וַוייל עֶר הָאט אִיהם גֶעפוּנֶען פַּאר נוּטְצְלִיךְ עֶר זָאל דוּרְךְ אִיהם זִיךְ קֶענֶען נוֹקֵם זַיין אָן דִיא יוּדֶען וֶוען עֶס וֶועט זִיךְ אִיהם פֶערְגְלוּסְטֶען, אוּנ יֶעצְט שְׁטֶעל דִיךְ פָאר, מַיין לִיבֶּער סיקסטוס וַויא עֶרְפְרֶעהט אִיךְ בִּין גֶעוָוארִין אַלְס אִיךְ הָאבּ דֶער הֶערְט פוּן דִיזֶען קיליאַן אַז דִיא שֵׁיינֶע רחל וֶועלְכֶע מִיר לִיבֶּען אוּנ זוּכֶען זִיא, גֶעפִינְט זִיךְ אִין איטליסשעם הויז!

— דָאס נַייֶעס אִיז וִוירְקְלִיךְ גֶענוּג מֶערְקְוִירְדִיג אַזוֹיא אַז אִיךְ גְלוֹיבּ כִּמְעַט נִיט אַז אִיךְ הֶער עֶס מִיט מַיינֶע אֵייגֶענֶע אוֹיעֶרִין פוּן דַיין אֵייגֶען מוֹיל, הָאט סיקסטוס אוֹיס גֶערוּפִין פַאר פְרֵייד, אַךְ וִויא גְלִיקְלִיךְ מִיר זֶענֶען מִיט דֶעם טַייעֶרִין צוּפַאל אוּנ וִויא גְרוֹיס עֶס אִיז יֶעצְט אוּנְזֶערֶע הָאפְנוּנְגֶען! אָבֶּער וואוּ זָאל זַיין יֶעצְט אִיהר בְּרוּדֶער? זָאל עֶר פִילַייכְט שׁוֹין זַיין גֶעפַאנְגֶען אִין ליגניטץ פוּן דֶעם שְׁרַייבֶּער ביטשען?

— יַא אִיךְ הָאבּ תְּחִילַּת אוֹיךְ אַזוֹיא גֶעמֵיינְט, הָאט איגנאציוס גִיזָאגְט אוּנ בִּין דַאדוּרְךְ גֶענוּג עֶרְשְׁטוֹינְט גִיוָוארִין אַלְס אִיךְ הָאבּ דֶער הֶערְט פוּן דֶעם קיליאַן אַז עֶר אִיז אַצוּנְד גָאר בַּייא איטליסשען אִין הויז צוּא זַאמֶען מִיט זַיין שְׁוֶועסְטֶער, אָבֶּער קיליאַן אִיז אַזַא מֶענְטְשׁ וָואס הָאט לִיבּ אַזַאךְ צוּא וִויסֶען גֶענוֹי מִיט אַלֶע קְלֵיינִינְקֵייטֶען, אִיז עֶר אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען צוּא יֶענֶעם הויז אוּנ הָאט אוּנְטֶער גֶעשְׁטֶעלְט דֶעם אוֹיעֶר אוּנְטֶער דֶער טִיהר הָאט עֶר גִיהֶערְט וִויא מיכאל הָאט איטליסשען עֶרְצֵיילְט וִויא אַזוֹיא דֶער כְּרִיכְטַאוו אִיז גִיקוּמֶען דוּרְךְ דֶעם בַּאפֶעהל פוּן דֶעם שְׁרַייבֶּער ביטשען, צוּם רַב אִין שְׁטוּבּ (אִין ליגניטץ) אוּם צוּא אַרֶעסְטִירֶען דֶעם מיכאל, הָאט עֶר אִיהם שׁוֹין דָארְט נִיט גִיטְרָאפִין, נַאכְהֶער הָאט מֶען אָנְגֶעהוֹיבִּין גוּט נָאךְ צוּא פָארְשְׁטֶען זַיינֶע טְרִיט אִיז מֶען דֶער גַאנְגֶען אַז דֶער גוּבֶּערְנַאטָאר היינץ שעדליץ הָאט אוֹיסְבֶּייעט אַרַיין צוּא נֶעמֶען דֶעם יוּנְגְלִינְג צוּא זִיךְ אִין הויז, אוּנ דָארְט הָאט שׁוֹין דֶער שְׁרַייבֶּער קַיין מַאכְט גִיהַאט צוּא צוּטְרֶעטִין, אוּנ אָט אוֹיף אַזַא אוֹפֶן אִיז אִיהם גֶעלִינְגֶען צוּא אַנְטְרִינֶען וֶוערִין פוּן דֶעם שְׁרַייבֶּערְס הֶענְד אוּנ אִיז אָנְגֶעקוּמֶען קַיין פראג, יֶעצְט וֶועט דֶער שְׁרַייבֶּער גֶעוִויס אוֹיס לָאזֶען זַיין גַאנְצִין צָארִין אוֹיף דֶעם דָארְטִיגֶען רַאבִּינֶער דֶער פַאר וָואס עֶר הָאט אַרַיין גִינוּמֶען צוּא זִיךְ אַפְרֶעמְדִין יוּדֶען, אָבֶּער נִישְׁט דָאס אִיז אוּנְזֶער צִיעֶל, מִיר דַארְפִין בֶּעסֶער שְׁמוּעֶסִין פוּן דֶער שֵׁיינֶער רחל'ן וָואס מִיר הָאבִּין שׁוֹין עֶנְטְדֶעקְט אִיהר אָרְט אוּנ אַלְזָא וֶועט זִיא שׁוֹין זַיין אוּנְזֶערֶע, אוּנ מִיר וֶועלִין נָאךְ צַייט הָאבִּין צוּא בַּאקְלֶערִין וִויא אַזוֹיא דָאס זָאל גֶעשֶׁעהֶן, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין וֶועגִין דֶעם אַפַּארְטִיגֶען פְּלַאן וֶועלְכֶען אִיךְ וֶועל דִיר שְׁפֶּעטֶער עֶנְטְדֶעקֶען, דֶער וַוייל לָאמִיר אַרַיין גֵיין צוּא דִיא גִיפַאנְגֶענֶע; פִילַייכְט קֶענֶען זֵיי שׁוֹין נִיט אִיבֶּער טְרָאגֶען דֶעם לַאנְגֶען אַרֶעסְט אוּנ וֶועלִין זִיךְ מוֹדֶה זַיין אַזוֹיא וִויא מִיר ווילֶען,

אבער וויים סיקסטוס אז אויך דער צוא — אויב זייא וועלין זיך מודה זיין — האב איך איין עצה וויא אזויא רחל זאל ניט אנטרונען ווערין פון אונזערע הענד, אונ דאס וואס דער פירשט האט מיר ניט גיענטפערט איז טאקי אונז לטובה, — דען וויא באלד מיר וועלען זאגען רחל'ן אז דאס לעבען פון איהרע פריינד געפינט זיך אין אונזערע הענד אזויא אז מיר מעגען מיט זייא טאהן וואס מיר ווילען אונ אז מיר זענען אין שטאנד זייא צוא בעפרייען ווען זיא וועט נאר ערפילען אונזער וואונש... דאנן וועט זיא אונז פאלען צוא דיא פיס אונ וועט אונז צוא ליב טאהן אלעס וואס מיר וועלען פון איהר פערלאנגען.

אווילד געלעכטער האט פאר קרימט דיא מיילער פון דיא ביידע מאנאכען אלס זייא האבען זיך צוא געוואונקען מיט דיא אויגען איינער צום אנדערין אונ ביידע האבען פערלאזט זייער צימער אונ זענען אוועק געגאנגען צוא דיא געפאנגענע אין דער תפיסה.

5.

## אין דער תפיסה פון דער אינקוויזיציע.

דיא תפיסה פון דער אינקוויזיציאן אין וועלכע זיא האט פערשפארט איהרע קרבנות, דיא מענטשען אויף וועלכע זיא האט אויס געגאסען איהר צארין, איז בעשטאנען פון אטיפע אייל אונטער דיא ערדע פון דיזען זעלבען מויער וועלכען מיר האבען דער מאנט אין פארינען קאפיטיל, אשרעקליכע פינצטערנעש, וויא אין אקבר האט בעדעקט דיא אומגליקליכע וואס זענען דארט געזעסען געפאנגען, דען דיא פערשלאסענע טירען האבען ניט אריין געלאזט אהין קיין מינדעסטען זאנענשטראהל, אונ דיא פייכטע וועגד פון דער אייל וועלכע האבען ארוים געגעבען פון זיך אפערשטיקטען לופט וואלט געוויס דיא אומגליקליכע קענען אויף טויט ערשטיקען ווען עס זאל ניט זיין אקליין-שמאלער לאך אויבען אין דער וואנד דורך וועלכען עס זאל אריין קומען איין עטוואס לופט, אבער ווער קאנן דען יא דאנקען דיא טיראנען פאר דעם חסד אום צוא ערהאלטען לייננער דאס לעבען פון דיא אומגליקליכע? עס וואלט דאך זייא פיל בעסער זיין אויף איין מאל צוא שטארבען וויא צוא אויסגעהן ביסליך ווייז אין דעם פינצטערין קבר.

שוין מעהר פון דרייא מאנאט איז איבער געלאפען אלס ר' ישראל מיט זיין פרויא שרה געפינען זיך דא אין דער שרעקליכער תפיסה, איין מאל נאר האט זיך פאר זייא דיא קופערנע טיהר גיעפינט בשעת מען האט זייא אהין אריין געבראכט אבער ניט מעהר. דורך דעם אויבערשטען לאך וואס ברייננט אריין פרישע לופט אום צוא ערהאלטען זייער לעבין, האט מען

דִיא אַריין גֶעוָואָרְפֶען אִין גֶעווִיסֶע צַייטֶען שְׁפַּייז : פֶערְדַארְט בְּרוֹיט מִיט אַקְרוּג שְׁלֶעכְטֶעס וַואסֶער, אוּנ אַזוֹיא הָאבֶּען זַייא גֶעגֶעסֶען מִיט זָארְג אוּנ גֶעטְרוּנְקֶען מִיט טוּמֶעל אוּנ גֶעוַוארְט בִּיז מֶען וֶועט זַייא אַרוֹיסְרוּפֶען צוּם גֶערִיכְט, אָבֶער עֶס אִיז שׁוֹין אִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען מֶעהר פוּן דְרַייא מָאנַאט אוּנ נָאךְ רוּפְט מֶען זַייא נִיט אַרוֹיס פוּן דַאנֶען אוּנ וַוייסֶען זָאגַאר נִיט אִין וָואס מֶען בֶּעשׁוּלְדִיגְט זַייא ; זַייא זֶענֶען וִויא אָבְּגֶעשְׁטָארְבֶּען אוּנ פַארְגֶעסֶען פוּן דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט — אַנְדֶערְשׁ נִיט סַיידֶען זַייא זֶענֶען פֶערְמִשְׁפָּט גֶעוָוארֶען דָא אַזוֹיא צוּא זִיצֶען בִּיז אִין זַייעֶר טוֹיט, צוּא גֶעקָואוֶועט צוּא דֶער וַואנְד מִיט שְׁוֶוערֶע קַייטֶען זֶענֶען מַאנְן אוּנ וַוייבּ דָא גֶעזֶעסֶען אִין דֶער אֵייבִּיגֶע פִינְצְטֶערְנֶעשׁ אוּנ הָאבֶּען נִישְׁט גֶעזֶעהֶן אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערִין נָאר זַייעֶרֶע זֶעעלֶען הָאבֶּען זִיךְ צוּא זַאמֶען בֶּעגֶעגֶענְט אִין זַייעֶרֶע גְרוֹיסֶע יְסוּרִים אוּנ וֶוען דֶער אוּנְגֶעדוּלְד הָאט זַייא שְׁטַארְק בֶּעהֶערְשְׁט הָאבֶּען זַייא גֶעזָאגְט תְּהִלִּים אוּנ אוֹיס גֶעגָאסֶען זַייעֶרֶע פֶערְבִּיטֶערְטֶע הֶערְצֶער פַאר גָאט וָואס זַיין אוֹיג קוּקְט אַריין אֲפִילוּ אִין דִיא פֶערְבָּארְגֶענְסְטֶע, טִיעפְסְטֶע אֵיילֶען אוּנ עֶס אִיז זַייא גְרִינְגֶער גֶעוָוארִין, נָאר אָבְּוָואהל פוּן דֶער גַייסְטִיגֶער זַייט זֶענֶען זַייא גֶעבְּלִיבֶּען גַאנְץ אוּנ גֶעזוּנְד אִיז יֶעדָאךְ שְׁטַארְק גֶעפַאלֶען בַּייא זַייא דֶער קֶערְפֶּערְלִיכֶער שְׁטַאנְד, זַייא זֶענֶען אַיינְגֶעבּוֹיגֶען אוּנ כּוּטוּלֶעוַואטֶע גֶעוָוארֶען, דִיא גֶעזִיכְטֶע זֶענֶען בַּייא זַייא שְׁטַארְק אַיינְגֶעפַאלֶען, דִיא הָאר פוּן דִיא קֶעפּ זֶענֶען פַאר דֶער צַייט וַוייס גֶעוָוארֶען, דִיא אוֹיגֶען זֶענֶען טִיעף אַריין אִין קָאפּ אוּנ הָאבֶּען פֶערְלוֹירֶען פוּן דֶעם שְׁטֶענְדִיגֶען פִינְצְטֶערְנֶעשׁ זַייעֶרֶע פְרִיהֶערְדִיגֶע שַׁיין, דִיא גְרֶעסְטֶע צָרָה פוּן אַלֶע זַייעֶרֶע צָרוֹת אִיז גֶעוֶועזִין וָואס זַייא הָאבֶּען גֶעזָארְגְט פַאר דִיא צְווייא יוּנְגֶע קִינְדֶער, מיכאל מִיט רחל'ן אוּנ הָאבֶּען זַייעֶר גֶעוָואלְט ווִיסֶען וָואס עֶס אִיז מִיט זַייא גֶעשֶׁעהֶען : צוּא אִיז רחל גֶערֶעטֶעט גֶעוָוארֶען פוּן דֶער נֶעץ וָואס דֶער מָאנַאךְ הָאט פַאר אִיהר אוּנְטֶערְגֶעלֶעגְט, אָדֶער זִיא גֶעפִינְט זִיךְ שׁוֹין בַּייא זַייעֶר שׂוֹנֵא אִין דִיא הֶענְד, דִיזֶע זָארְג הָאט גָאר שרה'ן קַיין רוּהֶע גֶעגֶעבֶּען אוּנ ישראל הָאט זִיךְ אַלֶע מָאל גֶעפְלַייסְט זִיא צוּא טְרֵייסְטֶען אוּנ אִיהר אוֹיס צוּא רֶעדֶען דָאס הַארְץ וֶועהרֶענְד זַיין אֵייגֶען הֶערְץ הָאט וֶועגֶען דֶעם נִיט וֶוייניגֶער גֶעלִיטֶען.

אֵיין מָאל אַלְס דִיא פְרוֹיא וַואר זַייעֶר פֶערְזָארְגְט אוּנ דֶער מַאנְן הָאט זִיךְ בֶּעמִיהֶעט צוּא אוּמְקֶערֶען אִיהר דִיא רוּהֶע וֶועלְכֶע הָאט אִיהם אַלֵיין גֶעפֶעהלְט, אִיז פְּלוּצִים דֶערְהֶערְט גֶעוָוארֶען אַרוֹישׁ פוּן אוּנְטֶער דֶער פֶערְשְׁלָאסֶענֶער טִיהר, דֶער אַייזֶערְנֶע רִיגֶעל הָאט זִיךְ אָבְּגֶערוּקְט פוּן זַיין אָרְט אוּנ עֶס אִיז אַריין גֶעלַייגְט גֶעוָוארֶען אַשְׁלִיסֶעל אִין דֶעם לָאךְ פוּן דֶעם שְׁלָאס . . . ; וָואס זָאל עֶס בֶּעדַייטֶען ? צוּא הָאבֶּען זִיךְ עֶנְדְלִיךְ גֶעפוּנֶען רֶעטְטֶער פַאר דִיא אוּמְגְלִיקְלִיכֶע גֶעפַאנְגֶענֶע וֶועלְכֶע זִיצֶען שׁוֹין אַזוֹיא לַאנְג אִין דֶער פִינְצְטֶערֶע אַייל ? . . . נַיין, אַזַא הָאפְנוּנְג וַואר נָאךְ זַייעֶר וַוייט פוּן זַייא, דֶען זַייא הָאבֶּען גוּט גֶעוואוּסְט אַז דִיא מַאכְט פוּן דֶער אִינְקְווִיזִיצְיָאן אִיז גֶענוּג גְרוֹיס אוּנ וַוייסְט

זיט פון קיין רחמנות, צוא אפשר האבען זיך ענדליך דער מאנט אן זייא דיא ריכטער צוא ארויס רופען זייא צום געריכט?... אדער אפשר גאר איז שוין לאנג פון זייא ארויס דער פסק אונ יעצט קומען דיא מלאכי המות צוא ערפילען אויף זייא דעם משפט?...

אלס דיא געפאנגענע זענען געזעסען אין איין ציטערנעש אונ געטראכט איבער זייער לאנגע וועלכע דארף זיך — נאך זייער מיינונג — באלד אומענדערין ענטוועדער צום גוטען אדער נאך מעהר צום שלעכטען, האט זיך גיעפינט דיא טיהר אונ אהעלע שיין וועלכע האט פלוצים אשיין געטאהן אויף דיא געפאנגענע פון דער פינצטערע איל האט זייא פאר בלענדעט מיט אמאל דיא אויגען פון צוא בעטראכטען דיא געזיכטער פון דיא מענטשען וועלכע זענען צוא זייא אריין געקומען אונ האבען אנידער געשטעלט אטיש מיט שטוהלען סאמע אין דער מיט איל אונ זענען שטיל אהן ווערטער באלד צוריק ארויס געגאנגען אונ האבען פערשלאסען דיא טיהר אונטער זיך, אין עטליכע מינוט ארום האט זיך דיא טיהר צוריק גיעפינט אונ פינף מענטשען אן געטאהן אין רויטע מאנטלען מיט פערמאסקירטע געזיכטער זענען אריין געקומען אין דער איל אונ האבען זיך אוים געזעצט אויף דיא שטוהלען וועלכע זענען פאר זייא צוא גענרייט געוועזען ארום דעם טיש, מיט קלאפענדיגע הערצער האבען דיא צווייא געפאנגענע געוואַרט צוא וויסען וואס דיא מענטשען וועלען מיט זייא טאהן.

— אין דעם איז איינער פון דיא פינף זאנדערבארע מענטשען אויפגעשטאנען פון זיין ארט אונ קוים האט ער נאר אנגעהויבען צוא רעדען האט שוין ישראל אשווידער געטאהן מיט זיינע אלע אברים — דען ער האט דער קענט דאס קול פון זיין שרעקליכען שונא, דאס קול פון דעם מאנאך איגנאציוס, וועלכע האט גערעט צוא איהם פון אונטער דער מאסקע: — דער יודע ישראל איזראעלי, פון דער שטאט ענס, אונ זיין פרויא שרה זענען בעשולדיגט געווארען פון דער היילינגער אינקוויזיציע מיט אשרעקליכע עבירה, אלזא זאל דער פראקוראר אויף שטעהן אונ דער ווייזען זייער זינד!

דער פראקוראר האט זיך אויף געהויבען פון זיין ארט אונ אויך איהם האט ישראל ערקענט פון זיין שטימע אז ער איז דער מאנאך סיקסטוס פון דעם דאמיניקאנער מאנאסטיר אין ענס.

— דער יודע ישראל איזראעלי פון דער שטאט ענס אונ זיין פרויא שרה האבען זיך פערשולדיגט דער מיט — האט דער פראקוראר אנגעפאנגען זיין רעדע — וואס זייא האבען איבער גערעט דיא פרויא זאבינא, דאס ווייב פון דעם קריסט קלמן, דער וועכטער פון דעם מאנאסטיר אין ענס, זיא זאל ארויס שטוילען פון דער קירכע דאס היילינגע ברויט אונ זאל עס זייא פערקויפען אום צוא חוזק מאכען דער פון אונ אום עס נאכהער

צוא שִׁיקֶען צוא אַלֶע יוּדֶען פוּן עסטרייך זֵייא זָאלֶען עֶס אוֹיךְ מְטַמֵא זַיין אוּנ דֶער פוּן אָבּ שְׁפֶּעטֶען.

— נָא, אַייֶער שוּלְד אִיז דֶערְוִויזֶען, הָאט איגנאציוס גֶעזָאגְט צוא דִיא גֶעפַאנְגֶענֶע, אוּנ יֶעצְט זַייט אַייךְ מוֹדֶה אוֹיף דֶעם פַאר בְּרֶעכֶען אוּנ נִישְׁט גֶעלֵייגֶענְט!

מִיט אַיין אָבְּגֶעשְׁוַואכְט קוֹל וִויא פוּן אַקֶבֶר אַרוֹיס הָאבֶּען דִיא צְוֵוייא פֶערְשׁוּלְדִיגְטֶע גִיעֶנְטְפֶערְט:

— דָאס אִיז דוּרְךְ אוֹיס שֶׁקֶר וְכָזָב, אַזַא פַאר בְּרֶעכֶען הָאבֶּען מִיר קַיין מָאל נִיט גֶעטָאהן!

— אִיהר זֶענְט דָאךְ אָבֶּער בַּאלְד גֶעחַאפְּט גֶעוָוארֶען אוֹיף דֶעם פַאְרבְּרֶעכְפְּלַאץ, אַלס אִיהר הָאט אָבּ גֶעצֵיילְט גֶעלְד דֶעם וֶועכְטֶערְס פְרוֹיא אִין דֶער הַאנְד אַרַיין, אוּנ דָאס קֶעסְטֶעל מִיט דֶעם הֵיילִיגֶען בְּרוֹיט הָאט מֶען גֶעטְרָאפֶען אוֹיף אַייֶער טִישׁ!

מִיט גְרוֹיס מִיהֶע הָאט אִין זִיךְ ישראל אוֹיף גֶעהַאלְטֶען דֶעם צָארִין וֶועלְכֶער הָאט אִין אִיהם גֶעבְּרֶענְט וִויא אַפַייֶער אוֹיף דֶעם גֶעמֵיינֶעם מֶענְטְשֶׁען, דֶעם איגנאציוס, וֶועלְכֶער הָאט אַלֵיין אָנְגֶעשִׁיקְט דָאס אוּמְגְלִיק אוֹיף זַיין הוֹיז אוּנ יֶעצְט אִיז עֶר גֶעוָוארִין זַיינֶער אַשׁוֹפֵט אוּנ אַמוֹכִיחַ, אוּנ הָאט אִיהם גִיעֶנְטְפֶערְט מִיט אַצִיטֶערְדִיגֶע שְׁטִימֶע וֶועלְכֶע אִיז אַרוֹיס פוּן זַיין אוֹיפְגֶערֶעגְט - שְׁטוּרֶעמְדִיגֶעס הֶערְץ:

— דֶעם וֶועכְטֶערְס פְרוֹיא הָאט מִיר גֶעבֶּעטֶען, וִויא אִיהר שְׁטֵייגֶער אִיז אַלֶע מָאל, אִיךְ זָאל אִיהר גֶעבֶּען אַנְדָבָה אוּם צוא שְׁטִילֶען אִיהר הוּנְגֶער, אוּנ דֶער וַוייל הָאט זִיא אַנִידֶער גֶעשְׁטֶעלְט דָאס קֶעסְטֶעל אוֹיפִין טִישׁ אוּנ מִיר הָאבֶּען גָאר דֶערוֹיף נִיט אָנְגֶעוֶוענְדֶעט קַיין שׁוּם גֶעדַאנְקֶען.

— אָ יוּד! הִיט זִיךְ פוּן צוא זָאגֶען לִיגֶענְד, דֶען עֶס וֶועלִין אוֹיף שְׁטֵיין דִיא עֵדוּת אוּנ דֶער וַוייזֶען דַיין זִינְד, אוּנ דַאנְן...

— זָאלֶען זֵייא אוֹיף שְׁטֵיין מִיךְ בֶּעשׁוּלְדִיגֶען, אִיךְ הָאבּ פַאר זֵייא קַיין מוֹרָא — הָאט אִיהם ישראל אִיבֶּער גֶעשְׁלָאגֶען דִיא רֵייד, אוֹיפְהֵייבֶּענְדִיג זַיין שְׁטִימֶע פוּן זַיין אוֹיף גֶעהַאלְטֶענֶעם צָארִין — דֶען קוֹים וֶועלִין זֵייא מִיךְ וִוירְקְלִיךְ בֶּעשׁוּלְדִיגֶען אִיז אַלְזָא פַאלְשׁ זֵייעֶרֶע גַאנְצֶע עֵדוּת, אוּנ זֵייעֶרֶע רֵייד וֶועלֶען זַיין שְׁמֵייכֶעלְהַאפְט אוּנ לִיגֶענְד.

— דוּא הָאסְט גֶעהֶערְט דֶעם יוּדֶענְס וֶוערְטֶער, הָאט גֶעזָאגְט איגנאציוס צוּם שְׁרַייבֶּער וָועלְכֶער הָאט פַארְשְׁרִיבֶּען אִין בּוּךְ אַלֶע רֵייד וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט, — עֶר הָאט זִיךְ אוּנְטֶער גֶעשְׁטֶעלְט קְרִיסְטֶען צוא שֶׁענְדֶען אוּנ זֵייא צוא מַאכֶען פַאר לִיגְנֶער, קוּמְט אַהֶער אַלְזָא אִיהר עֶהרְלִיכֶע עֵדוּת אוּנ דֶער צֵיילְט אַלֶעס וָואס אִיהר הָאט גֶעזֶעהֶען אוּנ גֶעהֶערְט!

צְוַוייא מֶענְטְשִׁין פוּן דִיא זָעלְבֶּע פִינְף פֶּערְזָאנֶען זֶענֶען אוֹיף גֶעשְׁטַאנֶען הָאבִּין דֶער צֵיילְט פּוּנְקט וִויא סיקסטוס הָאט זַייא פְרִיהֶער אָנְגֶעזָאגְט.

— צוּא קֶענְט אִיהר שְׁוֶוערֶען אוֹיף אַייֶערֶע רֵייד אַז זַייא זֶענֶען אֶמֶת?

— מִיר קֶענֶען שְׁוֶוערֶען!

אַלְס דִיא עֵדוּת הָאבֶּען אָפּ גֶעשְׁוָוארֶען הָאט זִיךְ אינגאציוס גֶעוֶוענְדֶעט צוּא דִיא גֶעפַאנְגֶענֶע אוּנ זַייא גֶעפְרֶעגְט:

— נָא וָואס וֶועט אִיהר יֶעצְט עֶנְטְפֶערִין אוֹיף זַייעֶרֶע רֵייד?

— אַז זַייא הָאבֶּען גֶעזָאגְט לִיגֶענְד אוּנ הָאבֶּען פַאלְשׁ גֶעשְׁוָוארֶען — הָאבֶּען בֵּיידֶע גֶעפַאנְגֶענֶע גִיעֶנְטְפֶערְט, אוּנ ר׳ ישראל הָאט נָאךְ צוּגֶעלֵייגְט: — אוּנ אַז זַייא זֶענֶען גֶעדוּנְגֶען גֶעוָוארֶען פוּן דִיר, אינגאציוס, פַאר גֶעלְד אוּם דוּא זָאלְסְט אוּנְז אוּמְבְּרֵיינְגֶען אוּנ זִיךְ נֹקם זַיין אָן אוּנְז דֶער פַאר וָואס מִיר הָאבֶּען דִיךְ אַרוֹיס גֶעטְרִיבֶּען...

— שְׁטִיל יוּד! הָאט אִיהם אינגאציוס אַיינְגֶעשְׁטִילְט מִיט זַיין דָאנֶער־שְׁטִימֶע, אוּנ וֶוענְדֶענְדִיג זִיךְ צוּם שְׁרַייבֶּער הָאט עֶר גֶעזָאגְט: הֶער אִיהם נִיט וָואס עֶר זָאגְט... דֶען עֶר אִיז מְשׁוּגָע... אִיךְ קֶען גָאר כְּלַל נִיט דֶעם יִידֶען... אַלֶע זַיינֶע רֵייד זֶענֶען לוֹיטֶער דוּמְהַייט... נִיכְט וַואהר סיקסטוס?

אָבֶּער אֵיידֶער סיקסטוס הָאט צַייט גֶעהַאט אִיהם צוּא עֶנְטְפֶערִין, אִיז שׁוֹין ישראל אוֹיף גֶעשְׁפְּרוּנְגֶען פוּן זַיין אָרְט אוּנ הָאט זִיךְ צוּא גֶעשְׁלֶעפְּט צוּם טִישׁ אוֹיף אַזוֹיא פִיל אוֹיף וִויא פִיעל זַיינֶע שְׁוֶוערֶע קֵייטֶען הָאבֶּען אִיהם עֶרְלוֹיבְּט אוּנ הָאט אוֹיס גֶעשְׁרִיגֶען צוּא אינגאציוסען אוֹיף אַיין הוֹיךְ קוֹל:

— דוּא בִּיזְט דָאךְ גֶעוֶועזִין דֶער גַאנְצֶער אוּרְהֶעבֶּער פוּן מַיין אוּנְגְלִיק, דוּא הָאסְט דָאךְ אוּנְז אִין אוּנְגְלִיק גֶעוָוארְפֶען אוּנ אַתִּיל גֶעמַאכְט פוּן אוּנְזֶער גוּטְס, אִיךְ וֵויים צְוַואר אַז מַיין לֶעבֶּען אִיז שׁוֹין פֶערְלָארֶען וָוארוּם דוּא ווִילְסְט אַזוֹיא אוּנ פוּן דַיין הַאנְד קָאן מִיךְ שׁוֹין קֵיינֶער נִיט רֶעטֶען, יַא, אִיךְ מִיט מַיין אוּנְגְלִיקְלִיכֶע פְרוֹיא שְׁטֶעהֶען שׁוֹין גְרֵייט צוּם טוֹיט אוּנ מִיר וֶועלִין שְׁטַארְבִּין וִויא עֶהרְלִיכֶע לַייט; אָבֶּער בִּיז אִין דֶער לֶעצְטֶער מִינוּט פוּן אוּנְזֶער לֶעבֶּען וֶועלִין מִיר נִיט אוֹיפְהֶערֶען צוּא שֶׁעלְטֶען דִיךְ, אינגאציוס, דֶער אוּרְהֶעבֶּער פוּן אוּנְזֶער אוּמְגְלִיק צוּא זַאמֶען מִיט דַיינֶע חֲבֵרִים אוּנ גֶעהִילְפֶער פוּן דֶעם בֵּייזֶען טְהַאט... קוּק אוּנְז אָן, אָ דוּא גַייסְטְלִיכֶער מַאנְן אוּנ בֶּעטְרַאכְט דַיין אֵייגֶענֶע שַׁאנְד! דֶען דֶער בִּלְבּוּל, דֶער פָּאגְרָאם אוֹיף אוּנְזֶער הוֹיז אוּנ פֶערְמֶעגִין אוּנ דָאס פַּיינִיגֶען אוּנְז אִין דִיזֶען פִינְצְטֶערִין קֶערְקֶער, דָאס אַלֶעס אִיז אוּנְז נָאר דוּרְךְ דִיר גֶעקוּמֶען! אוּנְזֶער הוֹיט אוֹיפִין לַייבּ אִיז שׁוֹין אַיינְגֶעפְּרֶעסְט גֶעוָוארֶען צוּא דִיא בֵּיינֶער, אַלֶע אוּנְזֶערֶע קְרֶעפְטֶען הָאבֶּען מִיר פֶערְלָארֶען, אוּנְזֶער לֶעבֶּען הֵיינְגְט שׁוֹין אוֹיף אַהָאר, — אָבֶּער

אַזויא וִויא נָאך לֶעבְּט אִין הִימֶעל, שְׁוֶוערֶען מִיר, אַז עֶס וֶועט דִיר נִיט גֶעשֶׁענְקְט וֶוערֶען דַיינֶע מַעֲשִׂים רָעִים; דִיא מַאכְט פוּן דֶעם גֶערֶעכְטֶען גָאט וֶועט דִיךְ טְרֶעפִין וואוּ דוּא וֶועסְט זַיין אוּנ פְּלוּצִים וֶועט אוֹיף דִיר אָנְקוּמֶען אַבְּרָאךְ פוּן אוֹיבֶּען אוּנ וֶועסְט שְׁטַארְבֶּען מִיט אַנִידֶערְטְרֶעכְטִיגֶען, שֶׁענְדְלִיכֶען טוֹיט, אוּנ דַאן, וֶוען דַיין בֵּייז מוֹיל וֶועט שׁוֹין פֶערְזוּכֶען דָאס בִּיטֶערְקַייט פוּן דֶעם טוֹיט, וֶוען דַיינֶע אוּמְרֵיינֶע, שְׁלֶעכְטֶע אוֹיגֶען, וֶועלְכֶע דוּא הָאסְט גֶעוָוארְפֶען אוֹיף מַיין פְּלִימֶענִיצֶע רחל אוּם צוּא רוֹיבֶּען אִיהר עֶהְרְלִיכְקַייט מִיט אִיהרֶע עֶהרֶע, וֶועלֶען פֶערְשְׁלָאסֶען וֶוערֶען אוֹיף עֶוִיג — דֶעמָאלְט וֶועלֶען אוֹיךְ מִיר קוּמֶען דִיךְ בֶּעגְלֵייטֶען אוֹיף דֶער אֱמֶת׳ר וֶועלְט, אוּנ וֶועלֶען זִיךְ מִיט דִיר שְׁטֶעלֶען פַאר דֶעם בֵּית דִין שֶׁל מַעְלָה אוּנ דָארְט וֶועסְט דוּא עֶרְסְט דֶער קֶענֶען אוּנְזֶער מַאכְט!...

וִויא אֵיינֶעם וָואלְט אַבִּים טָאהן אַשְׁלַאנְג אַזויא אִיז איגנאציוס אוֹיף גֶעשְׁפְּרוּנְגֶען פוּן זַיין אָרְט דֶער הֶערֶענְדִיג דֶעם נָאמֶען רחל. פוּן צָארִין אוּנ גְרוֹיס פֶערְווִירוּנְג הָאט עֶר אַרָאבּ גֶעשְׁלֶעפְּט פוּן זִיךְ דִיא מַאסְקֶע אוּנ עֶס הָאט זִיךְ אַרוֹיס גֶעוִויזֶען אַפָּנִים פוּן אַלֵייבּ! זַיינֶע אוֹיגֶען הָאבֶּען גֶעבְּרֶענְט וִויא פַייֶער אוּנ זֶענֶען שִׁיער נִיט אַרוֹיס גֶעקְרָאכֶען פוּן זַייעֶרֶע לֶעכֶער — וָוארוּם אוֹיס כַּעס הָאט אִין אִיהם שִׁיער נִיט גֶעפְּלַאצְט דִיא גַאל, עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען שְׁוֶוער צוּא אַטְהְמֶען אוּנ גֶעוָואלְט עֶפֶּעס רֵיידֶען נָאר דִיא צוּנְג אִיז אִיהם צוּא גֶעפְּרֶעסְט גֶעוָוארֶען צוּם גוּמֶען אוּנ דַארִיבֶּער הָאט זִיךְ נָאר פוּן אִיהם גֶעהֶערְט אַזָאנְדֶערְבַּארֶע, בְּרוּמֶעדִיגֶע שְׁטִימֶע אוּנ אַשׁוּים הָאט אַרוֹיס גֶעזֶעצְט אוֹיף זַיינֶע לִיפֶּען אוּנ דַאן הָאט עֶר זִיךְ אַוָוארְף גֶעטָאהן אוֹיף זַיין שְׁטוּהל אוּנ אִיז שְׁטוּם גֶעבְּלִיבֶּען, אַלְס דָער מוּטְה הָאט זִיךְ צוּא אִיהם צוּרִיק אוּמְגֶעקֶעהְרְט הָאט עֶר זִיךְ מִיט שְׁרֶעק אוּמְגֶעקוּקְט צוּם שְׁרַייבֶּער אוּנ זַיין גֶעזִיכְט אִיז טוֹיט בְּלַאס גֶעוָוארֶען אַלְס עֶר הָאט זִיךְ בַּארֶעכֶענְט אַז אוֹיבּ דֶער שְׁרַייבֶּער וֶועט אִיבֶּער גֶעבִּין פַאר דֶעם גְרָאס־אִינְקְווִיזִיטָאר דִיא אַלֶע רֶעדֶעס פוּן דֶעם יוּדֶען וֶועט עֶר מִיט סִיקְסטוּסֶען בֶּעקוּמֶען אַבִּיטֶערִין סוֹף: מֶען וֶועט זֵייא בֵּיידֶע פֶערְשְׁפַּארֶען אִין אַפִינְצְטֶערִין קֶערְקֶער גַאנְץ טִיעף אוּנְטֶער דֶער עֶרְד אוֹיף לֶעבֶּענְסְלֶענְגְלִיךְ אוּנ דָארְט וֶועלֶען זֵייא עֶנְדִיגֶען דִיא יָאהרֶען אָהן שׁוּם הָאפְנוּנְגֶען, זַיין הַארְץ הָאט אִיהם גֶעזָאגְט אַז נָאר מִיט דֶעם אֵיינְצִיגֶען קֶען עֶר זִיךְ רֶעטֶען, עֶר זָאל אִין שְׁטַאנְד זַיין צוּא אָבּ לֵייגֶענֶען אוֹיף דֶער שְׁטֶעל דֶעם יוּדֶענְס רֵייד אוּנ זָאל אַרָאבּ וַוארְפֶען פוּן זִיךְ דִיא שַׁאנְדֶע מִיט וֶועלְכֶע עֶר הָאט אִיהם גֶעשֶׁענְדֶעט; אָבֶּער צוּם אוּמְגְלִיק הָאט זִיךְ זַיין צוּנְג נִיט גֶעוָואלְט רִיהרֶען פוּנ׳ם אָרְט, אוּנ דָאס לָשׁוֹן הָאט זִיךְ צוּא אִיהם נָאךְ נִיט אוּמְגֶעקֶעהְרְט, אַשְׁרֶעקְלִיכֶעס שְׁטִילֶע הָאט גֶעהֶערְשְׁט אוֹיף דֶעם גַאנְצֶען פִירְכְטְבַּארֶען אָרְט, מֶען הָאט נָאר גֶעהֶערְט דָאס זִיפְצֶען פוּן דֶעם מָאנַאךְ וֶועלְכֶעס עֶר הָאט אַרוֹיס גֶעלָאזְט מִיט שְׁוֶוערֶע אַטְהְמֶען, אוּנ דָאס קְרֶעכְצֶען פוּן דִיא צְוֵייא

גאפאנגענע אויף זייער פערשלאסען ארט ווערענד זיא האבען שטיל געווייינט אויף זייער ביטערע לאגע, ענדליך האט זיך דער שרייבער אויף געהויבען פון זיין ארט, האט צוזאמען גענומען זיינע פאפירען און האט גאנץ רוהיג געזאגט:

— דיא אונטערזוכונג (סלעדסטווא) האט זיך געענדיגט און דיא געפאנגענע וועלין וויסען זייער ענדע ווען דיא היילינע ריכטער וועלין זיך זעטצען זייא משפט'ן, און יעצט לאמיר פערלאזין דיא גיפאנגענע

דיא איבעריגע פיר פערזאנען האבין איהם גיפאלגט און זענען איהם נאך געגאנגען, נאר איגנאציוס האט זיך מעהר פון אלעמען געאיילט ארויס צו גיין, ווייל ער האט געוואלט וויסען צו דער שרייבער וועט זייא שוין רופען זייא זאלען מיט איהם אריין גיין צום גראס=אינקוויזיטאר אדער ער וועט דאס אבלייגען אויף שפעטער, און דאנן וועלען זייא האבין דיא געלעגענהייט זיך צו בעראטהען וואס צו טאהן. צו קומענדיג צום מאנאסטיר האבען זייא געהערט פון אדיענער אז דער גראס=אינקוויזיטאר איז ניט לאנג אוועק געגאנגען צום פירשט אין פאלעץ און וועט זיך דארט פערזוימען ביז נאכט. איגנאציוס, דאס הערענדיג, איז וויא נייא בעלעבט געווארין און איז באלד אריין געגאנגען מיט זיין חבר סיקסטוס אין זייערין צימער, דארט האט ער אראב געווארפען פון זיך דיא גאנצע מאסקע פונ'ם געזיכט, האט געשאלטען דעם טאג אין וועלכען ער איז גאר געבוירען געווארען און האט אויף געוועקט זיין גאנצען צארין אויף דעם פערפלוכטען יודען נאך וואס ער האט זיך אונטער געשטעלט איהם צו דערנייען זיין שאנד. — וואס וועט ווערין פון דיין כעס? האט סיקסטוס געפרעגט דעם חבר זיינעם וועלכער איז אומגעלאפען איבערין שטוב וויא א משוגענער וועלכען עס שרעקט אבייזער גייסט — דער פון וועלען מיר זיך פון אונזער פערלעגענהייט ניט ארויס פיהרען, אט בעסער בערוהיג דיך און שווייג! דען ווער איז דא מעהר שולדיג וויא דו אליין? דער יוד פערדינט גאר ניט זאלסט אויף איהם יעצט אזויא בייז זיין, ווארום ווען דו זאלסט ניט געוועזן פערלירען דיעם מוטה, וואלטען מיר זיך יעצט פאר קיין זאך ניט שרעקען, יעצט אבער קענען מיר דא שוין מעהר ניט בלייבען, דען מיר זענען אין גרויס געפאהר: דער גראס=אינקוויזיטאר וועט הערען וויא דער שרייבער וועט איהם דער ציילען דעם יודענס רייד, וועט ער דער פון געוואר ווערען דעם גאנצען אמת...

— אבער וואוהין זאלען מיר לויפען?

— נאך אזא נארישקייט פרעגסט דוא? קיין פראג, לאמיר לויפען, וועלין מיר זיך דארט זעהן מיט אונזער שיין טייבעלע אין וועלכע מיר זענען אזויא שטארק פערליבט.

— הֶער אוֹיף צוּא טְרַייבֶּען מִיט מִיר קַאטָאוֶועס, וָוארוּם נִישְׁט יֶעצְט אִיז דִיא צַייט דֶער פוּן.

— אִיךְ טְרַייבּ קֵיין קַאטָאוֶועס, אִיךְ רֵייד גַאנְץ עֶרְנְסְט: דֶען קוֹמֶענְדִיגְ קֵיין פראג וֶועלִין מִיר גֶעפִינֶען אַקְוַוארְטִיר בַּייא דֶעם עֶלְצְטֶען פוּן דֶעם מאנאסטיר אוֹיף וִויא פִיל צַייט מִיר וֶועלִין אַלֵיין וֶועלִין, אוּנ אֲפִילוּ דֶער שְׁרַייבֶּער וֶועט אוֹיס פְּלוֹידֶערִין דָא פַאר דֶעם גְרָאס אִינְקְווִיזִיטָאר וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן דֶעם יוּדֶען אוּנ וֶועט אוֹיף אוּנְז אוֹיף גְבְרַאכְט וֶוערֶן — וָואס אַרְט עֶס אוּנְז? אַזֶעלְכֶע לִיבְּלִיכֶע מֶענְטְשִׁין וִויא מִיר קֶענֶען אַלֶע צַייטֶען גֶעפִינֶען אַיין עֵצָה אוּנ צוּא פֶערְזָארְגֶען יֶעדֶער זַאךְ צוּר גְלַייכֶער צַייט. וָואס דֶען, אַזוֹיא אִיז גְלַייכֶער? צוּא וַוארְטִין דָא בִּיז דֶער גְרָאס-אִינְקְווִיזִיטָאר וֶועט זִיךְ אוּמְקֶעהְרֶען פוּנֶ'ם פִירְשְׁט אוּנ בִּיז עֶר וֶועט אוֹיף אוּנְז אוֹיסְלָאזֶען זַיין צָארִין?

— נֵיין, נֵיין! הָאט אִיגנאציוס אוֹיס גֶערוּפֶען מִיט שְׁרֶעק, לָאמִיר שׁוֹין זִיךְ אָבּ טְרָאגֶען פוּן דַאנֶען אוּנ אֵיינֶער פוּן דִיא דִינֶער וֶועט אִיהם זָאגֶען אַז מִיר זֶענֶען גֶערוּפֶען גֶעוָוארִין וֶועגִין אַנֶעטְהִיגֶער זַאךְ צוּא אוּנְזֶער מאנאסטיר קֵיין ענס, אוּנ הָאבֶּען אֲפִילוּ קֵיין צַייט גֶעהַאט צוּא אָבְּוַוארְטֶען בִּיז עֶר וֶועט זִיךְ אוּמְקֶעהְרֶען פוּנֶ'ם פִירְשְׁט אוּם צוּא נֶעמֶען זַיין בְּרָכָה יפִין וֶועג.

אִין עֶטְלִיכֶע מִינוּט אַרוּם הָאבֶּען בֵּיידֶע מָאנַאכֶען פֶערְלָאזְט דֶעם מאנאסטיר אִין וויען אוּנ הָאבֶּען זִיךְ אַוֶועק גֶעלָאזְט קֵיין פראג.

6.

## דָאס פֶערְלִיבְּטֶע פְּרַיילִין.

דִיא זָאנְנֶע הָאט אָבְּגֶענֵייגְט אִין מַעֲרָב זַייט אוּנ אַקִיהֶלֶער עֶרְקְווִיקֶענְדֶער ווִינְד הָאט אוּמְגֶעשְׁוֶועבְּט אִיבֶּער דֶער שְׁטָאט פראג, דֶער גְרוֹיזַאמֶער וִוינְטֶער אִיז אַוֶועק אוּנ גֶעמַאכְט פְּלַאץ פַאר דֶעם אָנְקוּמֶענְדֶען לִיבֶּען פְרִיהְלִינְג; וָועלְכֶער אִיז גֶעקוּמֶען צוּא אוֹיפְלֶעבֶּען צוּרִיק דִיא עֶרְדֶע אוּנ צוּא זַאמֶען מִיט אִיהם זֶענֶען אוֹיךְ אָנְגֶעקוּמֶען אַלֶע לֶעבֶּענְס-פְרֵיידֶען וָואס זֶענֶען אִין אִיהם פֶערְווִיקֶעלְט, אַלֶע פֶערְזָאטֶע קֶערֶענְדְלִיךְ, אַלֶע פֶערְפְלַאנְצְטֶע גֶעוֶועכְסֶע. פוּן דִיא פֵייגֶעלִיךְ וָואס פְלִיהֶען אִין דֶער לוּפְט, בִּיז דִיא פִיהֶע וֶועלְכֶע פִיטֶערִין זִיךְ אוֹיף דֶעם סְטֶעפּ, בִּיז דִיא אִינְזֶעקְטֶען (רְמָשִׂים) וָואס קְרִיכֶען אוֹיף דֶער עֶרְד, — אַלֶע צוּא זַאמֶען הָאבֶּען יֶעצְט אוֹיף גֶעהוֹיבֶּען דִיא קֶעפּ, הָאבֶּען זִיךְ גֶעפְרֵייט אוּנ אַקֶעגֶען גֶעשְׁפְּרוּנְגֶען דֶעם פְרִיהְלִינְג (וֶועסְנַא), זֵייעֶר גֶעלִיבְּטֶען גַאסְט. נָאר אִין דֶער יוּדִישֶׁער גַאס, אִין דֶעם גֶעהֶעטְטַא אִיז פַאר שְׁטֶערְט יֶעדֶער שִׂמְחָה, אַהִין שַׁיינְט אַרַיין זֵייעֶר וֵויינִיג לִיכְט



פוּן

פון דעם פריהלינג ווייל דיא איינוואוינער פון דארט (דיא יודען) זיצען אין איינגע דירות פאר שטופט אין אפינצטערין ווינקעל אונ בעהאלטען זיך פאר דעם פאנאטיזמוז פון דעם פאלק אונ פאר דעם האס פון זייערע פילע שכנים וועלכע רינגלען זייא ארום פון אלע זייטען, דיא צרות פון דעם ביטערין פערפאלגטען לעבען מיט דיא דאגת פרנסה ליגען אויף דיא אומגליקליכע יודען וויא אשווערער לאסט אונ דאריבער דארפען זייא זיך נישט פרייען מיט דיא זיסקייט פון דעם פריהלינג אונ מיט דיא שיינקייט פון דער נאטור, ווארום נישט אויף זייא שפיגעלט זיך אב זייער ווירקונג אונ פראכט, אלע זייערע לעבענס-טעג זענען זייער ביטערע ובפרט דיא יעצטיגע צייט, זיא איז צוא גרויסע שמערצען פאר דיא יודען, יעצט זיפצט אפילו דאס פרעהליכסטע הערץ אונ אלע יודישע געזיכטער זענען פערזארגט אונ פערטרויערט, נאר נישט פאר זייערע איינגענע לאנגע זארגען יעצט דיא פראגער יודען, דען ביז דיא הוסיטען (אזא סעקטע כריסטען) האבען דארט דיא אויבערמאכט, זיצען זייא נאך בערוהיגט אויף זייערע ערטער; אבער פינצטער אונ ביטער איז דעמאלט געוועזין דאס לעבין פון זייערע ברידער אין עסטרייך וועלכע האבען זיך געפונען אין גרויס געפאהר אונ האבען אלע מינוט געציטערט פאר דיא פאלגען פון דעם שרעקליכען בלבול וועלכען מען האט ארויף געווארפען אויף דיא צווייא עהרליכע נפשות, אויף דעם גביר ר׳ ישראל איזראעלי מיט זיין געעהרטע פרויא שרה אונ זיצען דאדורך פערשפארט אין אפינצטערין קערקער איבער וועלכען עס הערשט דיא מאכט פון דער שרעקליכער אינקוויזיציע, וואס איהר שווערד איז אויס געצויגען אויף אלעמען — אונ ווער ווייסט מיט וואס עס וועט זיך נאך ענדיגען!

בעזאנדערס ווארט גרויס דיא זארג אין דעם הויז, אין וועלכען עס האבין זיך אויף געהאלטען רחל מיט איהר ברודער מיכאל, אומזיסט האט זיך בעמיהעט דער ווירטה פון דעם הויז, ר׳ מנחם איטליש מיט זיין פרויא, צוא טרייסטען רחל׳ן פון איהרע זארג וועגען איהרע פריינד, דען זיא איז שטענדיג רק פערזארגט אונ פערקלאגט געוועזין, איהר ליכטיג פנים מיט איהרע רויטע וואנגען (באקען) זענען פערשוואונדען אונ אבלויער רינג האט ארום גענומען איהרע רויטע-פערווייגטע אויגען, איין מאל נאר האט זיך אין איהר געשטארקט דיא האפנונגען אונ איהר געזיכט איז צוריק פריילך געווארין — אלס איהר ברודער איז צוריק געקומען פון ליגניטץ מיט דער בשורה אז דער רב פון דארט האט געפועלט, דער פירשט לודוויג זאל ווערען אשיטצער אונ צוא רעטען זייערע פריינד; נאר וויא עס זענען איבער געגאנגען עטליכע וואכען אונ איהרע פריינד זענען נאך ניט געהאלפען געווארין, האט זיא צוריק פערלוירען דעם מוטה מיט דער רוהע, איהר ברודער האט ניט געקאנט צוא זעהן איהרע שמערצען

אִיז עֶר מִיט אַבִּזִיכְט אַוֶועק גֶעפָאהרֶען קַיין ווייען, פִילַייכְט וֶועט עֶר דָארְט קֶענֶען גֶעוָוָאר וֶוערִין בְּסוֹד דִיא פָאלְגֶען פוּן דֶעם בִּלְבּוּל, אוּנ אָבְּוָואהל עֶר הָאט בַּייא זִיךְ גֶעווּאוּסְט אַז עֶר וֶועט אַזַא זַאךְ נִיט קֶענֶען גֶעוָוָאר וֶוערִין, דָאךְ אִיז עֶר גֶעפָאהרֶען כְּדֵי צוּא פֶערְשַׁאפֶען זַיין שְׁוֶועסְטֶער נַייֶע הָאפְנוּנְגֶען, בַּאלְד נָאךְ פֶּסַח אִיז עֶר אַוֶועק גֶעפָאהרֶען קַיין ווייען מִיט נֶעמֶענְדִיג מִיט זִיךְ פִיל מְלִיצָה בְּרִיף צוּא דִיא גְרֶעסְטֶע בַּעֲלֵי בָּתִּים פוּן ווייען, אוּנ יֶעצְט הָאט עֶר נִיט לַאנְג מוֹדִיַע גֶעוֶועז פוּן דָארְט דוּרְךְ זַיין דִיעֶנֶער יעקב אַז עֶס אִיז דָא נָאךְ הָאפְנוּנְג זַייעֶרֶע פְרַיינְד זָאלֶען גֶעהָאלְפֶען וֶוערֶען אוּנ אַז אוֹיף שָׁבוּעוֹת וֶועט עֶר אָנְקוּמֶען צוּרִיק קַיין פראג, אוּנ יֶעצְט, אַלְס דֶער אֵיינֶער טָאג וֶועט אִיבֶּער גֵיין טְרֵייט שׁוֹין אָן דִיא נַאכְט פוּן יום טוב, דַארִיבֶּער הָאבֶען אַלֶע פוּן דֶעם הויז גֶעוַוארְט הַיינְט אוֹיף מיכאלין אוּנ מִיט דֶעם גְרֶעסְטֶען אוּנְגֶעדוּלְד גֶעצֶעהלְט יֶעדֶע מִינוּט פוּן זַיין אָנְקוּמֶען.

דֶעם גַאנְצֶען טָאג אִיז רחל גֶעשְׁטַאנֶען בַּייא דֶעם פֶענְצְטֶער וָואס גֶעהט אַרוֹיס אִין גַאס אוּנ הָאט זִיךְ צוּא גֶעהֶערְט צוּא יֶעדֶעם גֶערוֹישׁ פוּן דִיא רֶעדֶער אוּנ אַרָאבּ גֶעקוּקְט דוּרְךְ דֶעם פֶענְצְטֶער אוּם צוּא דֶער זֶעהן עֶנְדְלִיךְ אִיהר בְּרוּדֶער שׁוֹין אָנְקוּמֶען, אוֹיךְ בעללא, אִיהר ווִירְטְהֶ'ס טָאכְטֶער אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען אִין אִיהר צִימֶער אוּנ זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט נֶעבֶּען רחל'ן אוּנ זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְּרֵייט זֶעהֶענְדִיג וִויא רחל'ס גֶעזִיכְט אִיז הַיינְט מֶעהר מוּנְטֶער וִויא תָּמִיד אוּנ אִיהרֶע אוֹיגֶען לַייכְטֶען צוּרִיק מִיט דֶעם זֶעלְבֶּען רֵייטְץ וִויא פְרִיעֶר. אוֹיךְ הָאט הַיינְט מִיט אִיהר רחל פִיל גֶערֶעט אִיבֶּער אִיהר בְּרוּדֶער אוּנ אָבְּגֶעלוֹיבְּט פַאר אִיהר זַיין גוּט הַארְץ, זַיין וָואהלְטְהֶעטִיגֶען גַייסְט, זַיינֶע קֶענְטְנִיסֶע מִיט זַיין רַייכֶען פֶערְשְׁטַאנְד.

— זָאל עֶר זַיין גֶעשֶׁעצְט אוֹיךְ בַּייא דִיר, מַיינֶע טְהַייעֶרֶע פְרַיינְדִין, הָאט רחל פְּלוּצִים גֶעזָאגְט צוּא בעללא'ן — וָוארוּם עֶר אִיז זֵייעֶר אַטְהַייעֶרֶער מֶענְטְשׁ.

אוֹיף דִיא רֵייד הָאט בעללא אָבְּגֶעקֶעהרְט אִיהר גֶעזִיכְט וֶועלְכֶעס אִיז אִין דֶעם מָאמֶענְט רוֹיטְה גֶעוָוארֶען וִויא פּוּרְפּוּר, נָאר אוּמְזִיסְט הָאט זִיא זִיךְ בֶּעמִיהֶעט צוּא בֶּעהַאלְטֶען אִין זִיךְ אִיהרֶע גֶעפִיהלֶע, דֶען רחל הָאט זִיא אִין דֶער מִינוּט גוּט בֶּעטְרַאכְט אוּנ הָאט זִיא פֶערְשְׁטַאנֶען, אַזִיסֶער שְׁמֵייכֶעל הָאט יֶעצְט עֶרְשַׁיינְט אוֹיף דִיא לִיפֶּען פוּן דֶער גְלִיקְלִיכֶער שְׁוֶועסְטֶער אַלְס זִיא הָאט גֶעגְלֶעט דֶעם קָאפְּף פוּן דֶער פַארְשֶׁעמְטֶער בעללאן, דֶען זִיא אִיז פְּלוּצִים גֶעהַאפְּט גֶעוָוארֶען אִין אִיהר נֶעהֵיימֶע לִיבֶּע אוּנ דֶער סוֹד אִיהרֶער אִיז אַלְזָא אַרוֹיס.

— הָאסְט נִיט גְלַייךְ גֶעטָאהן, מַיין פְרַיינְדִין, וָואס דוּא הָאסְט בֶּעהַאלְטֶען דַיין סוֹד פַאר דַיין טְרַייֶע גֶעזֶעלֶען, הָאט רחל גֶעזָאגְט קוּשֶׁענְדִיג בעללאן — וֶוען אִיךְ זָאל קֶענֶען, וָואלְט אִיךְ אוֹיף דִיר דֶער פַאר אָן

געשריגען און זאנאר רעכט ביז נעווארען... נאר וואס טרעהרען נאר עפעס יעצט דיינע אויגען?... בערוהיג דיך, שוועסטערכען, דיין געליבטער קומט באלד אן... אזויא וויא יענער פאסטוך וועגען וועלכען שלמה המלך האט געזונגען זיין געדיכט, אזויא קומט אויך אן דיין געליבטער פון דעם לייבען גרוב, פון דיא בערג דער טיגערין צוא זיין געליבטע שולמית אום צוא שפאצירען מיט איהר אין דיא גערטנער אונ דארט צוא פליקען דיא ראזען... אבער זאג מיר שוועסטער, ווייסט שוין מיכאל פון דיין סוד, אז ער איז דער גליקליכסטער פון אלע מענטשען?

זיא האט נאך נישט גיענדיגט דאס לעצטע ווארט אלס עס איז פלוצים דער הערט געווארען ארויש פון אוואגען צוא פאהרען צוא זייער הויז. וויא אפייל פון בויגען אזויא שנעל איז רחל צוגעפלויגען צום פענצטער אונ האט אראב געבויגען דעם קאפף אויף דער גאס ארויס, נאך דעם איז זיא שנעל אויף געשפרונגען פון איהר ארט אונ מיט איין געשרייא „ער איז דא!" איז זיא ארויס געלאפען אויפין גאס אונ איז ארויף געפאלען איהר ברודער מיכאלין אויפין האלז, באלד זיינען אויך צוא געקומען ר' מנחם איטליש מיט זיין פרויא צוא עמפפאנגען דעם גאסט אונ דאנן זענען זייא אלע אריין געקומען אין דעם „עסס זאאל" אין וועלכען בעללא איז זייא אנטקעגען געקומען אונ האט זיך געגריסט מיט מיכאלין, רחל האט דאביא גוט אכטונג געגעבען אויף איהר ברודער אלס ער האט בעללאן גיענטפערט אויף איהר גרים אונ האט צוא איהר פריידע בעמערקט אז זיין פנים איז דאבייא רויט געווארען אונ זיינע ליפען האבען זיך שטיל בעוועגט אהן ווערטער — אונ איהר הערץ האט אלזא פערשטאנען דעם אנטווארט, וועלכען זיא האט געווארט פון בעללאן צוא הערען אין דער רגע ווען איהר ברודער איז אנגעקומען.

דיא גאנצע פאמיליע האבען זיך געזעצט צום טיש עסען, אונ נאך דעם עסען האט זייא מיכאל ערציילט איבער דיא רעזולטאטען פון זיין רייזע נאך וויען, אז ער האט זיך דארט פיל בעמיהעט צוא דער גיין וואס עס טהוט זיך מיט זיינע פריינד אין דער תפיסה אונ נאך גרויסע שווירינקייט איז איהם ענדליך געלינגען צוא געווינען דעם שרייבער פון דעם קעניג אלברעכט אונ פון דיזען איז ער געוואר געווארען אז דער פירשט איז נאך גוט צוא דיא געפאנגענע אונ אהן פאקטען אויף זייער פאר ברעך וועט ער זייא ניט לאזען פייניגען פון דיא אינקוויזיטארין. — אט דאס איז לעת עתה דאס גאנצע נייעס וואס איך האב אייך געבראכט — האט מיכאל גיענדעגט — נאר דער גביר פון וויען ר' קאפעל הערץ האט מיר צוא געזאגט צוא מודיע זיין מיר פון דארט פון אלעם וואס וועט דארט געטאהן ווערען, נאר אגרויסען נייעס האב איך דא באגעגנט ווען איך

בין אהער געקומען — האט מיכאל ווייטער געזאגט זיך ווענדענדיג צום
ווירטה — פאר דעם שטעדטישען טויער אונ אויך אין שטאט האב איך
געזעהן אסך געוואפענטע מענער, אמת, איך האב זייא באלד דער קענט
פאר הוסיטען, נאר צוא וואס זענען זייא יעצט בעוואפענט אונ דיא גאנצע
שטאט רוישט וויא אין איין מלחמה?

— ווארום באלד טרייט אן דיא צייט פון קריעג, האט דער ווירטה
געענטפערט, ווייל דאס פאלק איז שטארק אויף גיקאכט פון זייט מען האט
אומגעבראכט מיט דיא גרעסטע טיראניי דעם יאהאן הוס, מען האט איהם צוא
געבונדען צוא דיא וועדלען פון פערד אונ איהם אזוי ארום געשלעפט איבער
אלע ברעסלויער גאסען אונ נאכהער האט מען איהם לעבענדיג פאר ברענט,
דער פאר וואס ער איז ארויס געטרעטען געגען דיא געזעטצע פון דיא גייסטליכע
וועלכע האבען ארויס געגעבען אויף זייער אסיפה אין קאנסטאנץ. דיא
נאכפאלגער זיינע, דיא הוסיטען האבען געשיקט שלוחים צום קייסער
זיגיסמונד צוא אן קלאגען זיך פאר איהם אויף דער רציחה וועלכע איז
געשעהען אין זיין לאנד, האט ער נאך אויף זייא זיך אן געבייזערט אונ זייא
מיט שאנד פון זיך פערטריבען, דער פאר איז דאס גאנצע פאלק אויף
געבראכט געווארען אונ דיא גרויסע בעאמטע פון פראג האבען אן איהם מורד
געוועזען, זייא האבען פערזאמעלט דאס גאנצע מיליטער אונ ווילען דא אויס
קלייבען איינעם פון זיך פאר איין קעניג איבער דעם גאנצען לאנד בעהמען,
געסטערן איז אהער אן געקומען איין גרויסע צאהל חיל, מענער אונ ווייבער
וועלכע זענען אלע גוט בעוואפענט אונ ווערען געפיהרט אונטער דיא לייטונג
פון דעם שטארקען העלד יאהאן ציסקא, דיא מענער האבען אויף געשטעלט
זייערע פאלאטקעס אויף דעם גרויסען אינזעל וועלכער איז פאר דעם
שטעדטישען טויער, אונ דאס ווייבערשע מיליטער האבען זיך אריין געצייגען
אין דעם מאנאסטיר „סאנקט אמבראזיוס", אין דער נייער שטאט, אונ הלואי
דיא הוסיטען זאלען זיגען אין דער קריג! ווארום דיא חברה פערהאסט דעם
פאפסט מיט זיינע יעזואיטען וועלכע טוען אונז אן אלע געברענטע לייד,
אונ ווייל דיא הוסיטען זענען מיט אונז גוט בעשולדיגען אונז דיא קאטאליקען
אז מיר זענען מיט זייא איין האנד געוועזען אין דעם בונט, דער מיט
וואס מיר האבען זייא געשטיצט מיט געלד אונ מיט שפייז, אונ צווישען
אונז רעדענדיג, וועל איך דאס ניט אבלייגענען, ווארום קען עס דען
אנדערש זיין? איז דען מעגליך אז מיט אונזערע נאהנטע שכנים, דיא
הוסיטען, צווישען וועלכע מיר לעבען, זאלען מיר פיינדליך זיין אונ מיט
אונזערע ווייטע שכנים, דיא קאטאליקען וועלכע אנטלויפען פון אונז אונ
טראכטען רק אונז אוממגליקליך צוא מאכען דורך אויס געטראכטע בלבולים
זאלען מיר פריינדליך זיין? אט דאריבער טאקע האב איך עמפפאנגען דעם
העלד ציסקא מיט גרויס כבוד אונ איהם געשטיצט מיט געלד וויפיעל ער

הָאט נָעדַארְפְט, אוּנ מִיט דִיא הִילְף פוּן דִיא אִיבְּרִינֶע הִיגֶע גְבִירִים הָאבּ אִיךְ אִיהם צוּא גֶעשְׁטֶעלְט גֶעלְד צוּא קוֹיפֶען גֶעוֶוער מִיט פְּרָאוִויַאנְט, פַאר וָועלְכֶען עֶר הָאט מִיר גֶעדַאנְקְט אוּנ צוּא גֶעזָאגְט מִיר צוּא שְׁטִיצֶען מִיט זַיין חַיִל אַלֶע צַייטֶען וֶוען אִיךְ וֶועל מִיךְ נֶעטְהִיגֶען אִין זַיין הִילְף, אוֹיךְ דָאס גְהֶעטְטַא אִיז נִיט מֶעהר פֶערְשְׁלָאסֶען אוּנְטֶער אוּנְז זַייט דִיא הוּסִיטֶען זֶענֶען אַהֶער אָן גֶעקוּמֶען אוּנ דִיא יוּדֶען זִיצֶען דָא נִיט מֶעהר פֶערְשְׁפַּארְט וִויא אִין תְּפִיסָה, נָאר עֶס אִיז שׁוֹין שְׁפֶּעט אִין דֶער נַאכְט, מַיין זָאהן, הָאט דֶער וִוירְטָה גִיעֶנְדֶעגְט זַיין עֶרְצֶעהלוּנְג אוֹיף הַייבֶּענְדִיג זִיךְ פוּן זַיין אָרְט, לָאמִיר אוּנְז גֶעהן לֶעגֶען אָפְּרוּהֶען אוּנ זָאל זִיךְ אוֹיךְ מִיכאל גֶעהן אוֹיס רוּהֶען פוּן זַיין לַאנְגֶער רַייזֶע! — — —

## 7.

## דִיא שְׁרֶעקְלִיכֶע נַאכְט.

עֶס אִיז שׁוֹין אַוֶועק כִּמְעַט אַיין הַאלְבֶּע נַאכְט. דִיא לְבָנָה הָאט זִיךְ בַּאדֶעקְט מִיט אַיין לַייכְט וָואלְקֶען אוּנ פוּן זַיין דוּנְקֶעלֶר שַׁיין הָאט מֶען אִין דֶער שְׁמָאלֶע, פִינְצְטֶערֶע, יוּדִישֶׁע גַאס גֶעזֶעהֶען דְרַייא מֶענְטְשֶׁען גֶעהֶען מִיט פַאר דֶעקְטֶע גֶעזִיכְטֶער אוּנ נוּט אַיינְגֶעהִילְט אִין זֵייעֶרֶע מַאנְטְלֶען, זֵייא הָאבֶּען צְווִישֶׁען זִיךְ שְׁטִיל גֶערֶעט וֶועהְרֶענְד זֵייא זֶענֶען גַאנְץ לַאנְגְזַאם גֶעגַאנְגֶען צוּא אַיין זַייט גַאס אוּנ הָאבֶּען מִיט דִיא אוֹיגֶען זִיךְ אַלֶע מָאל אַרוּם גֶעקוּקְט אוֹיף אַלֶע זַייטֶען אוּנ פוּן יֶעדֶען קְלֵיינְסְטֶען גֶערוּישׁ זֶענֶען זֵייא עֶרְצִיטֶערְט גֶעוָוארֶען אוּנ הָאבֶּען זִיךְ פֶּערְטִיג גֶעמַאכְט שׁוֹין צוּא אַנְטְלוֹיפֶען, עֶנְדְלִיךְ הָאבֶּען זֵייא זִיךְ אָבְּגֶעשְׁטֶעלְט דֶען זֵייא זֶענֶען צוּא גֶעקוּמֶען צוּא זֵייעֶר צִיעל.

— אָט דָאס אִיז אִיטלִישֶׁעס הוֹיז, הָאט גֶעזָאגְט אֵיינֶער פוּן זֵייא אִין דֶער שְׁטִיל, דוּרְךְ דֶעם טִיהר וֶועלֶען מִיר אַרַיין קוּמֶען גְלַייךְ אִין הוֹיף; מִיט דֶעם שְׁלִיסֶעל, וֶועלְכֶען אִיךְ הָאבּ מִיר צוּגֶעגְרַייט, וֶועל אִיךְ עֶפֶענֶען פַאר אוּנְז אַוֶועג, דָארְט בַּיים שְׁטַאהל אִיז דָא אַלַייטֶער, וֶועלִין מִיר אִיהם צוּא שְׁטֶעלֶען צוּם פֶענְצְטֶער פוּן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטֶען שְׁטָאק אוּנ אִיךְ וֶועל זֶעהֶען צוּא עֶפֶענֶען דָאס פֶענְצְטֶער גַאנְץ שְׁטִיל אוּנ דַאנְן וֶועט אִיהר מִיר נָאךְ גֶעהן גְלַייךְ אִין דֶעם שְׁלָאף צִימֶער פוּן דִיא צְוֵוייא מֵיידְלִיךְ.

— דַיין עֵצָה אִיז נוּט, קִילִיאַן, הָאט אִיהם אֵיינֶער פוּן דִיא לֶעצְטֶע צְוֵוייא גִיעֶנְטְפֶערְט אִין דֶער שְׁטִיל, אָבֶּער וִויא אַזוֹיא וֶועלֶען מִיר קֶענֶען לֶעבֶּענְדִיג אַרָאבּ טְרָאגֶען אוּנְזֶער רוֹיבּ דוּרְךְ דֶעם פֶענְצְטֶער?

— בִּיזְט גֶערֶעכְט אִיגנַאצִיוּס, הָאט קִילִיאַן גֶעזָאגְט, אָבֶּער אוֹיךְ דֶער צוּא אִיז דָא אַיין עֵצָה. אַזוֹיא וִויא דוּא מִיט סִיקְסְטוּסֶען וֶועט אַרַיין

חאפען דיא מיידליך אין איערע מאנטלען אונ וועט דיא פערשטאפען דיא מיילער זייא זאלען ניט שרייען, וועל איך דער ווייל אב רוקען דעם ריגעל פון דער טיהר אונ וועל אייך אראב פיהרען דורך דיא טרעפ פון אונטער דעם הויז גלייך צוא דער פארטקע פון דעם טויער אונ באלד וועלין מיר פערלאזען דיא יודישע נאס אונ וועלין צוא קומען צום וואגען וואס וואַרט אויף אונז, אונ דאנן איז דיא ארבייט שוין אב געטאהן.

— ביזט אקלוגער בעל יועץ אונ פארשטעהסט אגעשעפט, האט איהם סיקסטוס איין גערוימט אין אויער, זייא זיכער אז מיר וועלען דיר דער פאר גוט בעלאהנען, נאר לאמיר זיך גיכער נעהמען צוא אונזער ארבייט, דען קוים טוען מיר עס נישט אב מיט דעם אויגענבליק, ווערט צוא נישט דיין עצה אונ אויך אונזערע גאנצע מיהע וועט זיין אומזיסט.

קיליאן האט שטיל גיעפינט דיא פארטקע, זייא זענען נאר אין הויף אריין געקומען איז שוין דער לייטער געשטאנען גרייט ביים פענצטער פון דעם אויבערשטען שטאק, אויף וועלכען קיליאן איז פריער ארויף געגאנגען אונ נאך איהם — אינגאציוס מיט סיקסטוס'ן. דאס פענצטער האט זיך לייכט גיעפענט דורך וועלכען זייא זיינען אלע אריין געגאנגען אין דעם שלאף צימער, פון דעם גערויש האבען זיך דיא צווייא מיידליך באלד אויף געהאפט פון זייער שלאף, זייא זענען אבער דער שראקען אונ שטום געווארען פון דיא אונגעריכטע געסט אונ נאך איידער עס האט זיך צוא זייא אומגעקעהרט דער מוטה מיט דעם פערשטאנד, זענען זייא שוין ארום געהאפט געווארען פון עטליכע פעסטע הענד, באלד האט מען זייא אויך דיא מיילער פערשטאפט אונ זייא געבונדען דיא הענד אונ זייא איין געוויקעלט אין דיא מאנטלען פון דיא צווייא מאנאכען וועלכע האבען זייא ארויס געטראגען אויף דיא הענד, זענען מיט זייא אראב געלאפען פון דיא טרעפ אונ האבען שוין מיט זייא געוואלט ארויס לויפען פון דעם הויף, נאר פלוצים האט דער הונד פון דארט אויף זייא אנגעהייבען שטארק צוא שרייען אונ קיליאן איז פאר זיין געשרייא רעכט ערשראקען געווארען.

— צום טייפעל! האט ער זיך אב גערופען מיט גרויס דאסאדע, אין איילעניש האב איך גאר אין איהם פאר געסען אונ יעצט וועט ער מיט זיין געשרייא אויף וועקען דאס גאנצע הויז מיט דער גאנצער גאס מענטשען, אונ אויב מיר וועלען ניט אוספעיען דיא מינוט אן קומען צוא אונזער וואגען — זענען מיר פערלוירען!

פון דעם הונד'ס געשרייא האט זיך אויף געהאפט דער דיענר פון איטלישעס הויז, ערנסט, אונ איז באלד צוא געלאפען צום טויער אונ איז גענוג ערשראקען געווארען אלס ער האט איהם געטראפען אפען, ער איז ארויס געלאפען אויפין גאס האט ער דער זעהען וויא דרייא מענטשען קעהרען

זיך אָב געשווינד צוא דער זייט נאס און אין דעם זעלבען אויגענבליק האט ער דער הערט וויא איין וואגען פאהרט געשווינד גאנץ ווייט אוועק, דאס הארץ האט איהם געזאגט אז דא מוז שטעקען איין נידערטרעכטיגע זאך און אומקעהרענדיג זיך צוריק אין הויף האט ער דער זעהען דעם לייטער שטעהן ביי דעם אויבערשטען שטאק און דאס פענצטער פון דארט איז אפען, ער האט זיך באלד אריין געהאפט דורך דעם פענצטער אין צימער אריין און האט זיך ארום געקוקט אויף אלע זייטען האט ער ענדליך דער זעהען וויא דיא צוויא שלאף בעטען זענען ליידיג און דיא מיידליך זענען דארט נישט דא מעהר! ער איז דער פון שטארק פאר ציטערט געווארען און האט אן געהייבע ביטער צוא שרייען, פון זיין געשרייא האט זיך אויף געהאפט דאס גאנצע הויז און אין איין מינוט ארום זענען שוין אלע הויז לייט געוועזען אין דעם צימער וואו דיא גנבה איז געשעהען.

ווער קאנן ערצעהלען דיא שרעק פון דיא עלטערין, דאס צוטראגענהייט פון דעם ברודער און דיא קלאג פון דעם גאנצען הויז! איין שרעק האט יעצט אלעמען באנגעגנט און האבען דאך נישט געגלויבט וואס זייערע אויגען זעהן, אז רויבער זאלען זיך אונטער שטעלען צוא אריין גנבה'נען זיך אין איין פרעמדען הויז און פון דארט ארויס חאפען צוויא אומשולדיגע קינדער. מיט איין ביטערין קלאג איז דער אומגליקליכער פאטער מיט דעם צושראקענעם ברודער אומגעלאפען אין אלע ווינקלען פון דעם צימער און געמיינט צוא געפינען ערגעץ דיא צוויא מיידליך, און דיא מוטער איז ארויף געפאלען אויפין ליידיגען בעט פון איהר טאכטער און מיט איין ביטערע הערצרייסענדע שטימע האט זיא גערופען איהר קינד און דאביי פערגאסען איין טייך מיט טרערין. דער זעהענדיג דיא פערצווייפעלטע לאגע פון דער אונגליקליכער מוטער האט זיך צוא איטלישען צוריק אומגעקעהרט דער פערשטאנד און ער האט זיך צוא איהר אב גערופען:

— גאטעס ווילען איז דאביי געוועזען אונז צוא שטראפען מיט זיין צארין, איין ביטערער בראך האט אונז פלוצים געטראפען און אונזערע ליבע קינדער זענען אוועק גערויבט געווארען פון שלעכטע מענטשען, נאר מיט דעם וויינען אליין וועלען מיר גאר נישט מאכען — לאמיר בעסער זוכען מיטלען וויא אזויא אויף צוא זוכען דיא טרייט פון דיא רויבער נאך איידער זייא וועלין זיך אב זוכען איין ארט צוא בעהאלטען זיך דארט מיט זייער רויב, נאר וויא אזויא קענען מיר דאס טאן אז מיר ווייסען גאר נישט ווער זייא זיינען?

— איך האב נאך פריהער געוואלט זאגען מיין הערר אז עפעס איז מיר פון זייא יא בעוואוסט, האט דער דיענער ערנסט געזאגט, דען בשעת איך האב דא געזוכט אין צימער האב איך געפונען אויף דיא טרעפ דעם טוך וואס באדעקט דיא קעפ פון דיא קאטוילישע מאנאכען, אט איז ער.

— בִּיזְט גֶערֶעכְט, הָאט איטליש גִיעֶנְטְפֶערְט בֶּעטְרַאכְטֶענְדִיג דֶעם טוּךְ, ווירְקְלִיךְ דָאס אִיז פוּן אַמָאנַאךְ; אָבֶּער וָואס קוּמְט אוּנְז דֶער פוּן אַרוֹיס אַז מִיר וֵוייסֶען נִישְׁט וואוּ עֶס גֶעפִינְט זִיךְ יֶעצְט דֶער וָואס הָאט דָא פַאר גֶעסֶען זַיין טוּךְ? מיכאל! הָאט עֶר פְּלוּצִים אַיין גֶעשְׁרַייא גֶעטָאהן, עֶס אִיז מִיר אַרוֹיף גֶעקוּמֶען אַיין שְׁרֶעקְלִיכֶער גֶעדַאנְקֶען אוֹיפִין זִינֶען — דֶער רוֹיבֶּער פוּן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער אִיז קַיין אַנְדֶערֶער אַלְס איגנאציוס, דֶער גֶעמַיינֶער מָאנַאךְ וֶועלְכֶער הָאט שׁוֹין לַאנְג אוֹיגֶען גֶעוָוארְפֶען אוֹיף דַיין שְׁוֶועסְטֶער אוּנ יֶעצְט הָאט עֶר זִיא אַלְזָא בֶּעקוּמֶען אִין זַיין מַאכְט.

— אִיךְ הָאבּ עֶס שׁוֹין אוֹיךְ גֶעטְרַאכְט, הָאט מיכאל גִיעֶנְטְפֶערְט, וֶועה אִיז מִיר וָואס דוּרְךְ מִיר הָאט גֶעטְרָאפֶען דָאס אוּנְגְלִיק אִיךְ אַייעֶר טָאכְטֶער! דָאס אִיז פַאר דֶעם גוּטְס וָואס אִיהר הָאט מִיט מִיר גֶעטָאהן, אָ, אָ, אָ!...

— הֶער אוֹיף צוּא קְלָאגֶען, מַיין יוּנְגֶער פְרַיינְד, הָאט אִיהם ר׳ מנחם גֶעטְרַייסְט, דֶען אוֹיךְ יֶעצְט, וֶוענְן מַיין אוּנְגְלִיק אִיז אַזוֹיא גְרוֹיס, הָאבּ אִיךְ נִישְׁט חֲרָטָה אוֹיף דֶעם גוּטְס וָואס אִיךְ הָאבּ מִיט דִיר גֶעטָאהן נָאר גֶענוּג צוּא רֶעדֶען, לָאמִיר בֶּעסֶער עֶפֶּעס טָאהן, מִיר וַוייסֶען שׁוֹין אַלְזָא אַז דֶער רוֹיבֶּער אִיז קַיין אַנְדֶערֶער וִויא איגנאציוס, דָאךְ אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ אַז עֶר זָאל דָאס אַלֵיין טָאהן אָן אַזַא מֶענְטְשֶׁען וֶועלְכֶען עֶס זָאל גוּט בֶּעקַאנְט זַיין אַלֶע ווינְקְלֶען פוּן אוּנְזֶער הוֹיז.

— פַאר גֶעווִיס אִיז קִילִיאַן מִיט אִיהם גֶעוֶועזֶען, הָאט ערנסט גִיעֶנְטְפֶערְט, וֶועלְכֶער דִינְט יֶעצְט אִין דֶעם מאנאסטיר פוּן דִיא בענעדיקטען.

— אוֹיךְ דֶער מִיט בִּיזְט דוּא גֶערֶעכְט, מַיין פְרַיינְד — הָאט גֶעזָאגְט איטליש רַייבֶּענְדִיג אִיהם זַיין הַאנְד אוּנ הָאט אִיהם שְׁטַארְק גֶעדַאנְקְט — קַיין מָאל וֶועל אִיךְ פַאר גֶעסֶען דִיא גְנַאדֶע וָואס דוּא טוּסְט מִיט מִיר אַצוּנְד, פוּן דֶעם אַלֶעם פֶערְשְׁטֶעהֶען מִיר אַז דֶער זִיכֶערְסְטֶער אָרְט פַאר דִיא רוֹיבֶּער אִיז נָאר דֶער מאנאסטיר פוּן דִיא בענעדיקטען, אוּנ אַהִין הָאבֶּען זַייא וַואהְרְשַׁיינְלִיךְ אַרַיין גֶעבְּרַאכְט זַייעֶר רוֹיבּ, נָאר וִויא אַזוֹיא קֶענֶען מִיר דָאס וִויסֶען אוֹיף רִיכְטִיג?

— אוֹיךְ דֶער צוּא אִיז פֶערְהַאנְדֶען אַיין עֵצָה, הָאט ערנסט גֶעזָאגְט, אוּנְזֶער הוּנְד וֶועט אוּנְז דָא מִיט הֶעלְפֶען דוּרְךְ זַיין חוּשׁ הָרֵיחַ, נָאר פְרִיהֶער פַאר אַלֶעם דַארְפֶען מִיר אוּנְז אָן גוּרְטֶען מִיט גֶעווֶער אוּם מִיר זָאלֶען קֶענֶען צוּא טְרֶעטֶען צוּם מאנאסטיר מִיט גֶעוַואלְט אוֹיבּ מֶען וֶועט נִישְׁט וֶועלֶען פַאר אוּנְז עֶפֶענֶען דִיא טוֹיעֶרִין.

— גוּט, אִיךְ פָאלְג דִיךְ, מַיין פְרַיינְד, — הָאט גִיעֶנְטְפֶערְט איטליש — אוּנ אִיךְ וֶועל נָאךְ פְּרִיוֶוען אוֹיךְ דָאס טָאהן: אִיךְ וֶועל אַוֶועק גֶעהן צוּם לַאנְגֶער פוּן דִיא הוּסִיטֶען אוּנ וֶועל דֶער מָאנֶען זַייעֶר גֶענֶערַאל ציסקא עֶר זָאל יֶעצְט מְקַיֵים זַיין דָאס פַאר שְׁפְּרֶעכֶען זַיינְס אוּנ אִיךְ וֵוייס אַז עֶר וֶועט זִיךְ

בּאַלד אַיילֶען מִיר צוּא הֶעלְפֶען מִיט זַיין שְׁטַארְקֶער מַאכְט אַלְס עֶר וֶועט דֶער הֶערֶען אַז אִיךְ זוּךְ זַיינֶע שׂוֹנְאִים , זַיינֶע פֶערְהַאסְטֶע בענעדיקטען , אוּנ אַלְזָא אַיילְט אַיךְ מַיינֶע טַייֶערֶע אִין וֶועג אוּנ שְׁטֶעהט נִישְׁט , לָאמִיר טָאהן אוּנ נָאט וֶועט אוּנְז זַיין צוּא הִילְף .

מיכאל מִיט דִיא צְוַוייא דִיענֶר יעקב אוּנ ערנסט הָאבֶּען זִיךְ שְׁנֶעל אָן גֶעוַואפֶּענְט , דֶער מִיט אַיין גֶעזוּנְטֶען שְׁטֶעקֶען אוּנ דִיא מִיט שְׁוֶוערְדֶען אוּנ מֶעסֶערְס אוּנ דַאנן הָאט ערנסט אָן גֶעבוּנְדֶען דֶעם הוּנְד אַיין שְׁטְרִיק אוֹיפִין הַאלְז אוּנ הָאט אִיהם אַריין גֶעפִיהרְט אִין דֶעם צִימֶער וואוּ דִיא צְוַוייא בֶּעטְלִיךְ זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען אוּנ הָאט אִיהם גֶעוִויזֶען דִיא קְלֵיידֶער פוּן דִיא פֶערְלוֹירֶענֶע פְרַיילִינְס , דֶער הוּנְד הָאט זַייא אַיין שְׁמֶעק גֶעטָאהן אוּנ הָאט זִיךְ בַּאלְד גֶעלָאזְט אַרָאבּ לוֹיפֶען פוּן דִיא טְרֶעפּ אַזוֹיא שְׁנֶעל אוּנ גִיךְ דָאס דִיא מֶענְטְשֶׁען הָאבֶּען אִיהם קוֹים גֶעקֶענְט נָאךְ לוֹיפֶען , דֶער הוּנְד אִיז אָבּ גֶעלָאפֶען בִּיז צוּם עֶק גַאס אוּנ דַאנן הָאט עֶר זִיךְ פְּלוּצִים אָבּ גֶעשְׁטֶעלְט אוּנ הָאט אָן גֶעהוֹיבֶּען צוּא שְׁמֶעקֶען דָאס אָרְט , ערנסט חָאט אִיהם ווִידֶער גֶענֶעבֶּען צוּא שְׁמֶעקֶען אַיין קְלֵייד פוּן דִיא מֵיידְלִיךְ וֶועלְכֶעס עֶר הָאט מִיט אַבְּזִיכְט מִיט גֶענוּמֶען אוּנ דַאנן הָאט דֶער הוּנְד אַשְׁפְּרוּנְג גֶעטָאהן מִיט פְרֵייד אוּנ הָאט זִיךְ גֶעלָאזְט לוֹיפֶען גְלַייךְ מִיט דֶעם וֶועג וָואס פִיהרְט צוּא דֶעם מאנאסטיר פוּן דִיא בענעדיקטען אוּנ הָאט זִיךְ אָבְּגֶעשְׁטֶעלְט בַּייא דֶעם פֶערְשְׁלָאסֶענֶעם טוֹיעֶר פוּן דָארְט , ערנסט הָאט גֶעהֵייסֶען מיכאל זָאל זִיךְ בֶּעהַאלְטֶען אִין אַפֶּערְבָּארְגֶען אָרְט אוּנ זָאל שְׁטֵיין גְרֵייט מִיט זַיין זֶעבֶּעל אִין דֶער הַאנְד וֶוען עֶר וֶועט אִיהם רוּפֶען , דֶעם הוּנְד הָאט עֶר אִיבֶּער גֶעגֶעבֶּען יעקב׳ן עֶר זָאל מִיט אִיהם שְׁנֶעל אַוֶועק לֵייפֶען צוּם גֶענֶעַראל ציסקא אִין לַאגֶער אוּנ זָאל אָנְמֶעלְדֶען איטלישען אַז זַייא זֶענֶען שׁוֹין אַרוֹיף גֶעקוּמֶען אוֹיף דֶעם שְׁפּוּר פוּן דִיא רוֹיבֶּער וֶועלְכֶע גֶעפִינֶען זִיךְ אִין דֶעם מאנאסטיר אוּנ אַז יֶעצְט אִיז דִיא רֶעכְטֶע צַייט ציסקא זָאל אַהִין אָנְקוּמֶען מִיט זַיין חַיִל .

יעקב אִיז מִיטִין הוּנְד אַוֶועק גֶעלָאפֶען זַיין וֶועג , מיכאל הָאט זִיךְ פַאר שְׁטֶעקְט אִין אַווִינְקֶעל אוּנ ערנסט הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען הַאסְטִיג צוּא קְלַאפֶּען אָן דֶעם פֶערְשְׁלָאסֶענֶעם טוֹיעֶר פוּן דֶעם מאנאסטיר , נָאךְ דֶעם ווִיא עֶר הָאט אַצַייט גֶעקְלַאפְּט אִיז צוּא גֶעקוּמֶען אֵיינֶע פוּן דִיא מָאנַאכִינֶען אוּנ הָאט אִיהם גֶעפְרֶעגְט פוּן אִינְוֵויינִיג וָואס עֶר ווִיל .

— עֶפֶען גֶעשְׁווִינְד דֶעם טוֹיעֶר דֶען אִיךְ הָאבּ אַנֵייטְהִיגֶע זַאךְ צוּא אִיבֶּער גֶעבֶּען דִיא עֶלְצְטֶע פוּן דֶעם מאנאסטיר .

— אוּנְזֶער מאנאסטיר אִיז פֶערְשְׁלָאסֶען פַאר יֶעדֶען מַאנְסְפֶּערְזָאהן , קַיין פְרֶעמְדֶער קָאן אִין אִיהם נִיט אַריין קוּמֶען ׃

— וֶועסְט בֶּעצָאהלֶען מִיט דַיין לֶעבֶּען וֶוען דוּא וֶועסְט מִיךְ נִישְׁט פָאלְגֶען ! הָאט ערנסט אוֹיס גֶעשְׁרִיעֶן , דֶען אִיךְ בִּין גֶעשִׁיקְט פוּן דֶעם

גֶענֶערַאל ציסקא, פַאר וֶועלְכֶען אַלֶע צִיטֶערִין אוּנ וֶועלְכֶער קוּמְט בַּאלְד אַהֶער אָן מִיט זַיין גַאנְץ מִילִיטֶער.

פַאר דֶעם נָאמֶען „ציסקא״ אִיז דִיא מָאנַאכִין רֶעכְט דֶער שְׁרָאקֶען גֶעוָוארֶען אוּנ הָאט בַּאלְד דֶעם טוֹיעֶר גִיעֶפֶענְט. ערנסט הָאט אַיין צֵייכֶען גֶענֶעבֶּען מיכאל'ן וֶועלְכֶער אִיז צוּא אִיהם בַּאלְד צוּא גֶעקוּמֶען פוּן זַיין גֶעהֵיימֶען אָרְט אוּנ זֶענֶען בֵּיידֶע אַרַיין גֶעגַאנְגֶען אִין הוֹיף אַרַיין, ערנסט הָאט אִיהם גֶעהֵייסֶען עֶר זָאל הִיטֶען דֶעם טוֹיעֶר קֵיינֶער זָאל פוּן אִיהם נִיט אַרוֹיס אוּנ אַלֵיין אִיז עֶר נָאךְ גֶעגַאנְגֶען דִיא מָאנַאכִין וֶועלְכֶע הָאט אִיהם גֶעפִיהְרְט דוּרְךְ פֶערְשִׁידֶענֶע גְרוֹיסֶע זַאלֶען בִּיז זַייא זֶענֶען צוּא גֶעקוּמֶען צוּא דֶער עֶלְצְטֶע פוּן דִיא מָאנַאכִינֶען, צוּא וֶועלְכֶע ערנסט הָאט זִיךְ גֶעוֶוענְדֶעט מִיט פָאלְגֶענְדֶער רֶעדֶע:

— אִין דֶעם נָאמֶען אוּנ אִין דֶער הֶערְשַׁאפְט פוּן דֶעם גֶענֶערַאל ציסקא דֶער עֶלְצְטֶער פוּן דִיא הוסיטען, אוּנ דֶער שְׁרֶעק פוּן דֶעם גַאנְצֶען גֶעגֶענְד בֶּעפֶעהל אִיךְ אַייךְ אִיהר זָאלְט מִיר אַרוֹיס גֶעבֶען דִיא צְוַוייא יוּדִישֶׁע מֵיידְלִיךְ: רחל איזראעלי אוּנ בעללא איטליש, וֶועלְכֶע זֶענֶען גֶערוֹיבְּט גֶעוָוארֶען דִיזֶע נַאכְט פוּן זַייעֶר שְׁלָאף צִימֶער אוּנ זֶענֶען דָא בֶּעהַאלְטֶען, אוּנ אוֹיבּ אִיהר וֶועט נִיט פָאלְגֶען דַאנְן וֶוערְד אִין אַיין מֶשֶׁךְ פוּן צְוַוייא שָׁעָה אַייעֶר גַאנְצֶער מאנאסטיר צוּא אַיין הוֹיפֶען אַשׁ.

וַויים וִויא שְׁנֶעע אִיז דִיא עֶלְצְטֶע פוּן דִיא מָאנַאכִינֶען גֶעוָוארֶען דָאס הֶערֶענְדִיג אוּנ הָאט מִיט שְׁרֶעק גִיעֶנְטְפֶערְט:

— וֶוער שְׁטֶעלְט זִיךְ אוּנְטֶער צוּא אַרוֹיף וַוארְפֶען אוֹיף אוּנְז אַזַא שְׁרֶעקְלִיכֶע זִינְד? דֶער אָרְט אִיז דָאךְ נָאר דוּרְךְ אוֹים הֵיילִיג, וִויא אַזוֹיא זְשֶׁע קָאנְן עֶר נָאר דִינֶען פַאר אַיין מָקוֹם מִקְלָט צוּא דִיא צְוַוייא אוּמְרֵיינֶע יוּדִישְׁקֶעס?

— אָהן פַאלְשְׁקֵייט, מָאנַאכִין! הָאט ערנסט שְׁטְרֶענְג אוֹיס גֶערוּפֶען, גֶעשְׁווִינְד עֶרְפִילְט מֵיינֶע רֵייד, דֶען זָאנְסְט וֶיעט אִיהר חֲרָטָה הָאבֶּען, עֶס וֶועט שׁוֹין אָבֶּער זַיין פֶערְפַאלֶען!

דִיא מָאנַאכִין הָאט גֶעצִיטֶערְט מִיט אַלֶע גְלִידֶער דָאס הֶערֶענְדִיג אוּנ דָאךְ הָאט זִיא זִיךְ נִיט גֶעוָואלְט אוּנְטֶער גֶעבֶען, פְּלוּצִים אִיז עֶרְהֶערְט גֶעוָוארֶען פוּן וַוייטֶען אַיין טְרָאמְפֶּעטֶען שְׁטִימֶע פוּן אָן קוּמֶענְדִיגֶע זֶעלְנֶער.

— הֶערְט זִיךְ צוּא! הָאט אוֹיס גֶעשְׁרִיעֶן ערנסט מִיט גֶעפִיהל, אָט קוּמֶען שׁוֹין אַהֶער אָי דָאס מִילִיטֶער צוּא בֶּעשְׁטְרָאפֶען אַייךְ פַאר דֶער זִינְד! נָאךְ אַיין מָאל זָאג אִיךְ דִיר: אוֹיבּ דוּא וֶועסְט זִיךְ נִישְׁט אַיילֶען אַרוֹיס צוּא גֶעבֶּען מִיר דִיא מִינוּט דִיא צְוַוייא מֵיידְלִיךְ וֶועט אִיהר אַלֶע, וֶועלְכֶע גֶעפִינֶען זִיךְ דָא, וֶוערֶען פֶערְלָארֶען.

אִין דֶער מִינוּט אִיז עֶרְהֶערְט גֶעוָוארֶען נִישְׁט וַוייט פוּן זַייא אַיין גַאנְץ

אַנְדֶערֶע שְׁטִימֶע, פוּן דֶעם מאנאסטיר - טוֹיעֶר הָאט זִיךְ פְּלוּצִים גֶעהֶערְט אַיין גְוואַלְד - גֶעשְׁרֵייא צוּא זַאמֶען מִיט דָאס בִּילוּנְג פוּן אַיין הוּנְד, אוּנ אַיין קְלִינְגֶעבְרֵייא פוּן גֶעוֶוער, ערנסט הָאט אַוֶועק גֶעוָוארְפֶען דִיא מָאנַאכִינֶען אוּנ הָאט זִיךְ גֶעלָאזְט לוֹיפֶען נָאךְ דֶעם גֶעשְׁרֵייא אוּנ צוּא קוּמֶענְדִיג צוּם לֶעצְטֶען פָּאר צִימֶער פוּן דֶעם מאנאסטיר הָאט עֶר דֶער זֶעהֶען וִויא מיכאל מִיט זַיין מְשָׁרֵת יעקב שְׁטְרַייטֶען מִיט דִיא לֶעצְטֶע קְרֶעפְטֶען זַייעֶרֶע מִיט דִיא דְרַייא רוֹיבֶּער וֶועלְכֶע הָאבֶען אַוֶועק גֶעחַאפְּט דִיא צְוֵוייא מֵיידְלִיךְ, דֶען זַייא זֶענֶען גֶעוָוואר גֶעוָוארֶען פוּן דֶער דִינֶערְן פוּן דֶעם אַלֶעם וָואס דָא גֶעהט פָּאר, הָאבֶען זַייא גֶעוָואלְט אַנְטְלוֹיפֶען אוּם נִיט צוּא אַריין פַאלֶען צוּא ציסקא'ן אִין דִיא הֶענְד, נָאר צוּא זַייעֶר אוּמְגְלִיק הָאבֶען זַייא גֶעטְרָאפֶען דֶעם טוֹיעֶר פוּן דֶעם מאנאסטיר בֶּעוַואכְט פוּן אַזֶעלְכֶע מֶענְטְשֶׁען וֶועלְכֶע זֶענֶען פֶּערְטִיג צוּם שְׁטְרַייט! איננאציוס הָאט שְׁנֶעל אַרוֹיס גֶעחַאפְּט זַיין מֶעסֶער פוּן אוּנְטֶער דֶעם מַאנְטֶעל אוּנ הָאט זִיךְ דֶער מִיט אַרוֹיף גֶעוָוארְפֶען אוֹיף מיכאל'ן אִיהם צוּא עֶרְמָארְדֶען, נָאר דִיזֶער הָאט אִיהם שׁוֹין פְרִיהֶער בֶּעגֶעגֶענְט מִיט זַיין שְׁוֶוערְד אוּנ הָאט אִיהם דֶער מִיט אַיין קְלַאפּ גֶעטָאהן אִיבֶּער דֶער הַאנְד; דָאס מֶעסֶער אִיז אִיהם אַרוֹיס גֶעפַאלֶען אוּנ אַיין שְׁטְרָאם בְּלוּט הָאט אָן גֶעהוֹיבֶּען צוּא פְלִיסֶען פוּן זַיין פֶּערְוואוּנְדֶעטֶען אָרֶעם, מִיט אַיין שְׁמֶערְצְלִיךְ גֶעשְׁרֵייא פֶּערְמִישְׁט מִיט צָארֶען הָאט דֶער מָאנַאךְ צוּרִיק גֶעוָואלְט לוֹיפֶען אִין מאנאסטיר, נָאר זַיינֶע קְרֶעפְטֶען הָאבֶען אִיהם אוֹיף דֶער מִינוּט פֶערְלָאזְט אוּנ עֶר אִיז אַלְזָא גֶעפַאלֶען אָהנְמֶעכְטִיג צוּא דֶער עֶרְד, אוֹיךְ סיקסטוס, וֶועלְכֶער דֶער זֶעהֶענְדִיג דִיא מַפָּלָה פוּן זַיין חַבֵר, הָאט גֶעוָואלְט לוֹיפֶען צוּרִיק אִיז אוֹיף אִיהם אָן גֶעפַאלֶען דֶער הוּנְד אוּנ הָאט אִיהם פֶעסְט אָן גֶעחַאפְּט בַּייא זַיין קְלֵייד, אוּנ יעקב, וֶועלְכֶער הָאט זִיךְ מִיט אִיהם אָקָארְסְט אוּמְגֶעקֶעהְרְט פוּן ציסקא'ס לַאגֶער, אִיז אִיהם בַּאלְד נָאךְ גֶעלָאפֶען אוּנ הָאט אִיהם מִיט זַיין שְׁפִּיז אַיין שְׁטָאךְ גֶעטָאהן אָן דֶער זַייט, הָאט אִיהם פֶּערְוואוּנְדֶעט אוּנ אוּמְגֶעוָוארְפֶען צוּא דֶער עֶרְד, נָאר בַּאלְד אִיז אָן גֶעלָאפֶען דֶער דְרִיטֶער פוּן דֶער רוֹיבֶּער-בַּאנְדֶע, קיליאן וֶועלְכֶער וַואר הוֹיךְ אוּנ שְׁטַארְק, עֶר הָאט מִיט אַיין הַאנְד אָן גֶעחַאפְּט מיכאל'ן אוּנ אִיהם אָב גֶעשְׁטוּפְּט פוּן יעקב'ן אוּנ מִיט דֶער צְוֵוייטֶער הַאנְד הָאט עֶר בַּייא יעקב'ן אַרוֹיס גֶעריסֶען דִיא שְׁפִּיז אוּנ אִיהם אוּמְגֶעוָוארְפֶען צוּא דֶער עֶרְד אוּנ מִיט דֶער שְׁפִּיז הָאט עֶר שׁוֹין גֶעוָואלְט דֶעם הוּנְד דוּרְךְ שְׁטֶעכֶען, צוּם גְלִיק אִיז אָן גֶעקוּמֶען ערנסט אוּנ אַלְס קיליאן הָאט אִיהם דֶער זֶעהֶען הָאט עֶר שְׁנֶעל אַוֶועק גֶעוָוארְפֶען דִיא שְׁפִּיז אוּנ אִיז אִין אוֹיגֶענְבְּלִיק פֶערְשְׁווּאוּנְדֶען גֶעוָוארֶען דוּרְךְ דֶעם אָפֶענֶעם טוֹיעֶר פוּן דֶעם מאנאסטיר, ערנסט הָאט זִיךְ צְוַואר גֶעפְּרִיוְוט אִיהם נָאךְ יָאגֶען — נָאר אוּמְזוּנְסְט, עֶר הָאט אִיהם נִיט גֶעקֶענְט חַאפֶּען, הָאט עֶר זִיךְ צוּרִיק אוּמְגֶעקֶערְט אִין הוֹיף אַריין, הָאט אָב גֶעבוּנְדֶען פוּן זִיךְ זַיין גַארְטֶעל אוּנ דֶער מִיט גֶעבוּנְדֶען אַיין מָאנַאךְ דִיא

פִּיס, נָאךְ דֶעם הָאט עֶר אָב גֶעבּוּנְדֶען פוּן דֶעם הוּנְד דֶעם שְׁטְרִיק אוּנ דֶער מִיט גֶעבּוּנְדֶען אוֹיךְ דֶעם צְוֵייטֶען מָאנַאךְ.

— גֶעלוֹיבְּט אִיז גָאט וָואס עֶר הָאט אוּנְז אִיבֶּער גֶעגֶעבֶּען דִיא פֵיינְד אִין אוּנְזֶערֶע הֶענְד! הָאט מִיכאל זִיךְ אָב גֶערוּפֶען צוּא זַיינֶע לַייט, אָבֶּער אוּנְזֶערֶע אַרְבַּייט אִיז אִין גַאנְצֶען נָאךְ נִישְׁט גִיעֶנְדִיגְט! דֶען מִיר הָאבֶּען נָאךְ נִישְׁט בֶּעפְרַייט דִיא מֵיידְלִיךְ פוּן דַאנֶען.

— אוֹיךְ דָאס וֶועט בַּאלְד גֶעשֶׁעהֶען, הָאט גִיעֶנְטְפֶערְט ערנסט, דִיא קְלוּגֶע חַיָה (דֶער הוּנְד) וֶועט אוּנְז אָן וַוייזֶען זַייעֶר פֶערְבָּארְגֶען אָרְט, בְּלַייבְּט אִיהר נָאר דָא הִיטֶען דִיא גֶעפַאנְגֶענֶע אוּנ אִיךְ וֶועל אַרַיין גֶעהן אִין מאנאסטיר צוּא אוֹיף זוּכֶען דִיא צְוַוייא פְרַיילִינְס.

אוּנ דָאס זָאגֶענְדִיג הָאט עֶר צוּא גֶערוּפֶען דֶעם הוּנְד אוּנ אִיהם גֶעגֶעבֶּען צוּא שְׁמֶעקֶען דָאס קְלֵייד פוּן דִיא מֵיידְלִיךְ אוּנ דַאנְן אִיז דֶער הוּנְד פְרֶעהלִיךְ אוֹיף גֶעשְׁפְּרוּנְגֶען פוּן זַיין אָרְט אוּנ הָאט זִיךְ גֶעלָאזְט לוֹיפֶען אִין מאנאסטיר אַרַיין, אִיז דוּרְךְ גֶעלָאפֶען דֶעם עֶרְשְׁטֶען זַאאַל אוּנ הָאט פוּן דָארְט זִיךְ אַרָאבּ גֶעלָאזְט פוּן דִיא פֶערְבָּארְגֶענֶע טְרֶעפּ אִין קֶעלֶער אַרַיין וֶועלְכֶער וַואר אוֹיס גֶעגְרָאבֶּען אוּנְטֶער דֶעם מאנאסטיר, אוּנ הָאט זִיךְ אָבּ גֶעשְׁטֶעלְט בַּייא אַיין פֶערְשְׁלָאסֶענֶע קוּפֶּערְנֶער טִיר, ערנסט הָאט אָן גֶערוּפֶען דִיא מֵיידְלִיךְ בַּייא זַייעֶרֶע נֶעמֶען, נָאר עֶר הָאט נִיט בֶּעקוּמֶען פוּן זַייא קַיין אַנְטְוָוארְט, דַאנְן הָאט עֶר צוּא גֶעלֵייגְט דֶעם אוֹיעֶר צוּם שְׁלִיסֶעלְלָאךְ פוּן דֶער טִיר אוּנ זִיךְ גוּט צוּא גֶעהֶערְט, הָאט עֶר עֶנְדְלִיךְ דֶער הֶערְט פוּן אִינְוֵוייְנִיג אַיין שְׁוַואכֶע קְרֶעכְצֶענְדֶע שְׁטִימֶע. יֶעצְט אִיז פַאר אִיהם שׁוֹין נָאר קַיין סָפֵק גֶעוֶועזֶען אַז דִיא מֵיידְלִיךְ גֶעפִינֶען זִיךְ דָארְט, עֶר הָאט אוֹיף גֶעהוֹיבֶּען זַיין גְרוֹיסֶען שְׁטֶעקֶען אוּנ דֶער מִיט אַיין שְׁטַארְקֶען קְלַאפּ גֶעטָאהן אָן דֶער טִיר, דֶער שְׁטֶעקֶען אִיז צְוַואר צוּא בְּרָאכֶען גֶעוָוארֶען אוֹיף צְוַוייעֶן אָבֶּער אוֹיךְ דֶער שְׁלָאס אִיז נִישְׁט גַאנְץ גֶעבְּלִיבֶּען אוּנ דִיא טִיר הָאט זִיךְ גִיעֶפֶענְט, ערנסט אִיז בַּאלְד אַרַיין גֶעלָאפֶען דוּרְךְ אוֹיף גֶעבְּרָאכֶענֶער טִיר אוּנ הָאט זִיךְ גֶעפוּנֶען אִין אַיין גְרוֹיסֶע בְּרֵייטֶע נָאר פִינְצְטֶערֶע זַאאַל אוּנ טַאפֶּענְדִיג אִין אַלֶע ווִינְקֶלֶען הָאט עֶר אוֹיס גֶעשְׁרִיעֶן: „הֶערְט, פְרַיילִינְס, אַייעֶר דִינֶער ערנסט אִיז גֶעקוּמֶען צוּא אַייךְ, בעללא אוּנ רחל, אוּנ וִויל אַייךְ בֶּעפְרַייעֶן פוּן דֶער תְּפִיסָה, זָאגְט אַלְזָא וואוּ אִיהר זֶענְט!" נָאר אוֹיךְ דָאס מָאל הָאט עֶר נִישְׁט בֶּעקוּמֶען קַיין אַנְטְוָוארְט. עֶנְדְלִיךְ הָאט דֶער הוּנְד זִיךְ שְׁטַארְק צוּא שְׁרִיעֶן אוּנ אַיין קְרֶעכְצֶענְדֶע שְׁטִימֶע הָאט זִיךְ בַּאלְד דֶערוֹיף גֶעהֶערְט פוּן וֶועלְכֶע ערנסט אִיז הֶעכְסְט עֶרְצִיטֶערְט גֶעוָוארֶען, עֶר אִיז נָאךְ גֶעגַאנְגֶען דִיא קְרֶעכְצֶענְדֶע שְׁטִימֶע וֶועלְכֶע הָאט אִיהם אַרַיין גֶעפִיהְרְט אִין אַקְלֵיין אֵיינְגֶען צִימֶער וֶועלְכֶעס אִיז גֶעוֶועזֶען אִין אַנִידְרִיגֶען שְׁטָאק, נֶעבֶּען דֶער עֶק זַאאַל אוּנ דָארְט הָאט עֶר נָאךְ אַמָאל אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּא רוּפֶען דִיא מֵיידְלִיךְ מִיט דִיזֶע וֶוערְטֶער: „וואוּ זֶענְט אִיהר, פְרַיילִינְס? עֶנְטְפֶערְט מִיר, דֶען אִיךְ בִּין

גֶעקוּמֶען אַייך צוּא בֶּעפְרַייֶען !" אוֹיף דֶעם מָאל הָאט עֶר שׁוֹין דֶער הֶערְט אַפְּעֶרשְׁטִיקְטֶע שְׁטִימֶע וִויא פוּן אַקֶבֶר אַרוֹיס : „מִיר זֶענֶען דָא . . . נָאר מִיר זֶענֶען גֶעבּוּנְדֶען מִיט שְׁטְרִיק" . . .

ערנסט אִיז נָאךְ גֶעגַאנְגֶען דִיא שְׁטִימֶע אוּנ טַאפֶּענְדִיג אִין דֶער פִינְצְטֶער אוֹיף אַלֶע עֶרְטֶער הָאט עֶר עֶנְדְלִיךְ אָנְגֶעטַאפְּט דִיא צְוַייא מֵיידְלִיךְ וֶועלְכֶע זֶענֶען גֶעוֶועזֶען אַיינְגֶעוִויקֶעלְט אִין דִיא מַאנְטְלֶען פוּן דִיא צְוַייא מָאנַאבֶען, פוּן קָאפּ בִּיז פִּיס אוּנ פוּן אוֹיבֶען אַרוּם גֶעבּוּנְדֶען מִיט שְׁטְרִיק, מִיט זַיינֶע גֶעזוּנְטֶע הֶענְד הָאט ערנסט אָבּ גֶעבּוּנְדֶען דִיא שְׁטְרִיק, הָאט זַייא אוֹיף גֶעהוֹיבֶען פוּן דֶער עֶרְד אוּנ הָאט זַייא גֶעטְרֵייסְט בִּיז זַייא זֶענֶען צוּרִיק מוּנְטֶער אוּנ מוּטְהִיג גֶעוָוארֶען, דִיא עֶרְשְׁטֶע אִיז גֶעוֶועזֶען בעללא וֶועלְכֶע הָאט זִיךְ צוּא אִיהם אָבּ גֶערוּפֶען :

— דָאס בִּיזְט דוּא, ערנסט, אוּנְזֶער טְרַייֶער דִיעֶנֶער ! גֶעזֶעגְנֶעט זַייא פוּן גָאט וֶועלְכֶער הָאט דִיךְ אַהֶער גֶעשִׁיקְט אוּם אוּנְז צוּא רֶעטְען פוּן שְׁלֶעכְטֶע הֶענְד אוּנ פוּן עֶנְטְעֶהרוּנְג !

אוֹיךְ רחל הָאט יֶעצְט אִיהם גֶעוָואלְט דַאנְקֶען, נָאר ערנסט הָאט נִיט דֶער לָאזְט :

— וַוארְט מַיינֶע פְרַיילִינְס, דֶען נִיט יֶעצְט אִיז דִיא צַייט פוּן רֵיידֶען, הַאלְט אַייךְ בֵּיידֶע אָן אִין מַיין הַאלְז פוּן בֵּיידֶע זַייטֶען וֶועל אִיךְ אַייךְ אוֹיף מַיינֶע הֶענְד אַרוֹיס טְרָאגֶען פוּן דֶעם פִינְצְטֶערִין קֶערְקֶער אוּנ אַייךְ צוּא שְׁטֶעלֶען צוּא אַייעֶרֶע גֶעלִיבְּטֶע וֶועלְכֶע וַוארְטֶען אוֹיף אַייךְ מִיט קְלַאפֶּענְדֶע הֶערְצֶער !

אַלְס ערנסט אִיז מִיט זַייא אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם הוֹיף אִיז צוּא זַייא צוּא גֶעקוּמֶען דֶער פָאטֶער ר' מנחם איטליש וֶועלְכֶער הָאט זִיךְ עֶרְסְט אוּמְגֶעקֶעהְרְט פוּן דֶעם לַאגֶער, אוּנ דֶער בְּרוּדֶער רחל'ס וֶועלְכֶער הָאט אִיבֶּער גֶעלָאזְט דִיא גֶעפַאנְגֶענֶע אוֹיף זַיין מְשָׁרֵת אוּנ אִיז צוּא גֶעשְׁפְּרוּנְגֶען צוּא זַיין גֶעלִיבְּטֶע בעללא, בֵּיידֶע מֵיידְלִיךְ זֶענֶען אַרוֹיף גֶעפַאלֶען דֶעם פָאטֶער אוּנ מיכאל'ן אוֹיפִין הַאלְז אוּנ הָאבֶען שְׁטִיל גֶעוֵויינְט אָהְן וֶוערְטֶער, נָאר רחל הָאט זִיךְ בַּאלְד גֶעמוּטְהִיגְט אוּנ זֶעהֶענְדִיג וִויא אִיהר בְּרוּדֶער קוּקְט אָן בעללאן מִיט לִיבְּלִיכֶע בְּלִיקֶען, הָאט זִיא אִיהם שְׁטִיל אַיין גֶערוּימְט אִין אוֹיעֶר : „נִישְׁט נָאר דַיין שְׁוֶועסְטֶער אַלֵיין, נָאר אוֹיךְ דַיין כַּלָה הָאסְט דוּא גֶערֶעטֶעט פוּן שְׁלֶעכְטֶע הֶענְד". בעללא הָאט וִויא פוּן וַוייטֶען דֶער הֶערְט רחלס וֶוערְטֶער אִיז זִיא צוּא גֶעגַאנְגֶען צוּא מיכאל'ן, אִיהם גֶעגֶעבֶען אִיהר הַאנְד אוּנ אִיהם מִיט לִיבְּשַׁאפְט גֶעקוּקְט אִין דִיא אוֹיגֶען, מיכאל'ס גֶעזִיכְט אִיז רוֹיטה גֶעוָוארֶען, עֶר הָאט זִיךְ אַרָאבּ גֶעבּוֹיגֶען צוּא אִיהר הַאנְד אוּנ זִיא אַיין קוּשׁ גֶעטָאהן מִיט זַיינֶע בְּרֶענֶענְדֶע לִיפֶּען, אוּנ בעללא הָאט דַאבַּייא אָן גֶעשְׁטִיצְט אִיהר קָאפּף אוֹיף זַיינֶע שׁוּלְטֶערִין, אִיהרֶע לִיפֶּען הָאבֶּען בֶּערִיהרְט דֶעם שְׁטֶערִין פוּן אִיהר גֶעלִיבְּטֶען אוּנ הָאט אִיהם אַיין קוּשׁ גֶעטָאהן.

דָאס אַלֶעס הָאט אִיהר פָּאטֶער גֶעזֶעהן אוּנ זִיךְ אִינֶערְלִיךְ גֶעפְרֵייט, עֶר אִיז צוּא גֶענַאנְגֶען צוּא מִיכאל׳ן אוּנ אִיהם צוּא גֶעדְרִיקְט צוּא זַיין בְּרוּסְט אוּנ מִיכאל אִיז אַלְזָא נָאר אָהן וֶוערְטֶער גֶעוָואר גֶעוָוארֶען פוּן זַיין גְלִיק אַז זַיין לִיבֶּע בֶּעטֶענֶעגְט קֵיין שׁוּם הִינְדֶערְנִיסֶע אִין וֶועג.

דִיא אוּיפְגֶערֶעגְטֶע הֶערְצֶער זֶענֶען צוּרִיק בֶּערוּהִיגְט גֶעוָוארֶען אוּנ אַלְס דֶער מָארְגֶען שְׁטֶערִין אִיז אוּיף גֶעגַאנְגֶען הָאבֶּען זִיךְ בֵּיידֶע פְּרֵיילִינְס גֶעפוּנֶען פַאר זֶעהר פַאר שֶׁעמְט אַלְס זֵייא הָאבֶּען זִיךְ אַרוּם גֶעזֶעהן וִויא זֵייא זֶענֶען נַאקֶעט אוּנ פֶּערְוִויקֶעלְט אִין פְרֶעמְדֶע מַאנְטְלֶען, אוּנ נָאךְ אֵיידֶער זֵייא הָאבֶּען דָאס גֶענֶעבֶּען צוּא בֶּעמֶערְקֶען, הָאט זִיךְ פוּן וַוייטֶען שׁוֹין דֶער הֶערְט טְרָאמְפֶּעטֶען מִיט פוּיקֶענְשְׁטִימֶען.

— דָאס קוּמְט אָן צִיסקא מִיט זַיין מִילִיטֶער צוּא אוּנְז, הָאט ר׳ מנחם גֶעזָאגְט, עֶר הָאט מִיר גֶענֶעבֶּען דְרוּיף זַיין וָוארְט אוּנ אִיז עֶס אַלְזָא מְקַיֵים, אָט בַּאלְד קוּמְט עֶר אַהֶער אָן זִיךְ נוֹקֵם זַיין אָן זַיינֶע שׂוֹנְאִים, אוּנ מַיין הַארְץ זָאגְט מִיר אַז עֶר וֶועט אוּיף זֵייא אַרוּיס גֶעבֶּען זֶעהר אַיין שְׁטְרֶענְגֶען פְּסַק, אוּנ זַיין נְקָמָה וֶועט זַיין שְׁרֶעקְלִיךְ, דַארִיבֶּער, מַיינֶע טֶעכְטֶער, אִיז נִיט רֶעכְט אִיהר זָאלְט זִיךְ דָא אָב שְׁטֶעלֶען, יעקב הָאט אַהֶער גֶעבְּרַאכְט אוּנְזֶער פוּהר, נֶעהט מַיינֶע קִינְדֶער זֶעצְט אַייךְ אוּיף אוּנ פָאהרְט אַהֵיים, דָארְט וַוארְט אוּיף אַייךְ דִיא מוּטֶער מִיט טְרֶערֶענְדֶע אוֹיגֶען אוּנ מִיט אַיין שְׁמֶערְצְלִיךְ הַארְץ.

דִיא צְוֵייא פְּרֵיילִינְס זֶענֶען אַהֵיים גֶעפָאהרֶען אוּנ דִיא זֶעלְנֶער זֶענֶען שׁוֹין צוּא גֶעקוּמֶען צוּם שְׁמָאלֶען וֶועג וָואס פִיהרְט צוּם מאנאסטיר, פָאר אוּיס אִיז גֶעגַאנְגֶען אַיין רַאטֶע וַוייבֶּער וֶועלְכֶע זֶענֶען אַלֶע גֶעוֶועזֶען בֶּעוַואפֶענְט מִיט גֶעוֶוער אוּנ הַאלְטֶענְדִיג אִין דִיא הֶענְד פַאקֶעלְן מִיט קְנוּיטֶען וֶועלְכֶע זַענֶען אַיין גֶעטוּנְקְט אִין סְמָאלֶע הָאבֶּען זֵייא דֶער מִיט בֶּעלוּיכְטֶען פַאר זִיךְ דֶעם וֶועג, אוּנ זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען נָאךְ דֶער קָאמַאנְדֶע (פִיהרוּנְג) פוּן אַיין הוֹיכֶע אוּנ שְׁלַאנְקֶע פְרוֹיא וֶועלְכֶע הָאט גֶעהַאלְטֶען אוּיס גֶעצוֹיגֶען דֶעם הַאלְז וִויא אַיין הֶעלְדִינֶען, אִיהרֶע אוֹיגֶען הָאבֶּען גֶעפִינְקֶעלְט וִויא פַייֶער אוּנ אִיהר פָּנִים וַואר הֶעכְסְט צָארְנִיג, דִיזֶע פְרוֹיא אִיז לעאנארע צִיסקא׳ס שְׁוֶועסְטֶער, וֶועלְכֶע הָאט צוּא שַׁאפֶען אִיבֶּער דֶעם מִילִיטֶער פוּן דִיא הֶעלְדִישֶׁע וַוייבֶּער וָואס הָאבֶּען זִיךְ עֶרְוָוארְבֶּען אַיין גְרוֹיסֶען נָאמֶען אִין דֶער מִלְחָמָה פוּן דִיא הוּסִיטֶען, אַיין טוֹיט שְׁלֶענֶער (אַזא שְׁטֶעקֶען) אִיז גֶעוֶועזֶען דָאס אֵיינְצִיגֶע גֶעוֶוער וָואס לעאנארע הָאט גֶעהַאלְטֶען אִין הַאנְד צוּא שְׁלָאגֶען אִיהרֶע פֵיינְד.

— הֶערְט אוּיס מַיין הָאכְגֶעעֶהרְטֶע לעאנארע — הָאט זִיךְ צוּא אִיהר אוּיטלִישׁ גֶעוֶוענְדֶעט, פֶּערְנֵייגֶענְדִיג זִיךְ פַאר דֶער הֶעלְדִינֶען — מַיינֶע טֶעכְטֶער זֶענֶען שׁוֹין גֶערֶעטֶעט אוּנ זֵייעֶרֶע רוֹיבֶּער זֶענֶען אִין אוּנְזֶערֶע הֶענְד; דָארְט בַּיים טוֹיעֶר לִיגֶען זֵייא פֶּערְוואוּנְדֶעט אוּנ גֶעבּוּנְדֶען מִיט שְׁטְרִיק.

— גוט ! איך וועל זייא געהן אן קוקען — האט לעאנארע גיענטפערט צוא געהענדיג צום טויער, נאר קוים האט זיא דער זעהען דיא צווייא געפאנגענע מאנאכין איז זיא ערציטערט געווארען אונ אב געשפרונגען צוריק פאר שרעק אונ באלד האט זיא זיך צוריק אומגעקעהרט אונ זיך טיעף איין געקוקט אין זייערע געזיכטער, איהר פנים האט זיך דאבייא שטארק פאר ענדערט, דאס הערץ האט אין איהר אן געהויבען שרעקליך צוא שטורעמען אונ דיא ברוסט האבען זיך שרעקליך געהויבען ; איהרע אויגען האבען זיך אן געגאסען פול מיט בלוט אונ זענען שיער נישט ארויס געקראכען פון זייערע גייסטען, דער טויט שלעגער איז איהר ארויס געפאלען פון האנד אונ איבער פיהרענדיג דיא האנד איבער איהרען שטערין וועלכער איז גיווארין אויף דער מינוט פול מיט קנייטשען האט זיא אן געהויבען צוא בריללען וויא איין לעווין אויף איין שרעקליך קול : „צוא זעהן דאס ווירקליך מיינע אויגען אדער צוא ווייזט זיך עס מיר נאר אזויא אויס ? דאס ביזט דוא טאקי סיקסטוס, דער בעטריבער פון מיין זעעלע ? צוא האט דיך דער גיהנם אויס געשפיגען צוריק אום דוא זאלסט ענדליך אריין פאלען אין מיינע הענד ? איך בין דאך נישט משוגע אונ אויך נישט בלינד, דען דאס איז ער דאך !.. נון, האב איך דיך ענדליך געפונען, ביזט אריין געפאלען אומגעריכט אין מיינע הענד, דוא נידערטרעכטיגער מענטש ! פרייט אייך, א הימלען, איך וועל מיך יעצט נוקם זיין פאר מיין עהרע וועלכע דער שלעכטער מענטש האט פאר פלעקט אלס איך וואר נאך בייא מיין בעסטען יוגענד ! שוין לאנג אז איך זוך דיך, דוא בעטריבער מיינער אונ יעצט איז אלזא ערפילט געווארען מיין האפענונג, אונ מיינע אויגען זעהן אט דעם דאזיגען וועלכען איך האב מיך שוין גאר ניט געריכט צוא געפינען, אט בין איך געבען דיר שוין . . . וואס שטומסט דוא, מיין היילינגער מאנאך ? דוא ווייסט אז עס האט שוין אנגעטראטען דיא לעצטע מינוט פון דיין לעבען אונ פון דיינע בייזע טהאטען (מעשים רעים) ? שרייא אונ קלאג זייער ביטער, דוא שלעכטער מענטש, דען דיין קלאגליכע שטימע, דיין וויינען אונ קרעכצען איז מיר פיעל אנגענעמער צום הערען פון אלע ליבליכע לידער אונ ראמאנסען וואס דוא פלעגסט מיר זינגען אין מיין יוגענד : . . נאר אט איז מיין ברודער שוין דא, יעצט זייא זיך מתודה אויף דיינע זינד, דוא היילינגער מענטש — דען עס איז שוין געקומען דיא לעצטע מינוט פון דיין לעבען אונ דיין סוף וועט זיין שרעקליך — וויא וואהר איך לעב !"

אזויא האט לעאנארע געשריען אונ גיענדיגט איהרע רייד מיט איין ווילדען, שרעקליכען געלעכטער, איהרע אויגען האבען יעצט אויס געוויזען וויא צווייא ברענענדע קוילען אלס זיא האט זייא אב געשטעלט אויף דעם מאנאך, אונ איהר געזיכט, פון וועלכען עס איז נאך נישט פערשוואונדען געווארען דיא שפורען פון איהר יוגענדליכען שיינקייט, האט געפלאמט פון

בֵּעם וִויא אַיין הֶעלֶעש פַייֶער, אוּנ דַאנן, אַלְס זִיא הָאט נִיֶענְדִינְט אִיהרֶע רֵייד, הָאט זִיא זִיךְ גֶעוֶוענְדֶעט צוּא אִיהר בְּרוּדֶער דֶעם גֶענֶעראַל, וֶועלְכֶער אִיז שׁוֹין אָן גֶעקוּמֶען מִיט זַיין מִילִיטֶער. בֵּיידֶע מָאנַאכֶען הָאבֶּען בֶּעטְרַאכְט דֶעם גֶענֶעראַל ציסקא אוּנ זַייֶערֶע הֶערְצֶער הָאט זִייא פָאר אוֹיס גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז וַוייט פוּן מִיטְלֵייד, אוּנ ווִירְקְלִיךְ וַואר עֶר גֶענוּג שְׁרֶעקְלִיךְ אוֹיפִין פָּנִים אַלְס עֶר אִיז גֶעזֶעסֶען אוֹיף זַיין פֶערְד; זַיין וואוּקְס וַואר הוֹיךְ אוּנ שְׁטַארְק וִויא אַיין רִיז, זַיין הַאלְז — בַּאדֶעקְט מִיט לַאנְגֶע הָאר וִויא בֵּייא דִיא גְרֵייֶוען פוּן ווִילְדֶע חַיוֹת, אוּנ דָאךְ וָואלְט עֶר נִיט אוֹיס גֶעוִויזֶען הֶעסְלִיךְ וָוען עֶס זָאל אִיהם נִיט פֶּעהלֶען דָאס לִינְקֶע אוֹיג אִין קָאפּ וֶועלְכֶעס אִיז אִיהם אוֹיס גֶעשְׁטָאכֶען גֶעוָוארֶען נָאךְ אִין זַיין קִינְדְהַייט; זַיין פָּנִים וַואר שְׁוַוארְץ אוּנ שְׁטְרֶענְג אוֹיךְ דִיא הָאר פוּן זַיין קָאפְּף אוּנ פוּן דֶער בָּארְד זֶענֶען גֶעוֶועזֶען שְׁוַוארְץ אוּנ לַאנְג, אִין זַיין שְׁטַארְקֶער הַאנְד הָאט עֶר גֶעהַאלְטֶען אַיין אַייזֶערְנֶע שְׁוָוערֶע לָאם, וֶועלְכֶע וַואר אִיהם לִיבֶּער פוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע גֶעוֶוער.

— זֶעה נָאר בְּרוּדֶער דָאס טַייֶערֶע גֶיעג וֶועלְכֶעס מִיר הָאבֶּען עֶנְדְלִיךְ גֶעפַאנְגֶען נָאךְ פִיעלֶע יָאהרֶען וָואס מִיר הָאבֶּען עֶס גֶעזוּכְט! הָאט לעאנארע זִיךְ אָבּ גֶערוּפֶען צוּם בְּרוּדֶער, דָאס אִיז דָאךְ דֶער מָאנַאךְ סִיקסטוּס וֶועלְכֶער אִיז מִיט זַיין חַבֵר אִיגנאציוּס אַהֶער גֶעקוּמֶען פוּן וִויען צוּא פַאנְגֶען אוּמְשׁוּלְדִיגֶע מֵיידְלִיךְ, וִויא זַייֶער שְׁטֵייגֶער אִיז פוּן תָמִיד אָן, נָאר וֵוייסְט דוּא וֶוער עֶר אִיז, אָט דֶער סִיקְסטוּס? הָאט זִיא אִיהם גֶעפְרֶעגְט אָן וַוייזֶענְדִיג מִיט אִיהר הַאנְד אוֹיף דֶעם מָאנַאךְ, עֶר אִיז דָאךְ יֶענֶער נִידֶערְטְרֶעכְטִיגֶער קָערְל וֶועלְכֶער הָאט בֶּעטְרִיבְּט דִיא זֶעלֶע פוּן דַיין שְׁוֶועסְטֶער אוּנ אוֹיף אִיהר אָבּ גֶעשְׁטֶעלְט אַיין אֵייבִּיגֶען פְלֶעק!

דֶער הֶערֶענְדִיג אִיהרֶע לֶעצְטֶע וֶוערְטֶער אִיז דֶער הֶעלְד שְׁנֶעל אַרָאבּ גֶעשְׁפְּרוּנְגֶען פוּן זַיין פֶערְד אוּנ הָאט מִיט זַיין דָאנֶער־שְׁטִימֶע אוֹיס גֶעשְׁרִיֶען:

— וָואס הֶער אִיךְ? סִיקסטוּס אִיז דָא אוּנ גֶעפִינְט זִיךְ אִין אוּנְזֶערֶע הֶענְד? גֶעלוֹיבְּט זַייא גָאט וָואס דוּא הָאסְט אִיהם אִיבֶּער גִיעֶנְטְפֶערְט אִין אוּנְזֶער מַאכְט! אָבֶּער וואוּ אִיז עֶר?

לעאנארע הָאט אַיין וואוּנְק גֶעטָאהן אוּנ 4 וַוייבֶּער פוּן אִיהר מִילִיטֶער הָאבֶּען צוּא גֶעשְׁלֶעפְּט דֶעם מָאנַאךְ צוּא ציסקא'ן, אַיין טָאדֶעס שְׁרֶעק אִיז גֶעפַאלֶען אוֹיף דֶעם סִיקסטוּסֶען אַלְס עֶר הָאט דֶער זֶעהן פַאר זִיךְ דֶעם שְׁרֶעקְלִיכֶען מֶענְטְשֶׁען פַאר וֶועלְכֶען עֶס צִיטֶערְט דֶער גַאנְצֶער בֶּענֶענְד.

— בִּיזְט אִין אוּנְזֶערֶע הֶענְד, דוּא זִינְדִיגֶער מָאנַאךְ! הָאט ציסקא צוּא אִיהם זִיךְ אָבּ גֶערוּפֶען, דוּא מִיט דַיין חַבֵר איגנאציוּס; אִיהר

ציטערט יעצט, א שלעכטע מענטשען? ! בערוהיגט אייך, דען באלד ווערד פאר שוואונדען אייער שרעק מיט אייך צוא זאמען.

אויף זיין באפעהל האט מען אויף געבונדען די שטריק פון די צוויא מאנאכען אונ זייא אויף געשטעלט אויף די פיס נאר זייערע קניען האבען זיך ארונטער געבויגען אונ האבען נישט געקענט איין שטיין גלייך.

— טרייסט אייך! האט צוא זייא דער גענעראל געזאגט, דען ניט לאנג וועט אייך אוים קומען צוא ליידען; זאגט מיר נאר וועלכער רוח האט אייך פערטראגען אהער אין דעם לייבען גרוב? איהר שטומט, ווייל איהר פיהלט אייערע שווערע זינד, איהר זענט געקומען אהער צוא פאנגען אונ צוא ענטעהרען אומשולדיגע מיידליך אום צוא ערפילען אייער העסליכען ליידענשאפט? נון וועט אט דאס זיין אייער משפט פון מיר: איך וועל אייך אריין לייגען אין פעסער מיט פעך אונ אונטער צינדען אונ איהר וועט לעבענדיג פאר ברענט ווערען די מינוט!

— א גרוים מוטהיגער העלד, ערבארעם דיך אונ האב מיטלייד מיט אונז! האבען געשריען די צוויא מאנאכען קניענדיג פאר דעם גענעראל.

— פון מיר בעט איהר מיטלייד? צוא מיט אייך וועל איך טאהן גנאדע? האט נעפרעגט דער גענעראל אונ זיך שטארק צוא לאכט, עס איז דאך שוין פול די מאס פון אייערע שלעכטע אויף פיהרונגען אונ אייערע לעצטע מינוט האט שוין אן געטריטען, געשווינד ברייגגט אהער די פעסער! האט ער בעפוילען צוא זיין מיליטער.

דער הערענדיג אזא שרעקליכען משפט איז אויך איטליש ערציטערט געווארען אונ איז צוא געטאנגען צום גענעראל אונ איהם געבעטען ער זאל זייא בעסער פערקאוען אין קייטען אונ זייא פערשפארען אין איין גרוב אויף זייער גאנצען לעבען וויא צוא מאכען פאר זייא לעבענדיגערהייט איין גיהנם.

— דוא בעטסט גנאדע פאר די זינדיגע מענטשען וועלכע האבען אוועק גערויבט דיין טאכטער אונ זיא געוואלט ענטעהרען? האט דער גענעראל זיך אב גערופען צוא איהם מיט ערשטוינונג, — אמת ביזט ביי מיר זייער טייער אונ געשעצט פון זייט איך האב דיך דער קענט אונ דאס נוטס וואס דוא האסט מיט מיר געטאהן האט מיך בעוואוגען איך זאל דיך ליבען וויא זיך זעלבסט, אבער וויים, מיין טייערער פריינד, נאר צוא ליב דיר בין איך אהער געקומען אום צוא רעטען דיין טאכטער אונ דאריבער זייא מיר מוחל ווען איך קען ניט ערפילען דיין בקשה איג׳ם יעצטיגען מאל, ניט דיין כבוד נאר מיין חרפה, פאר איהר וועל איך מיך יעצט נוקם זיין אן די שלעכטע מענטשען, וואס מיט זייערע זינד איז שוין איבער פילט

דָאס גַאנְצֶע לַאנְד, אוּנ אָן קְלֵיידֶענְדִיג זִיךְ אִין גַייסְטְלִיכֶע קְלֵיידֶער הָאבֶּען זַייא אִין דֶער שְׁטִיל אוּיס גֶעפִּיהרְט זֵייעֶרֶע אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע גֶעדַאנְקֶען אוּנ קֵיינֶער הָאט דֶער פוּן נִיט גֶעוואוּסְט, דוּא ווֵייסְט ווָאס דֶער נִידֶערְטְרֶעכְטִיגֶער סִיקסְטוּס הָאט מִיר גֶעטָאהן? עֶר הָאט אַוֶועק גֶערוֹיבְּט דִיא עֶהרֶע פוּן מַיין שְׁוֶועסְטֶער אוּנ גֶעשְׁטֶערְט דִיא רוּהֶע פוּן מַיין הוֹיז, אִיךְ וֶועל פַאר דִיר אוֹיךְ נִיט לֵייקְענֶען אַז נָאר צוּא לִיבּ אִיהם הָאבּ אִיךְ אוּיס גֶערוּפֶען קְרִיג אוֹיף זַיינֶע לַייט, אַיין קַאטוֹילִישֶׁער גֵייסְטְלִיכֶער הָאט אַרוֹיף גֶעבְּרַאכְט אַיין שַׁאנְדֶע אוֹיף מַיין הוֹיז אוּנ דַאדוּרְךְ הָאבּ אִיךְ מִיךְ עֶנְטְשְׁלָאסֶען צוּא נוֹקֵם זַיין זִיךְ אָן מַיינֶע פַיינְד, אוּנ יֶעצְט זָאגְסְט דוּא מִיר נָאר אִיךְ זָאל נִיט בֶּעשְׁטְרָאפֶען אַזוֹיא שְׁטְרֵיינְג אַזַא מֶענְטְשֶׁען אוֹיף וֶועלְכֶען עֶס בְּרֶענְט מַיין צָארְן וִויא אַיין הֶעלֶעשׁ פַייעֶר? אִיךְ וֶועל דִיךְ נִישְׁט פָאלְגֶען! קֵיין מֶענְטְשׁ אִין דֶער וֶועלְט אִיז נִיט אוּמְשְׁטַאנְד מִיר צוּא פַאר וֶוערֶען אוּיס צוּא פִיהרֶען מַיין נְקָמָה אָן זַייא, אוֹיף דֶעם פַייעֶר זָאל אוּם קוּמֶען סִיקסְטוּס מִיט זַיין שְׁלֶעכְטֶען חַבֵר!..; אוּנ ווָאס ווִילְסְט דוּא? הָאט עֶר פְּלוּצִים אַיין גֶעשְׁרֵייא גֶעטָאהן צוּא אִיגְנַאצִיוּסֶען, דֶער זֶעהֶענְדִיג וִויא עֶר קְרִיכְט צוּא אִיהם אוּנ פַאלְט פַאר זַיינֶע פִיס, ווָאס ווִילְסְט דוּא פוּן מִיר?

— מַיין שְׁטַארְקֶער אוּנ גְרָאס מֶעכְטִיגֶער הֶערר צִיסְקָא! הָאט דֶער מָאנַאךְ גֶעשְׁטַאמֶעלְט, מִיר זֶענֶען בֶּערֵייט... צוּא אָבּ טְרֶעטֶען פוּן אוּנְזֶער גְלוֹיבֶּען... אוּנ צוּא וֶוערֶען הוּסִיטֶען... אַבִּי שֵׁיינְק אוּנְז דָאס לֶעבֶּען!

דָאס הֶערֶענְדִיג אִיז דֶער גֶענֶערַאל נָאךְ מֶעהר אִין כַּעַס גֶעווָארֶען אוּנ הָאט שׁוֹין גֶעווָאלְט אַרָאבּ לָאזֶען זַיין אַייזֶערְנֶע לָאם אוֹיף דֶעם קָאפּ פוּן דֶעם פֶּערֶעטְהֶער, נָאר עֶר הָאט מִיט אַלֶע מֶעגְלִיכְקֵייטֶען זִיךְ אוֹיף גֶעהַאלְטֶען פוּן צָארְן אוּנ אַרָאבּ לָאזֶענְדִיג דִיא הַאנְד מִיט גֶעשְׁפֶּעט הָאט עֶר אִיהם גֵיעֶנְטְפֶערְט:

— יַא, עֶס אִיז אַייךְ אַזוֹיא גְרִינְג צוּא פֶעלְשֶׁען אִין אַייעֶר גְלוֹיבֶּען וִויא צוּא פֶעלְשְׁען אִין אַסַךְ מֶענְטְשֶׁען, אָבֶּער מִיט אֵיינְס בֶּענַארֶעשְׁט אִיהר זִיךְ זֵייעֶר — אִיהר מֵיינְט אַז מִיר זֶענֶען נָאךְ נִידֶערִיגֶער פוּן אַייךְ אוּנ וֶועלֶען דֶער לָאזֶען עֶס זָאלֶען זִיךְ צוּא אוּנְז פְּרִיבַּאוֶוען (צוּא קוּמֶען) זִינְדִיגֶע מֶענְטְשֶׁען וִויא אִיהר זֶענְט, אוּם מִיר זָאלֶען וֶוערֶען גְלַייךְ מִיט אַייךְ זִינְדִיג, אָבֶּער גֶענוּג שׁוֹין צוּא רֵיידֶען פוּן פוּסְטֶע זַאכֶען; גְרֵייט אַייךְ צוּא צוּם טוֹיט, דֶען עֶר אִיז שׁוֹין דָא!

בַּאלְד הָאט מֶען גִיבְּרַאכְט אוֹיף דֶעם הוֹיף דִיא פֶּעסֶער פֶּעךְ אוּנ פֶּעסְטֶע הֶענְד הָאבִּין אַחאפּ גִיטָאהן דִיא צְוֵייא פֶערְשׁוּלְדִיגְטֶע מָאנַאכֶען אוּנ זַייא אַהִין אַריין גִיוָוארְפֶען, אוֹיף דֶעם צֵייכֶען פוּן דֶעם גֶענֶערַאל הָאט זִיךְ בַּאלְד גֶעווִיזֶען פוּן דִיא פֶּעסֶער אַרוֹיךְ מִיט אַפְלַאם מִיט שְׁרֶעקְלִיכֶע, הֶערְצְרַייסֶענְדֶע גִישְׁרֵייעֶן פוּן דִיא צְוֵייא מָאנַאכֶען, אוּנ דֶער גֶענֶערַאל מִיט זַיין מִילִיטֶער זֶענֶען זִיךְ גִישְׁטַאנֶען רוּהִיג אַרוּם דֶעם פַייעֶר אָהנֶע עֶפֶּעס צוּא

רַיידֶען אַנְוואָרְט, אויסֶער איטליש מִיט מיכאל'ן וָועלְכֶע זָענֶען עֶרְצִיטֶערְט גִיוָואָרִין פוּן אַזַא שׁוּישְׁפִּיעל אוּנ הָאבִּין אָבּ גֶעטְרָאטֶען אוֹיף גַאנְץ וַוייט. אִין עֶטְלִיכֶע מִינוּט אַרוּם אִיז פוּן דָעם גַאנְצֶען שׁוּישְׁפִּיעל נָאר גֶעבְּלִיבֶּען אַבַּארְג מִיט אַשׁ אוּנ אִין דָעם אַשׁ — פַאר בְּרֶענְטֶע בֵּיינֶער פוּן דִיא צְוַוייא מֶענְטְשִׁין וֶועלְכֶע זָענֶען אוּם גִיקוּמֶען אוֹיף דֶעם פַייֶער דוּרְךְ דָעם צָארִין פוּן דֶעם שְׁרֶעקְלִיכֶען ציסקא.

אוּנ דָאךְ הָאט זִיךְ דֶער גֶענֶעראַל דֶער מִיט אַלֵיין נָאךְ נִישְׁט בֶּערוּהִיגְט, דֶען קוּים זָענֶען דִיא מָאנַאכֶען פַאר בְּרֶענְט גִיוָואָרִין הָאט עֶר גֶעשִׁיקְט אָנְזָאגִין דִיא עֶלְצְטֶע פוּן דִיא מָאנַאכִינֶען זִיא זָאל מִיט אִיהרֶע שְׁוֶועסְטֶער תֵּיכֶף פֶערְלָאזִין דֶעם מאנאסטיר, דֶען עֶר וֶועט בַּאלְד אִין גַאנְצִין פַאר בְּרֶענְט וֶוערִין.

צְוַוייא מָאל הָאט אִיהר דֶער שְׁלִיחַ דָאס גִיזָאגְט אוּנ הָאט פוּן אִיהר קַיין אֵיינְצִיגֶען אַנְטְוָוארְט בֶּעקוּמֶען, דַאנן הָאט לעאנארע בֶּעפוֹילֶען צוּא אִיהרֶע פְרוֹיעֶן זַייא זָאלִין אָנְצִינְדֶען דֶעם מאנאסטיר, בַּאלְד הָאט זִיךְ גִיעֶפִינְט דִיא טִיהר פוּן דָארְט אוּנ אַלֶע מָאנַאכִינֶען צוּא זַאמֶען מִיט זַייעֶר עֶלְצְטֶע מָאנַאשְׁקֶע זָענֶען אַרוֹיס גִינַאנְגֶען אוּנ הָאבִּין זִיךְ גִישְׁטֶעלְט פַאר דֶעם גֶענֶעראַל, וֶועלְכֶער הָאט זִיךְ צוּא זַייא גֶעוֶוענְדֶעט מִיט פָאלְגֶענְדֶען פָארְטְרַאג.

— וֶוער פוּן אַייךְ עֶס וִויל לֶעבִּין בְּלַייבִּין זָאל פֶערְלָאזִין דֶעם מאנאסטיר, זָאל אוֹיס טָאהן פוּן זִיךְ דִיא מָאנַאכִישֶׁע קְלֵיידֶער, זָאל זִיךְ אָבּ זָאגִין פוּן אִיהר נֶדֶר אוּנ זָאל צוּא אוּנְז צוּא שְׁטֵיין — וֶועט זִיא בְּלַייבִּין גִירֶעטֶעט, אוּנ וֶוער עֶס וֶועט מִיךְ נִיט פָאלְגֶען וֶועט זִיא וֶוערִין לֶעבֶּענְדִיג פַאר בְּרֶענְט!

אַלֶע מָאנַאשְׁקֶעס הָאבִּין גִישְׁווִיגֶען אוּנ אָהן וֶוערְטֶער הָאבִּין זִיךְ אֵיינְצִיגֶע פֶערְזַאמֶעלְט אַרוּם לעאנארען, וָואס דָאס הָאט בֶּעוִויזֶען אַז זַייא פָאלְגִין אִיהר בְּרוּדֶער, בַּאלְד אִיז גִיוָואָרִין זַייעֶר צָאהל גָאר גְרוֹיס אוּנ נָאר עֶטְלִיכֶע מָאנַאשְׁקֶעס הָאבִּין זִיךְ אָבּ גִישְׁטֶעלְט נֶעבֶּען זַייעֶר עֶלְצְטֶע.

אַלְס ציסקא הָאט גִיזֶעהן וִויא דִיא עֶלְצְטֶע מָאנַאשְׁקֶע מִיט דִיא עֶטְלִיכֶע אִיהרֶע חַבֵר'טֶעס וִוילֶען נִישְׁט אִיבֶּער גֵיין צוּא זַיין שְׁוֶועסְטֶער, הָאט עֶר זַייא גִיהֵייסִין מִיט גְוַואלְד אַרַיין שְׁלֶעפִּין צוּרִיק אִין מאנאסטיר אוּם זַייא זָאלִין דָארְט וֶוערִין פַאר בְּרֶענְט מִיט דֶעם מאנאסטיר צוּא זַאמֶען. אוּנ בַּאלְד הָאבִּין זִיךְ פוּן דָארְט אַרוֹיס גֶעוִויזֶען דִיא פְלַאמֶען פַייעֶר וִויא שְׁוֶועבֶּענְדֶע בְּלִיטְצֶען אוּנ אִין אַשָׁעה אַרוּם אִיז גִיוָואָרִין פוּן דֶעם מאנאסטיר סאנקט-קאטהארינא אַהוֹיפֶען אַשׁ, עֶס הָאט זִיךְ פוּן אִיהם אָבּ גִישְׁטֶעלְט נָאר זַיינֶע שְׁוַוארְצֶע פַארְרוֹיכְטֶע וֶוענְד צוּם צֵייכֶען אוּנ צוּם עֵדוּת אוֹיף דִיא

אכזריות פון דעם מענטשין וויא גרוים עס איז ווען עס צוא ברענט זיך אן איהם רעכט זיין נקמה. —

נאך פאר דער שרפה האבין איטליש מיט מיכאל'ן פערלאזט דאס שרעקליכע ארט אונ זענען אהיים גינאנגען אבער מיט גאנץ בעטריבטע הערצער, דען זייא האבין אינסטינקטיווע געפיהלט אז דיא שרעקליכע נקמה פון דעם געגעראל וואס ער האט אב געטאהן אין דער שרעקליכער נאכט וועט ניט פאר שוויגען ווערין, אז דער פון וועט זיך אנהייבין אנאנצער קאך אין דעם געגענד אונ גאט ווייסט מיט וואס דאס קאנן זיך ענדיגען.

8.

## אויף קדוש השם!

אכט טאג איז איבער גינאנגען נאך דער בעגעבענהייט וואס מיר האבין בעשריבען אין זיבעטין קאפיטיל. אלע זיינען צוריק בערוהיגט גיווארין אין איטלישעס הויז אונ אבוואהל יעדער בעזונדער פון דעם הויז האט זיך גינוג גישראקין אלס ער האט זיך דער מאנט אן ציסקא'ס נקמה, דאך אלע צוא זאמען האבין זיך גיפלייסט דאס צוא פאר געסין, נאר איין מענטש האט יעצט געפעהלט אין דיזען הויז — דער דיענער ערנסט וועלכער האט דארט טרייא געדינט אונ מיט זיין חכמה אונ גבורה איז ער זייא גיוועזין צוא גרויסער הילף. איטליש האט איהם געוואלט בעלוינען פיר זיין טרייהייט אונ איהם געבין אשטעלע אין איינעם פון זיינע מסחרים; נאר דער יונגלינג האט עס ניט געוואלט, ווייל ער האט זיך ענטשלאסען צוא אריין טרעטין צוא ציסקא'ן אין מיליטער אונ צוא נעמען אחלק אין דער מלחמה געגען דיא קאטאליקען.

דער אבענד-מאלצייט האט זיך גיענדיגט אונ דיא גאנצע פאמיליע פון איטלישעס הויז זענען נאך גיזעסין אין דער עסס זאאל אונ גירעט פון פערשידענע זאכין, איז צוא זייא פלוצים אריין גיקומען דיא דינסט אונ זייא אנגעמעלדעט אז אפרעמדער מענטש איז אהער גיקומען אונ וויל זיך זעהן מיט דעם ווירטה. איטליש איז באלד אויף גישטאנען פון זיין ארט אונ איז אריין גינאנגען אין זיין צימער אין וועלכין ער האט גיהייסין אריין פיהרען דעם גאסט.

דיא איבעריגע הויזלייט האבין זיך שטארק גיוואונדערט דאס אפרעמדער זאל קומען ביי נאכט זיך זעהן מיט דעם ווירטה פון דעם הויז, נאר אזויא וויא זייא זענען שוין גיוואוינט גיוועזין פון לאנג צוא זעהן אהער קומען אורחים פון נאהנט אונ פון ווייט, צוא ריידען מיט דעם ה' איטליש איבער פערשידענע מסחרים, האבין זייא זיך דאריבער אויך יעצט ניט גישראקין, נאר אלס עס איז שוין אוועק אהיבשע צייט אונ דער ווירטה

הָאט זִיךְ נָאךְ נִיט אוּמְגֶעקֶעהְרְט צוּא זַייא, זֶענֶען זַייא אַלֶע גִינוּג עֶרְשְׁרָאקְן גִיוָוארִין אוּנ דָאס וָואס יֶעדֶער פוּן זַייא הָאט בַּייא זִיךְ גִיטְרַאכְט אִין הַארְץ הָאט עֶס דִיא וִוירְטְהִין רבקה אוֹיס גֶעשְׁפְּרָאכֶען מִיט דֶעם מויל. דֶען אִין יֶענֶער צַייט וַואר דִיא יוּדִישֶׁע לַאנְגֶע צְווִישֶׁען דִיא פֶעלְקֶער זַייעֶר שְׁלֶעכְט אוּנ שְׁלֶעכְטֶע נַאכְרִיכְטֶען פְלֶעגִין אַהֶער אִימֶער אָנְקוּמֶן פוּן וַוייטֶע עֶרְטֶער צוּא עֶרְשְׁרֶעקִין יֶעדֶעם יוּדִישֶׁעם הֶערְץ וואוּ עֶס גִיפִינְט זִיךְ, אוּמְזִיסְט הָאט זִיךְ מיכאל בֶּעמִיהֶעט צוּא בֶּערוּהִיגִין דִיא פְרוֹיעֶן, דֶען זַיין אֵייגֶען פָּנִים אִיז נִיט וֵוייגִיגֶער צוּא שְׁרָאקִין גִיוֶועזִין וִויא זַייעֶרִם אוּנ זַיין צִיטֶערְדִיגֶע שְׁטִימֶע הָאט אַרוֹיס גֶעווִיזֶען דֶעם שְׁטוּרֶעם פוּן זַיין הֶערְץ, עֶנְדְלִיךְ הָאט עֶר גִיפָּאלְגְט דָאס גִיבֶּעט פוּן זַיין שְׁוֶועסְטֶער אוּנ הָאט זִיךְ גִילָאזְט צוּא גֵיין צוּא איטלישעם צִימֶער אוּם צוּא זֶעהֶן וָואס עֶר טוּט דָארְט מִיט דֶעם גַאסְט, אָבֶער אִין דֶעם זֶעלְבֶּען אוֹיגֶען בְּלִיק הָאט זִיךְ גִיעֶפֶענְט דִיא טִיר אוּנ איטליש הָאט זִיךְ גֶעווִיזֶען אוֹיף דֶער שְׁוֶועל, אַלֶע הָאבִּין אָב גִישְׁטֶעלְט זַייעֶרֶע אוֹיגֶען אוֹיף אִיהם אוּנ זֶענֶען גִינוּג דֶער שְׁרָאקִין גִיוָוארִין אַלְס זַייא הָאבִּין דֶער זֶעהן זַיין בְּלַאס גֶעזִיכְט מִיט זַיינֶע רוֹיטְה=פֶערְוֵויינְטֶע אוֹיגֶען. מִיט גִיבֵּייגְטֶע פִּיס אִיז דֶער וִוירְטְה אַריין גִיגַאנְגֶען אִין זַאאַל אוּנ הָאט זִיךְ אַוֶועקְגִיזָעצְט אוֹיף זַיין שְׁטוּהל, זַיין גַאנְצֶער קֶערְפֶּער הָאט גִיצִיטֶערְט וִויא פוּן אַפִּיעֶבֶּער אוּנ אַשְׁטֶערְבְּלִיכֶער קְרֶעכְץ הָאט זִיךְ אַרוֹיס גֶערִיסִין פוּן זַיין הַארְץ אוּנ בַּאלְד הָאט עֶר זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט מִיט בֵּיידֶע הֶענְד דָאס גֶעזִיכְט אוּנ הָאט זִיךְ בִּיטֶער צוּא וֵויינְט. אַלֶע זֶענֶען אוֹיף גִישְׁפְּרוּנְגֶען פוּן זַייעֶרֶע עֶרְטֶער אוּנ הָאבִּין זִיךְ אוֹיס גִישְׁטֶעלְט אַרוּם דֶעם וֵויינֶענְדִיגֶען פַאמִילְיֶענְפַאטֶער אוּנ הָאבִּין גַאנְץ פַאר גֶעסִין אָן דֶעם אורח וֶועלְכֶער הָאט זִיךְ אָב גִישְׁטֶעלְט אוֹיף דֶער שְׁוֶועל פוּן דֶער טִיהר.

— אוּם גָאטֶעס נָאמֶען! הָאט רבקה אוֹיס גֶעשְׁרִיגֶען מִיט בִּיטֶערֶע טְרֶערִין צוּא אִיהר מַאנן, דֶערְצֶעהל אוּנְז וָואס דָא טוּהט זִיךְ!

— אָ, אַבִּיטֶערֶער אוּמְגְלִיק הָאט אוּנְז גִיטְרָאפִין! הָאט איטליש גִיקְלָאגְט, מַיין מויל בֶּעזִיצְט נִישְׁט אַזוֹיא פִיעל רֵייד אוּנ מַיינֶע אוֹיגֶען פֶּער=מָאגִין נִישְׁט אַזוֹיא פִיעל טְרֶערִין אוּם אִיךְ זָאל קֶענֶען אוֹיס דֶער צֶעהלֶען אוּנ בֶּעוֵויינֶען אוּנְזֶער בְּרָאךְ!... אִיךְ הָאבּ מִיךְ פִיעל בֶּעמִיהֶעט צוּא בֶּעהַאלְטִין פוּן אַייךְ אוּנ בֶּעזָאנְדֶערְס פוּן אוּנְזֶערֶע טַייעֶרֶע רחל'ן דָאס וָואס ר' צדוק, דֶער פָּארְשְׁטֶעהֶער פוּן דֶער יוּדִישֶׁער גֶעמֵיינְדֶע אִין וויען הָאט מִיר יֶעצְט דֶער צֶעהלְט... אָ, אוּמְגְלִיקְלִיכֶע רחל! מַאךְ הַארְט דַיין הַארְץ וִויא אַגְרַאנִיט אוּם עֶס זָאל נִישְׁט צוּא פְּלַאצְט וֶוערִין הֶערֶענְדִיג פוּן מִיר דֶעם בִּיטֶערִין אוּמְגְלִיק...

— אִיךְ? נָאךְ וָואס דַארְף אִיךְ עֶס? — הָאט רחל אוֹיס גֶעשְׁרִיגֶען מִיט אַבִּיטֶר גֶעוֵויין אוּנ הָאט פֶּערְבְּרָאכֶן מִיט דִי הֶענְד — אָ, מַיין הַארְץ, מַיין הַארְץ! עֶס זָאגְט מִיר אָן זַייעֶר אַשְׁלֶעכְטֶע נַאכְרִיכְט... מַיין פֶּעטֶער מִיט דֶער מוּמֶע

זָענֶען אוּמְגֶעבְּרַאכְט גִיוָואְרִין אִין דֶער תְּפִיסָה... אוּנ אִיךְ, אָ, וואו וָועל אִיךְ יֶעצְט אַהִין קוּמֶען ?!...

איטליש הָאט אִיהר דֶערוֹיף נָאר נִיט גִיעֶנְטפֶערְט, זָאנְדֶערִין עֶר הָאט אַרָאפּ גִילָאזְט דֶעם קָאפּף אוֹיף זַיינֶע בְּרוּסְט אוּנ הָאט שְׁטִיל גֶעווֵיינְט. מִיט אוֹיסְגֶעשְׁטַארְטֶע אוֹיגֶען אִיז רחל צוּא אִיהם צוּא גִינַאנְגֶען אוּנ הָאט זִיךְ צוּא אִיהם צוּא גִיבּוֹיגֶען אוּנ אִיהם אַרֵיין גִיקוּקְט טִיעף אִין גֶעזִיכְט, נָאךְ דֶעם הָאט זִיא צוּרִיק אָבּ גֶעטְרָאטֶען מִיט גֶעבֵּייגְטֶע פִּיס אוּנ הָאט זִיךְ אַנָוארְף גִיטָאהן אוֹיף אִיהר בְּרוּדֶערְס הַאלְז אוּנ אִיז אִין אָהנְמַאכְט גֶעבְּלִיבֶּען, דִיא וַוייבֶּער הָאבִּין זִיךְ פִיעל בֶּעמִיהֶעט בִּיז זֵייא הָאבִּין זִיא צוּרִיק אוֹיף גֶעמוּנְטֶערְט. רחל הָאט גִיעֶפִינְט דִיא אוֹיגֶען אוּנ הָאט גִיזָאגְט מִיט אַשְׁוַואכֶע שְׁטִימֶע: — אִיךְ וָועל מִיךְ בֶּעמִיהֶען צוּא זַאמְלֶען קְרֶעפְטִין אִיבֶּער צוּא טְרָאגִין מַיין שְׁרֶעקְלִיכֶען אוּמְגְלִיק... אוֹיבּ עֶס אִיז נָאר דָא אַרְפוּאָה צוּא דֶער בִּיטֶערֶער מַכָּה מִיט וָועלְכֶע נָאט הָאט מִיךְ גֶעפְּלָאגְט... אִיךְ וֶועל זִיא (דִיא רְפוּאָה) אָבֶּער נִישְׁט גֶעפִינֶען בִּיז אִיךְ וָועל אוֹיף רִיכְטִיג וִויסֶען דִיא אוֹיסְפִּיהְרְלִיכְקֵייטֶען פוּן זַייעֶר טוֹיט... דַארִיבֶּער בֶּעט דֶעם גַאסְט עֶר זָאל אוּנְז עֶרְצֶעהלֶען אַלֶעס וָואס עֶס הָאט מַיינֶע פְרַיינְד גֶעטְרָאפִין... פוּן אָנְפַאנְג בִּיז עֶנְדֶע.

אוֹיף אִיהרֶע רֵייד אִיז דֶער גַאסְט אַרֵיין גִיקוּמֶען גֶעהְנֶטֶער אִין שְׁטוּבּ אוּנ אַלְס דֶער וִוירְטְה הָאט אִיהם צוּא גֶעשָׁאקֶעלְט מִיטִין קָאפּף אַז עֶר ווִילִינְט אַיין דֶער צוּא הָאט עֶר אָן גֶעהוֹיבֶּען צוּא דֶער צֶעהלֶען:

„שׁוֹין פוּן עֶטְלִיכֶע טֶעג זָענֶען צוּא לָאזְט גִיוָוארִין בַּייא אוּנְז אִין ווִיעַן שְׁלֶעכְטֶע נַאכְרִיכְטֶען וֶועגִין דִיא גֶעפַאנְגֶענֶע, ר׳ ישראל איזראעלי מִיט זַיין גִיעֶהְרְטֶע פְרוֹיא; עֶס הָאט זִיךְ גֶעהֶערְט אַז דֶער פִירְשְׁט אִיז צוּא זֵייא נִיט אַזוֹיא גוּט ווִיא פְרִיעֶר, דֶען עֶר אִיז מְרוּצֶה גֶעוָוארִין צוּם פָארְטְרַאג פוּן זַיין גֵייסְטְלִיכֶען, וֶועלְכֶער נֶעמְט פוּן אִיהם אַרָאבּ דִיא עֲבֵירוֹת, עֶר זָאל אִיהם אִיבֶּער גֶעבִּין דִיא גֶעפַאנְגֶענֶע זֵייא צוּא פַּיינִיגֶען אַזוֹיא לַאנְג בִּיז זֵייא וֶועלִין זִיךְ מוֹדֶה זַיין אוֹיף זֵייעֶרֶע זִינְד, אוּנ אַשׁוֹידֶער הָאט אָנְגֶעהַאפְּט אַלֶע יוּדֶען פוּן עסטרייך, דֶען דָאס דַארְפְט אִיהר ווִיסֶען אַז דֶער בִּלְבּוּל וָואס מֶען הָאט אוֹיף זֵייא צְוֵויעַן אַרוֹיף גֶעלֵייגְט אִיז עֶס גֶעמֵיינְט אוֹיךְ אוֹיף אַלֶע יוּדֶען פוּן אוּנְזֶער מְדִינָה אוּם זֵייא אוּמְצוּבְּרֵיינְגֶען, אוּנ דַארִיבֶּער הָאבִּין מִיר אָן גֶעהוֹיבֶּען זוּכֶען עֵצוֹת ווִיא אַזוֹיא צוּא רֶעטֶען דִיא גִיפַאנְגֶענֶע פוּן דֶעם אוּמְגְלִיק וָועלְכֶעס רִיהרְט אָן אוּנְזֶערֶע אַלֶע בְּרִידֶער פוּן דֶעם לַאנְד — נָאר בַּאלְד אוֹיף דֶעם צְוֵוייטֶען טָאג שָׁבוּעוֹת בִּין אִיךְ פְּלוּצִים גֶערוּפֶען גֶעוָוארִין אִין דֶעם נָאמֶען פוּן דֶעם פִירְשְׁט אִין דֶעם גֶערִיכְטְס הויז פוּן דֶער אִינְקְווִיזִיצְיָאן. אִיךְ הָאבּ צְוַואר שׁוֹין גֶעווּאוּסְט אַז דָא אִיז נִישְׁט פְרֶעהלִיךְ מִיט מִיר, אוּנ מַיין פְרוֹיא הָאט מִיךְ בֶּעשְׁוָוארֶען אִיךְ זָאל דִיא מִינוּט אַנְטְלוֹיפֶען קֵיין אוֹיסְלַאנְד; נָאר וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעווּאוּסְט אַז קוּים טוּא

אִיךְ דָאס מַאךְ אִיךְ דֶער מִיט אוּמְגְלִיקְלִיךְ מַיין גַאנְצֶע גֶעמֵיינְדֶע, ווַייל אִיךְ בִּין דָאךְ זֵייעֶר פָארְשְׁטֶעהֶער (פַּרְנָס), בִּין אִיךְ אַלְזָא אַהִין אַוֶועק גִינַאנְגֶען צוּא דֶער בֶּעשְׂטִימְטֶער צַייט, קוֹים הָאבִּין מַיינֶע פִּיס בֶּעטְרָאטֶען דִיא שְׁוֶועל פוּן דֶעם שְׁרֶעקְלִיכֶען הויז הָאט מֶען מִיךְ שׁוֹין גֶעחַאפְּט בַּייא דֶער הַאנְד אוּנ מִיךְ אַרַיין גֶעפִיהְרְט אִין דֶעם גֶערִיכְטְסְהויז אִין וֶועלְכֶען עֶס זֶענֶען שׁוֹין גֶעוֶועזֶען אַסַךְ מָאנַאכֶען מִיט דֶעם פִּירְשְׁט אלברעכט. בַּייא מַיין אַרַיין קוּמֶען הָאט דֶער פִּירְשְׁט גֶעגֶעבֶּען אַצֵייכֶען אוּנ צְוֵוייא מָאנַאכֶען זֶענֶען אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען פוּן דֶעם הויז אוּנ נָאךְ עֶטְלִיכֶע מִינוּטֶען הָאבִּין זֵייא אַרַיין גֶעבְּרַאכְט דִיא צְוֵוייא גֶעפַאנְגֶענֶע, אִיךְ הָאבּ אוֹיף זֵייא אַקוּק גֶעטָאהן אוּנ בִּין גֶעשְׁטָארְבֶּען גֶעוָוארֶען מִיט אַלֶע אֵבָרִים פַאר שְׁרֶעק, דֶען אִיךְ הָאבּ גוּט גִיקֶענְט דִיזֶען גִיעֶהרְטֶען מַאנְן ר׳ ישראל נָאךְ פוּן דִיא אַלְטֶע גוּטֶע צַייטֶען אוּנ אַךְ! וִויא אָבּ גֶעפַאלֶען עֶס אִיז יֶעצְט גֶעוָוארִין זַיין גִיעֶהרְטֶעס גֶעזִיכְט אוּנ וִויא פַאר עֶנְדֶערְט עֶס הָאט זִיךְ פוּן צָרוֹת אוּנ טְרוֹיעֶר!...
אִיךְ בִּין שְׁטַארְק פֶערְווִירְט גֶעוָוארִין אוּנ הָאבּ אִיהם כִּמְעַט נִיט דֶער קֶענְט...
נָאר נָאךְ וָואס זָאל אִיךְ נָאךְ פַאר גְרֶעסֶערִין אַייעֶר טְרוֹיעֶר מִיט אַסַךְ רֵייד?...
אִיךְ וֶועל אַייךְ לִיבֶּערְכְט עֶרְצֶעהלֶען אַזוֹיא וִויא עֶס אִיז גֶעשֶׁעהֶען...

„אַלְס מֶען הָאט צוּא אוּנְז אַרַיין גֶעבְּרַאכְט דִיא גֶעפַאנְגֶענֶע אִיז אוֹיף גֶעשְׁטַאנֶען דֶער גַייסְטְלִיכֶער פוּן דֶעם פִּירְשְׁט אוּנ הָאט גֶעלֵייעֶנְט פַאר דִיא פֶערְשׁוּלְדִיגְטֶע דֶעם פְּרָאטָאקָאל פוּן דֶעם שְׁרֶעקְלִיכֶען בִּלְבּוּל. אַלְס עֶר הָאט גִיעֶנְדִיגְט הָאט דֶער פִּירְשְׁט גֶעפְרֶעגְט ר׳ ישראל׳ן אוֹיבּ עֶר אִיז מוֹדֶה אַז דָאס אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט לֶעזֶען אִיז אֱמֶת, אוּנ אַלְס דִיזֶער הָאט גִיעֶנְטְפֶערְט מִיט אַהוֹיכֶער, פֶעסְטֶער שְׁטִימֶע אַז עֶס אִיז דוּרְךְ אוֹיס פַאלְשׁ, הָאט אִיהם דֶער פִּירְשְׁט גֶעדְרָאהֶעט (גֶעסְטְרַאשֶׁעט) אַז עֶר וֶועט הַייסֶען מֶען זָאל אִיהם פַּיינִיגֶען בִּיז דִיא נְשָׁמָה וֶועט פוּן אִיהם אַרוֹיס אוֹיבּ עֶר וֶועט בְּלַייבֶען בַּייא זַיין עַקְשָׁנוּת, אָבֶּער אוֹיךְ אִין דֶעם אִיצְטִיגֶען מָאל הָאט זִיךְ ר׳ ישראל נִיט גֶעשְׁרָאקֶען אוּנ הָאט גִיעֶנְטְפֶערְט גַאנְץ רוּהִיג: מִיר זֶענֶען דָאךְ אִין אַייעֶרֶע הֶענְד, אִיהר קֶענְט מִיט אוּנְז טָאהן וָואס אִיהר ווִילְט, שִׁינְדֶעט אָבּ לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייד אוּנְזֶער הוֹיט פוּן דֶעם לַייבּ, פְּלַאגְט אוּנְז בִּיז אִין טוֹיט אַרַיין נָאר הָאפְט נִישְׁט אַז מִיר זָאלֶען זִיךְ מוֹדֶה זַיין אוֹיף דֶער זִינְד, פוּן וֶועלְכֶער מִיר פִיהלֶען אוּנְז גָאר רֵיין. אַזַא פַאלְשֶׁע וִידוּי וֶועלִין מִיר קֵיין מָאל נִישְׁט אוֹיס שְׁפְּרֶעכֶען, כָּל זְמַן מִיר ווֶעלֶען לֶעבֶּען!

— אִיבֶּער דַיין עַקְשָׁנוּת וֶועסְט דוּא הַארְט בֶּעשְׁטְרָאפְט וֶוערֶען — הָאט דֶער פִּירְשְׁט צוּא אִיהם מִיט צָארִין גֶעזָאגְט — אוּנ דִיךְ צדוק, הָאט עֶר זִיךְ צוּא מִיר גֶעוֶוענְדֶעט, הָאבּ אִיךְ אַהֶער גֶערוּפֶען כְּדֵי דוּא זָאלְסְט זֶעהֶען מִיט דַיינֶע אוֹיגֶען דִיא שְׁמֶערְצֶען פוּן דַיינֶע גְלוֹיבֶּענְסְגֶענָאסֶען אוּנ זָאלְסְט

ווִיסֶען אַז אוֹיךְ דַיין סוֹף וָועט נִישְׁט זַיין קַיין בֶּעסֶערֶער וֶוענן דוּא וֶועסְט נִישְׁט מוֹדֶה זַיין אוֹיף דֶער שְׁרֶעקְלִיכֶער זִינְד וָואס אִיהר זֶענְט אַלֶע בֶּעגַאנְגֶען נֶעגֶען אוּנְזֶער גָאט אוּנ דוּרְךְ אַייָער פַאנַאטִיזְמוּז מִיט אַייֶערֶע שְׁלֶעכְטֶע הֶערְצֶער.

אַיין שְׁמֵייכֶעל הָאט זִיךְ בֶּעוִויזֶען אוֹיף אַלֶע נַייסְטְלִיכֶע הֶערֶענְדִיג דִיא לֶעצְטֶע וָוערְטֶער פוּן דֶעם פִּירְשְׁט, נָאר אֵיינֶעם פוּן זֵייא אִיז דָאס נִישְׁט גֶעפֶעלֶען אוּנ הָאט זִיךְ אַרוֹיס גֶעשְׁטֶעלְט פַאר אַיין פֶערְטֵהיידִיגֶער פַאר דִיא גֶעפַאנְגֶענֶע, דִיזֶער אִיז גְרַאדֶע גֶעוֶועזֶען דֶער גְרָאסְאִינְקְוִיזִיטָאר אַלֵיין, וֶועלְכֶער הָאט צְוַואר נִיט לִיבּ גֶעהַאט קַיין יוּדֶען דָאךְ הָאט עֶר נִיט גֶעקֶענְט גְלוֹיבֶּען אוֹיף דִיא גֶעפַאנְגֶענֶע אַז זֵייא זָאלֶען הָאבֶּען בֶּעגַאנְגֶען דִיא זִינְד מִיט וֶועלְכֶע מֶען הָאט זֵייא בֶּעשׁוּלְדִיגְט. מִיט ווַייכֶע אוּנ גֶעלַאסֶענֶע רֵייד הָאט עֶר אוֹיף גֶעוִויזֶען דֶעם פִּירְשְׁט אַז עֶס אִיז נָאךְ נִישְׁט אַרוֹיס גֶעוִויזֶען אוֹיף קְלָאר דִיא זִינְד פוּן דִיא גֶעפַאנְגֶענֶע וֶועלְכֶע הַאלְטֶען זִיךְ פֶעסְט בַּייא זֵייעֶר אוּנְשׁוּלְד, דֶען זֵייא זָאגֶען אַז דֶער כְּלְבּוּל אִיז אוֹיף זֵייא נָאר אַרוֹיף גֶעלֵייגְט דוּרְךְ דֶעם מָאנַאךְ אִיגְנַאצִיוּס, עֶר הָאט זִיךְ אָן זֵייא פָּשׁוּט גֶעוָואלְט נוֹקֵם זַיין וַוייל זֵייא הָאבֶּען אִיהם אָבּ גֶעטְרִיבֶּען פוּן זֵייעֶר פְּלִימֶענִיצֶע וֶועלְכֶע עֶר הָאט גֶעוָואלְט פֶערְפִיהרֶען אִין זַיין נֶעץ... אוּנ זַיינֶע רֵייד הָאבִּין כִּמְעַט שׁוֹין גֶעוִוירְקְט אוֹיף דֶעם פִּירְשְׁט, צוּא הֵייסֶען אָבּ לֵייגֶען דֶעם מִשְׁפָּט אוֹיף אַיין אַנְדֶער צַייט, נָאר פְּלוּצִים אִיז אַרַיין גֶעקוּמֶען אֵיינֶער פוּן דִיא דִינֶער אוּנ הָאט אָן גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז אַהֶער אָן גֶעקוּמֶען אַרֵייטֶער פוּן אַיין וַוייטֶען וֶועג, עֶר הֵייסְט קִילִיאַן אוּנ אִיז אַיין דִינֶער פוּן דֶעם מאנאסטיר ס"ט קאטהארינא אִין פראג, אוּנ בֶּעט יֶעצְט מֶען זָאל אִיהם צוּא לָאזֶען צוּם פִּירְשְׁט דֶען עֶר הָאט אִיהם אִיבֶּער צוּא גֶעבֶּען אַיין וִויכְטִיגֶע זַאךְ, אוֹיף דֶעם בַּאפֶעהל פוּן דֶעם פִּירְשְׁט אִיז דֶער רַייטֶער גְלַייךְ אַרַיין גֶעקוּמֶען אִין דֶעם גֶערִיכְטְס הוֹיז, — אוּנ אִיהר דַארְפְט דָאךְ מִסְתָּמָא שׁוֹין אַלֵיין פֶערְשְׁטֶעהֶן וָואס פַאר אַיין נַייעֶס עֶר הָאט אִיבֶּער גֶעגֶעבִּין דֶעם פִּירְשְׁט. 32 שָׁעָה הָאט עֶר גֶערִיטֶען אוֹיף זַיין פֶערְד אוּנ זִיךְ גֶעאַיילְט גִיכֶער אָן צוּא קוּמֶען קַיין ווִיעֶן אוּם צוּא דֶער צֵיילֶען דֶעם פִּירְשְׁט דֶעם סוֹף פוּן דִיא צְוֵייא מָאנַאכֶען, אִיגְנַאצִיוּס מִיט סִיקְסְטוּס, אָבֶּער דָאס וָואס זֵייא הָאבֶּען אַוֶועק גֶערוֹיבְּט צְוֵייא יוּדִישֶׁע מֵיידְלִיךְ הָאט עֶר נִיט דֶער צֵיילְט, נָאר דָאס הָאט עֶר יַא גֶעזָאגְט: אַז צְוֵייא יוּדֶען פוּן פראג, איטליש אוּנ מיכאל איזראעלי הָאבִּין אַזוֹיא לַאנְג גֶעלוֹיעֶרְט נָאךְ דִיא טְרִיט פוּן דִיא צְוֵייא מָאנַאכֶען בִּיז זֵייא הָאבִּין זֵייא גֶעחַאפְּט אוּנ זֵייא אִיבֶּער גֶעגֶעבִּין צוּא דִיא הוּסִיטֶען אִין דִיא הֶענְד אוּנ דִיזֶע הָאבֶּען זֵייא גֶעפַּיינִיגְט אַזוֹיא לַאנְג בִּיז זֵייעֶרֶע נְשָׁמוֹת זֶענֶען זֵיי אוֹיס גֶעגַאנְגֶען אוּנ זֶענֶען אַלְזָא גֶעשְׁטָארְבֶּען מִיט אַיין הֶעכְסְט שְׁרֶעקְלִיכֶען טוֹיט. קוֹים הָאט דֶער רַייטֶער גִיעֶנְדִיגְט, אִיז גֶעוָוארֶען אִין זַאל אַיין שְׁרֶעקְלִיךְ גֶעשְׁרֵייא: „נְקָמָה!" דֶער פִּירְשְׁט אִיז אוֹיף גֶעשְׁפְּרוּנְגֶען פוּן זַיין אָרְט וִויא עֶס וָואלְט

איהם איין בים טאהן איין שלאנג, זיין געזיכט איז געווארען רויטה וויא פייער, דיא ליפען האבין זיך באדעקט מיט איין שוים פון צארין ער האט אלעמען איין געשטילט אונ האט אויס גערופען אויף דער שטעל דעם פסק פון דעם משפט אויף דיא אומגליקליכע געפאנגענע:

— אט דאס זאל זיין מיין משפט אויף דיא געפאנגענע, צערבייסט אונ צוא פליקט זייא נאר אהן שום רחמנות! אונ קודם כל זאל מען אהער געשווינד ברייננען דיא שטראף מאטריאלעי!

זיין באפעהל איז גלייך ערפילט געווארען אונ איין מאסע דינער מיט שטראף מאטריאלען זענען באלד אן געקומען אין דעם געריכטס הויז, דיא שטראף מאטריאלען זענען געוועזין פערשידענע פערדערב=געציינ וואס דיא מענטשען האבין אויס געדענקט אום צוא פערוואנדלען דיא וועלט אויף איין העללע, נאר איין קוק טאן אויף זייא האט מען שוין גיקענט שטארבין, נאר דיא לייט וואס זיטצען אין איין אינקוויזיציאנס געריכט האבין פון זיך אויף אייבינ פערטריבען דעם מיטלייד, נאך איין מאל האט דער פירשט ניפרעגט דיא געפאנגענע אויב זייא ווילען זיך מודה זיין אונ אלס זייא האבין דאס ניט געוואלט, האבין דיא דינער זייא איין חאפ געטאהן — אונ דער שרעקליכער פסק פון דעם משפט האט זיך אן געהויבען.

דער ערצעהלער איז פלוצים שטיל געבליבין; דיא טרערין פון זיינע אויגען האבען וויא איין שטראם געפלאסען אויף זיינע מאגערע געקנייטשטע באקען אונ זיין גאנצער קערפער האט געציטערט דער מאגענדיג זיך אן דער שרעקליכער סצענע וואס זיינע אייגענע אויגען האבען צוא געזעהן, ענדליך האט ער צוא זאמען גענומען זיינע לעצטע כוחות אונ האט זיך אב גערופען צוא דיא הויז לייט:

„איך בעט אייך טוט מיר צוא ליב אונ פערלאנגט ניט פון מיר איך זאל אייך אויס פיהרליך ערצעהלען וואס איך האב דארט צוא געזעהן! דען איך גייא אויס פאר שמערצען ווען איך דער מאן מיך אן דעם אלעם, איך בין גאר ניט אום שטאנד צוא איבער געבען אייך וואס דיא אומגליקליכע האבין געליטין אלס מען האט געריסין זייער פלייש מיט גליהענדע צוואנגען, אונ וויא זייערע ביינער זענען צוא שאטין געווארין אויף פיצליך אונ דיא יסורים וואס זייא האבין דער בייא געליטין ביז זייערע נשמות זענען אויס געגאנגען, נאר דאס קענט איהר אויף ריכטיג וויסען, אז ביז אין דער לעצטער מינוט זענען זייא געבליבען טרייא זייער גלויבין, אויף אלע שאלות פון זייערע בעצווינגער זענען זייא אלץ געבליבין בייא דעם אמת אונ איהם ניט פערלאזט ביז אין טויט, — אונ אלס דיא ראד האט זיך דעם לעצטען מאל איבער געדרעהט אויף זייערע לייבער, האבין זייא ביידע מיט איין שטימע אויס געשריען: שמע ישראל ה׳ אלהינו ה׳ אחד! אונ בייא דעם

לעצטען ווארט „אחד״ זענען ארויס דיא נשמות פון זייערע צוא בראכענע, צוא קלאפטע, צוא שטויסענע אונ צוא מאלטע קערפערן״. — — —

נאך אמאל האט דער גאסט איבער געריסין זיין ערצעהלונג, דען דער טרויער האט זיך אויף איהם זייער געשטארקט, אונ דער יאמער מיט דיא קלאנגערייא פון דיא הויז לייט האבין פערטויבט זיינע לעצטע ווערטער, אונ אלס ער איז שטיל געבליבין האבין אלע ארויס געפלאצט מיט איין ביטער געוויין.

ה׳ איטליש וועלכער האט זיך פריער פון אלע געשטארקט אונ געקומען צוא זיינע געדאנקען, האט געבעטין דעם גאסט ער זאל ווייטער ערצעהלען אונ דיזער האט איהם געפאלגט.

„איך וויל מיך נאר ניט פרווען אייך פאר צו שטעלען אין וועלכער לאגע איך האב מיך דאנן געפונען, דען דאס איז זייער שווער פאר מיר, איך בין דאנן אוים שרעק אונ צוא טומלונג געבליבען שטעהן וויא א סטאטוע וועלכע קאנן זיך ניט ריהרען פון ארט, פלוצים האב איך דער הערט מיין נאמען אוים רופען אונ בין פערציטערט געווארען מיט אלע אברים, — דאס האט מיך גערופען דער פירשט אליין אונ האט זיך צוא מיר געווענדעט מיט אשטרענגען טאן:

— נא, האסט דוא גיזעהען, צדוק? אזא סוף וועט טרעפין אויך דיך מיט דייגע אלע פערזינדיגטע יודען, וועלכע זענען מיט דיר געוועזין פערמישט אין דעם פאר ברעכען, נאר דער מיט אליין ווערט נאך נישט פערצייהעט דאס בלוט פון דיא צוויא היילינגע מאנאכען, דערויף מוז נאך פערגאסען ווערין דאס בלוט פון אלע יודען וועלכע געפינען זיך אין מיין גאנצער מדינה, היינטיגען טאג ביזט דוא נאך פרייא; איך טוא צוא ליב דעם גראס אינקוויזיטאר וועלכער האט מיך געבעטין איך זאל דיך אהיים לאזען אום דוא זאלסט דיך זעהן אינ׳ם לעצטען מאל מיט דיין פאמיליע איידער דוא וועסט שטארבען, אבער וועה צוא דיר, יוד, אויב דוא וועסט זיך אונטער שטעלין צוא אנטלויפען! דען דיא נאכיאגער וועלין דיך ארויס שלעפין אפילו פון אונטער דער ערד, וועסט אריין פאלען אין זייערע הענד נאך איידער דוא וועסט אריבער שפאנען דעם גרענעץ אונ דאנן וועסט דוא שטארבען מיט אנידערטרעכטיגען טויט וועלכער וועט פיעל שרעקליכער זיין פון דעם טויט וואס דוא האסט ערשט צוא געזעהן.

„מיט אביטער הארץ אונ מיט געביינגטע פיס האב איך פערלאזט דאס שרעקליכע ארט אונ האב מיך אומגעקעהרט אהיים, זעהר פיל האט מיך מיין פרויא געבעטין איך זאל אנטלויפען אונ איך האב איהר ניט געוואלט פאלגען, נישט ווייל איך האב מיך געשראקען פאר דעם פירשט — דען סייא וויא סייא האב איך געדארפט שטארבען דורך זיין באפעהל; נאר מיין

הארין האט ניט דער לאזט צוא אוועק ווארפען מיין געמיינדע אין אזא ביטערין נויטה אונ נאך ארויף צוא ברייננגען מיט מיין פלוכט אויף זייא מעהר דעם צארין פון דעם פירשט, ענדליך האבין מיך מיינע הויז לייט איבער גירעט צום אנטלויפען, דען איך האב ניט גיקענט בייא שטיין געגען זייערע פילע טרערין אונ גיבעט, איך האב בייא זיך פערזאמעלט דיא חשוב'סטע בעלי בתים פון מיין געמיינדע, האב זייא אלעס ערצעהלט וואס עס האט מיך געטראפען אונ צוא גלייך דאס גרויסע אומגליק וואס עס ווארט אויף אלע אונזערע עסטרייכישע יודען ווען מיר וועלין אונז בעצייטענס נישט רעטען מיט דעם אנטלויפען, אונ אלזא האבען מיר זיך אלע ענטשלאסען צוא אנטלויפין אונ האבין גירעכינט אז דעם פירשט'ס רעכטער צארין ליגט נאר אויף אונז, דיא פארשטעהער פון דיא וויענער יודען אונ קוים וועלין מיר זיך ניט מעהר געפינען אין זיין לאנד וועט שוין געשטילט ווערין זיין צארין, ווען אבער מיר זאלין געווען פריער וויסען וואס עס וועט שפעטער זיין, דאן וואלט קיינער פון אונז זיך גערירט פון זיין ארט אונ אזויא וויא מיר זענען געשטאנען ביז הער אין דער שפיצע פון אונזערע ברידער, אזויא וואלטין מיר פאר זייא געפאלין אויף דעם מזבח פון טויט אונ וואלטין פאר זייא גיוועזן צום מוסטער מיט אונזערע קרבנות פאר אונזער גלויבען אונ פאר אונזער פאלק, אזויא וויא עס פירט זיך פון תמיד אן בייא יודען, יא, מיר האבין געמיינט אז מיט אונזער אנטלויפין וועט אונזער מאסע געראטעט ווערין פון טויט, זיא וועט נאר גערויבט ווערין פון איהר פאר מעגען אונ ניט מעהר, נאר ניט אזויא האט זיך עס גיענדיגט! דען אלע יודען פון וויען זענען אוים גיהרגת געווארין! אלע זענען אומגעקומען אויף קדוש השם!

„אין מיין הויז האט געדינט איין קריסטליכע דינסט, זיא האט געהאט איין ברודער מיט וועלכען איך האב אמאל גוטס געטאהן אין זיין נויטה, ער האט מיר דיא טובה ניט פאר געסין אונ האט מיר יעצט אב געדינט בייא מיין אנטלייפין, ער האט זיך אין דער נאכט גישטעלט צווישין דער וואך פון דיא וועכטער ביים שטעדטישען טויער, צוא צפון זייט אונ מיט דער עצה פון זיין שוועסטער האט ער אן געשיכורט זיינע קאמעראדען אונ האט זייא אלע פערשלעפערט, אונ מיר זענען דער ווייל אלע ארוים געגאנגען פון דער שטאט, איך, מיין פאמיליע מיט מיינע דרייא חברים, דיא פארשטייער פון אונזער געמיינדע. קוים זענען מיר ארוים פון דער שטאט, האבין מיר זיך באלד געזעצט אויף דיא פוהרען וואס מיין טרייע דינסט האט אונז צוא געגרייט אונ ווייל זיא וואר אונז זייער טרייא אונ אונז שטארק געליבט האט זיא אונז ניט געוואלט פערלאזען אונ איז אויך מיט אונז אנטלאפין געווארין. מיר זענען געפאהרען גענוג האסטיג אזויא אז אויפין אנדערין טאג נאך דער מיטטאגסשטונדע זענען מיר שוין אריבער דעם גרענעץ, דארט

האבין מיר זיך אויס גערוהעט ביז אין אבענד, ביז עס וועלין אונז דער יאגין דיא איבעריגע אנטלאפענע יודען כדי מיר זאלין זייא מיט נעמען קיין פראג, ווייל אזויא האבין מיר אב גירעט אין דער היים. עס האט אן געטרעטין דיא נאכט אויף וועלכע מיר האבין ארויס געקוקט מיט זיבען אויגין, עס זענען צוא אונז צוואר אן געקומען עטליכע יודישע פאמיליען; נאר קוים האבין מיר איין קוק געטאהן אויף זייא זענען מיר שיער ניט געשטארבין פאר שרעק; זייערע אב געפאלענע אונ פערפינצטערטע געזיכטער האבין אונז גיזאגט שוין פאר אויס אז זייא האבין מיט זיך ניט גיבראכט קיין גוטע נייעס פון אונזערע איבריגע ברידער אין וויען, פון זייערע רייד האבין מיר זיך דער וואוסט, צוא אונזער טיפען אומגליק, אז דיא אלע שרעק וואס איך האב בייא געוואהנט אין דעם געריכטס הויז פון דער אינקוויזיציע איז עס קיין טויזענד חלק ניט פון דיא נייע צרות וואס זענען דארט יעצט גישעהן.

— דער מארגענשטערין האט נאר ערשיינט, נאך איידער עס איז רעכט טאג געווארין — האבין זייא אונז דערצעהלט — האבען זיך שוין צולאזט דיא נאטשאלסטווא פון דעם פירשט מיט פיל בעוואפענטע קנעכט אונטער דיא לייטונג פון דיא גייסטליכע אונ מאנאכען אונ זיינען בעפאלען דיא יודישע הייזער פון וויען אונ האבען ארויס געשלעפט פון דיא בעטען דיא פערשלאפענע מענער, ווייבער אונ קינדער. דיא ערשטע צווייא האט מען פערשמידעט אין קייטען, אונ ווער פון זייא עס האט זיך געשטעלט אנטקעגין האט מען איהם אויף דער שטעל אפ געהאקט דעם קאפ, אונ דיא קינדער האט מען מיט געוואלד אויס געריסען פון דיא עלטערינס שוים, פון דיא מוטערס ברוסט אונ זייא אריינגענומען אין דעם מאנאסטיר אום צוא ערציהען זייא דארט פאר קריסטען. אלס מען האט שוין אלע יודען אויס געבונדען אונ פערקאוועט אין קייטען האט מען זייא אוועק געפירט צוא דעם ארט וואו אלע געפאנגענע פון דער אינקוויזיציאן געפינען זיך, דארט האט מען זייא אווארף געטאן וויא דיא געבונדענע שאף צוא דער שחיטה אונ אמענגע גייסטליכע מיט בעוואפענטע מיליטער האבען זייא ארום גענומען פון אלע זייטען. דאן איז צוא זייא צוגעגאנגען דעם פירשטס גייסטליכער אנגעקליידעט אין זיינע גייסטליכע קליידער, מיט שטראהלענדע בליקען פון נצחון אונ מיט אלע שמחות פון אשמייכלער האט ער געקוקט אויף דיא אומגליקליכע געפאנגענע אונ זייא אנגעהויבען צוא דער צעהלען מיט זיין שמייכלענדיג מויל אז עס איז דער ווילען פאר דעם פירשט זייער זינד דער מיט וואס זייא האבען געשפעט פון גאטעס היילינקייט אונ דיא זינד וועט זייא דאס לעבען קאסטען; נאך אין דעם זעלבען טאג וועלען זייא אומקומען אויף דעם שייטער הויף (אפלאטץ וואו דיא אינקוויזיציאן פלעגט אומברייגגען איהרע קרבנות) אונ נאר דיא יעניגע

וואס וועלין אפטרעטען פון זייער גלויבען וועלין לעבען בלייבען. ער האט נאך ניט גיענדיגט זיין רעדע איז מיט אמאהל ערהערט געווארען אביטטער געוויין פון דיא אלע יודען; זייא האבען פערצווייפעלטערהייד זיך געווארפין צוא זיינע פיס אונ איהם גיבעטין ער זאל זייא ניט אומברייגגען דען זייא זיינען אלע ריין פון דער זינד, נאר דער טיראנישער גייסטליכער, וועלכער נאר ער איז שולדיג אין אונזער אונגליק, דען זיינע רייד זיינען ביים פירשט וויא איין אראקעל (אורים ותומים) אונ ער האט דעם פירשט אנגעהעצט אויף זיינע פערהאסטע יודען, — אט דיזער גייסטליכער וועלכער הייליגט, רייניגט אונ נעמט אראפ פון דעם פירשט זיינע זינד האט ער יעצט פון דיא יודען ניט געוואלט אראפ נעמען דיא אויסגעטראכטע זינד אונ האט ניט גיפאלגט זייער געבעט מיט דיא ביטערע טרערען, אומגעגענטהייל: זייערע טרערען זיינען ביי איהם גיוועזען נאר זיס וויא צוקער אונ זייער יאמער האט ערקוויקט זיינע אויערין. מיט אשמייכעל אויף זיינע ליפען האט ער זייא ווידערהאלט עטליכע מאהל אז פאר זייא שטעהט צווייא וועגין: ענטוועדער צוא אומקומען אויף דעם שייטער הויף, אדער צוא פערבייטען זייער גלויבען. נאר געצעהלטע עטליכע נפשות האבען אן גענומען דעם צווייטען פלאן, דען פון 308 יודישע פאמיליען פון וויען האבען זיך נאר אכט פאמיליען פערפליכטעט צוא פאלגין זיין צווייטען פלאן, אבער אויך זייא האבין ניט טרייא געשווארען צוא דער גייער אמונה, זייא האבען איהם נאר געוואלט אפ נארען ער זאל פון זייא אראפ נעמען דיא קייטען — אונ באלד אויף דער שטעל האט מען זייא בעפרייט פון דיא קייטען אונ דיא איבעריגע אכט הונדערט פאמיליען האט מען אריין געווארפען אין אפינסטערע הייל. דיא אכט פאמיליען האט מען באלד אריין געפיהרט אין דעם מאנאסטיר פון דיא דאמיניקאנער — דארט זיינען זייא געוואר געווארען אז מען וועט זייא אפ פיהרען מיט מיליטער קיין קרעמס צוא דער טויפע. קוים האבען זייא דאס דער הערט האבען זייא זיך געשראקען פילייכט וועלען זייא אויף אזא אופן שוין ניט קענען אנטלויפען אונ זיינען שוין געוועזען גרייט צוא אויך אומקומען אויף קדוש השם גלייך מיט זייערע איבעריגע ברידער, נאר גאט האט זיך ערבארעמט אויף דעם רעסט פון אונזער געמיינדע אונ האט געמאכט אז בלשאצר, דער ברודער פון מיין דינסט זאל זיין דער פיהרער פון דעם מיליטער וועלכעס וועט זייא אפ פיהרען קיין קרעמס, אונ ווייל ער האט מורא געהאט מען זאל זיך ניט דער וויסען פון זיין פלאן האט ער זיך ענטשלאסען צוא אנטלויפען מיט זייא קיין בעהמען, אונ דאריבער האט ער זיך סאנגלאסעט בייא זייא צוא נעהמען געלד. אונ אלס ער איז אנגעקומען מיט זיין מיליטער אין אשענק הויז האט ער זייא אויך דאס מאהל גוט פערשכורט אונ ווען זייא זיינען אנשלאפען געווארען איז

ער אנטלאפין מיט דיא אכט פאמיליען צוא דעם ארט וואו מיר זיינען געלאפען. פון דעם זעלבין בלשאצר'ן האבען מיר זיך דערוואוסט צוא אונזערע גרויסע שמערצען אז נאך אין דעם זעלבען טאג (אסרו חג פון שבועות) האט דער פירשט געלאזט אומברייננגען אין וויען דיא דרייא הונדערט יודישע פאמיליען, אלע זיינען אויף דעם פייער פארברענט געווארען אויף קדוש השם אונ קיין איינער פון זייא האט ניט געוואלט אבטרעטען פון אונזער גלויבען אום זיך צוא רעטען פון דעם פלאם. זייער גאנץ פארמעגען האט דיא קרוין קאנפעסקירט אונ עס זיך צוא גענומען, ווארום טאקע נאר צוליב דעם אליין איז דער פירשט אלברעכט מרוצה געווארען צוא זיינע גייסטליכע צוא מאכען אתל פון דער וויענער יודישער געמיינדע, ווייל ער האט זיך שטארק גענעטהיגט אין געלד אום צוא פערשאפען זיך אגרויסע ארמיע חיל אונ ארויס גיין צוא הילף זיין שווער דעם קיסער זיגיסמונד, וועלכער האט פערפיהרט אמלחמה מיט דיא הוסיטען, וועלכע האבען אן איהם מורד געוועזין. אונ ווייל דאס פארמעגען פון דיא וויענער יודען איז פאר איהם צוא ווייניג געוועזין, האט ער אויך ארויס געטריבען דיא יודען פון זיין גאנצער מדינה אונ צוא גענומען זייער גוטץ. ער האט נאך ארויס גיגעבין אבעפעהל אז פון הייגט אן אונ ווייטער זאל זיך ניט געפינען קיין איינציגער יוד אין גאנץ עסטרייך, אונ ווען מען וועט אזעלכען טרעפען זאל ער אומקומען אויף דער שטעל... אונ אט אזויא זיינען מיר גאנץ אפ געטריבען געווארין פון אונזער געבורטס לאנד אויף תמיד, אונזער פארמעגין האט מען אוועק גערויבט אונ פיל פון אונזערע טהייערע ברידער אונ שוועסטערין זיינען אומגעקומען אויף קדוש השם... אין וועג האבען זיך צוא אונז פערזאמעלט אגרויסער עולם יודען וועלכע מען האט ארויס געטריבען פון אנדערע שטעט אונ זיינען קוים מיט דעם לעבין אנטלאפען אונ אלע צוזאמען האבין מיר זיך אהער אוועק געלאזט, מיט דעם האפנונג אז אונזערע טהייערע ברידער פון פראג וועלין זיך אויף אונז ערבארמען".

אזויא האט דער גאסט גיענדיגט זיין ערצעהלונג אונ האט אם ענדע זיך ביטער צוא וויינט; אויך אלע הויז לייט האבין זיך ניט גיקאנט אויף האלטען פון געוויין אונ אלע צוא זאמען האבען בעוויינט דעם ביטערין אומגליק פון זייערע גלויבענסגענאסען וועלכע זיינען געווארין פערטריבען פון זייערע ערטער, גערויבט פון זייער פערמעגין, געשענדעט פון נידער-טרעכטיגע מענשין אונ אומגעקומען דורך פייער אונ וואסער.

— טרייסט אייך טהייערע ברידער, דען איך וועל אייך ניט פערלאזין! האט ה' איטליש אויס געשריען ארויף פאלענדיג זיין גאסט אויף דעם האלז, אמת, גאט האט זייער שטארק בעשטראפט זיין פערלארין אונ

פֶערְטְרִיבֶּען פָאלְק, אָבֶּער גָאט וַוייס דָאךְ וָואס עֶר טוּט, אוּנ גִיט פַאר אוּנְז שְׁטֶערְבֶּענְדֶע אִיז צוּא קְרִיטִיזִירֶען זַיינֶע וֶוערְק! פִיהְרְט מִיךְ צוּא אוּנְזֶערֶע אוּנְגְלִיקְלִיכֶע בְּרִידֶער, אִיךְ וָועל זַייא נֶעבֶּען אַנאַכְטְלֶעגֶער אִין אוּנְזֶערֶע הַייזֶער בִּיז מִיר וָועלִין פַאר זַייא אַיין אָרְדְנֶען אַמָקוֹם מְנוּחָה. אוּנ אִיהר מַיינֶע טְהַייעֶרֶע, הָאט עֶר נִיזָאגְט צוּא זַיין פַאמִילְיֶע, גֵייט רוּהֶעט אַייךְ אוֹיס, אוּנ דֶער אַלְמֶעכְטִיגֶער גָאט וֶועט אוּנְז צוּא שִׁיקֶען אִין שְׁלָאף דִיא מְנוּחָה וֶועלְכֶע אִיז פוּן אוּנְז צוּגֶענוּמֶען גֶעוָוארֶען אִין דֶער וַואךְ אוּנ וָועלִין חָאטְשׁ אוֹיף אַקְלֵיין שְׁטִיקֶעל צַייט פַאר גֶעסִין דִיא צָרוֹת פוּן אוּנְזֶערֶע בְּרִידֶער אוּנ פְרַיינְד.

בֵּיידֶע מֶענֶער זַיינֶען אַוֶועק גִינַאנְגֶען אוּנ מיכאל הָאט נִיבֶּעטִין דִיא פְרוֹיעֶן זַייא זָאלִין זִיךְ גֵיין אוֹיס רוּהֶען. רחל הָאט אוֹיס נִיהֶערְט זַיינֶע רֵייד אוּנ הָאט זַייא נִיט פֶערְשְׁטַאנֶען, זִיא הָאט גֶעקוּקְט אוֹיף אִיהר בְּרוּדֶער אוּנ הָאט נִיט גֶעוואוּסְט אוֹיף וֶועמֶען זִיא קוּקְט. דֶער קְוַואל פוּן טְרֶערִין אִיז בַּייא אִיהר שׁוֹין אוֹיס גֶעטְרִיקֶענְט גֶעוָוארִין, דִיא שְׁטִימֶע פוּן אִיהר גֶעוֵויין אִיז גֶעבְּלִיבֶּען פַאר שְׁטִיקְט. זִיא הָאט אוֹיךְ אֲפִילוּ נִיט אוֹיס גִיהֶערְט שׁוֹין דִיא לֶעצְטֶע רֵייד פוּן דֶעם גַאסְט, אוֹיף אַזוֹיא פִיל אִיז זִיא פַארְצְוַויי-פֶעלְט גֶעבְּלִיבֶּען פוּן דֶעם אוּנְגְלִיק וָואס הָאט גֶעטְרָאפֶען אִיהרֶע פְרַיינְד. אוּנ אַלְס אִיהר בְּרוּדֶער הָאט זִיךְ צוּא אִיהר צוּא גֶעבּוֹיגֶען אוּנ הָאט זִיא אָנְגֶענוּמֶען בַּייא דֶער הַאנְד אַרַיין צוּ פִיהרֶען אִיהר אִין אִיהרֶען שְׁלָאף צִימֶער, אִיז עֶר דֶער שְׁרָאקִין גֶעוָוארֶען פוּן אִיהר פָּנִים וֶועלְכֶעס אִיז גַאנְץ פַאר עֶנְדֶערְט גֶעוָוארֶן אוּנ דִיא אוֹיגֶען זַיינֶען אִיהר שְׁטַארְק גְרוֹיס גֶעוָוארֶען. מִיט טְרֶערִין הָאט מיכאל נִיבֶּעטִין זִיא זָאל זִיךְ גֵיין אָפּ רוּהֶען, זִיא אִיז אוֹיף גֶעשְׁטַאנֶען פוּן אָרְט אוּנ אִיז אִיהם נָאכְגֶעגַאנְגֶען מִיט אוּנְטֶער גֶעשְׁלָאגֶענֶע פִיס אוּנ פְּלוּצִים הָאט זִיא זִיךְ אוֹיס גֶעגְלִיצְט אוּנ מִיט אַשְׁמֶער-צֶענְדֶען גֶעשְׁרַייא אִיז זִיא אַרַיין גֶעפַאלֶען אִין דִיא אָרֶעם פוּן אִיהר בְּרוּדֶער אוּנ אִיז גֶעבְּלִיבֶּען אָן אַסִימָן פוּן לֶעבִּין.

9.

## דֶער וָואהלְטְהֶעטִיגֶער רָב אוּנ דֶער שׂוֹנֵא יִשְׂרָאֵל.

אוֹיפְגֶערֶעגְט פוּן גְרוֹיס צָארִין אִיז אמבראזיוס ביטשען, דֶער שְׁרַייבֶּער פוּן ליגניטץ אִיצְט אוּמְגֶעגַאנְגֶען אִין זַיין צִימֶער הִין אוּנ צוּרִיק מִיט אַיין פֶערְפְלַאמְטֶעם גֶעזִיכְט פוּן כַּעַס. אוּנ עֶר הָאט גֶעהַאט אוֹיף וָואס בֵּייז צוּא זַיין: עֶר הָאט פֶערְהַאסְט אוּנ פַיינְד גֶעהַאט דִיא יוּדֶען בְּתַכְלִית הַשִׂנְאָה, אוּנ הָאט תָּמִיד רַק גֶעזוּכְט מִיטְלֶען וִויא עֶר זָאל פוּן זַייא בֶּעפְרַייט וֶוערִין. עֶר הָאט גֶעדֶענְקְט צוּא גֶעפִינֶען אַחֵטְא אוֹיף דֶעם רָב פוּן זַיין שְׁטָאט אוּנ

איהם צוא בעשטראפען אונ דאן וועלין שוין ממילא זיין גאנצע געמיינדע זיך צוא לויפען פון דאנען, ווארום קיים ערשלאגט מען דעם פאסטוך צוא לויפין זיך דיא שאף. אונ דאריבער איז ער מלא שמחה געווארען אלס ער איז געוואר געווארען וויא דער רב האט איבער גיטרעטין דאס געזעץ פון דעם לאנד אונ האט צוא זיך אריין גענומען אפרעמדין יודישען יונגען מאן, מיכאל איזראעלי. איצט האט ער שוין געהאט אן וואס זיך אנצוטשעפען כדי צוא בעשטראפען דעם רב, נאר צוא זיין גרויסען פערדרוס האט דער רב צוא שטערט גאר אין גאנצין זיין טיראנישען פלאן, דען אלס דער פריסטאוו איז אויף זיין באפעהל געקומען צום רב האט ער שוין דארט ניט מעהר דער וואוסט דעם פרעמדין יונגלינג, דען דער גראף היינץ האט איהם שוין געהאט צוא זיך אריין גענומען אויף דעם באפעהל פון דעם פירשט, כדי אמבראזיוס זאל איהם ניט קענען ארעסטירען. אונ אהין, צום גראף אין הויז, האט ער שוין קיין שליטה געהאט צוא צוטרעטען. דער פון איז דער שרייבער שטארק אויפגעבראכט געווארען, אונ ווייל ער האט זיך מיט דעם פירשט אליין ניט גיקענט פערקריגען וועגען דעם פרעמדין יונגלינג וועלכען ער האט געוויזען אשוטץ אין זיין פאלעץ אונ דער מיט איבער גיטרעטען דאס געזעטץ, דען עס וואלט פון דער קריג גאר ניט געווארען, ווארום דער פירשט איז תקיף, האט ער דאריבער זיך ענטשלאסען צוא אויס לאזען זיין נקמה אן דעם רב אליין. צוא דעם צוועק האט ער געשיקט צום רב אפריסטאוו ער זאל איהם ארעסטירען דער פאר וואס ער האט איבער געטרעטען דאס געזעטץ אונ געלאזט ביא זיך נעכטיגען איין פרעמדין יודען. דעם רב האט מען באלד געפאנגען אונ פערשמידעט אין קייטען אונ איהם אזויא אריין געזעצט אין קערקער. באלד איז אבער געווארען אגאנצער קאך צווישען דער יודישער געמיינדע וועלכע האבען עס באלד אנגעמעלדעט דעם גובערנאטאר אונ דיזער האט בעפוילען פון זיין זייט דעם שטאדטהאלטער ער זאל תיכף בעפרייען דעם רב. זיין באפעהל איז גלייך ערפיהלט געווארען; דער שטאדטהאלטער האט נאך אין דעם זעלבען אבענד פערזאמעלט אלע גלאסנעס אונ דעפוטאטען פון דער שטאט, צווישען זייא איז אויך געוועזען אמבראזיוס ביטשען אונ דער רב פון ליגניטץ. אמבראזיוס האט פאר דער פערזאמלונג דער ציילט אין וואס עס בעשטעהט דעם רב׳ס פארברעכין אונ דאן האט מען דעם רב געפרעגט מיט וואס ער קאן זיך פערטהיידיגען. דערויף האט דער רב גיענטפערט מיט זיין געלאסענע רוהיגע שטימע אז דאס עבען איז זיין גאנצע פפליכט (חוב) צוא גאט אונ צוא לייט, אז ער זאל אויס העלפין יעדען אונגליקליכען וועלכער ליידעט אונשולדיגער הייט, אונ צוא רעטען איהם פון שלעכטע מענשין וועלכע קוקען ארויס אויף זיין טויט. די רייד זיינען אלעמען

(דער צווייטער חמן). ניפעלין

גֶעפֶעלין אויסֶער דֶעם שְׁרַייבֶּער אמבראזיוס ביטשען — דֶען אִיהם הָאט זִיךְ אוים גֶעוִויזֶען אַז דִיא וָוערְטֶער זַיינֶען גֶעצִילְט צוּא אִיהם אַלֵיין אום צוּא בֶּעשׁוּלְדִיגֶען אִיהם, אוּנ אַלְס עֶר הָאט גִיזֶעהן וִויא דֶער רָב הָאט בַּייא אַלֶע נוֹשׂא חֵן גֶעוֶועזֶען, הָאט עֶר פַאְרשְׁטַאנֶען אַז דֶעם אִיצְטִיגֶען מָאהל וֶועט אִיהם שׁוֹין נִיט גֶערָאטְהֶען שְׁלֶעכְט צוּא טָאהן דֶעם רָב אוּנ הָאט אַלְזָא אִיהם אָפּ גֶעלָאזְט. דֶער מִיט הָאט זִיךְ דֶער פְּרָאצֶעס גִיעֶנְדִיגְט אוּנ דֶער רָב אִיז בֶּעפְרַייט גֶעוָוארֶען. דֶער פוּן אִיז ביטשען אִיהם נָאךְ אַגְרֶעסֶערֶער שׂוֹנֵא גֶעוָוארֶען אוּנ אָבְוָואהל עֶס אִיז פוּן יֶענֶער צַייט אִיבֶּער גִינַאנְגֶען זֶעכְס מָאנַאט, אִיז זַיין כַּעַס אוֹיף דֶעם רָב נָאךְ נִיט קִיהלֶער גֶעוָוארֶען. אוּנ הַיינְט אִיז עֶר נָאךְ אוֹיף אִיהם מֶעהר אוֹיף גֶערֵייצְט גֶעוָוארֶען, דֶען עֶר אִיז גְרַאדֶע דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען דֶעם יוּדִישֶׁען קְוַוארְטִיל הָאט עֶר בַּאגֶעגֶענְט דֶעם רָב וֶועלְכֶער הָאט זִיךְ צוּא אִיהם פְרַיינְדְלִיךְ גֶעגְרִיסְט נָאר ביטשען הָאט אִיהם צוּרִיק נִיט גִיעֶנְטְפֶערְט, זַיין שְׁטָאלְץ הָאט עֶס אִיהם נִיט דֶער לָאזְט, אָבֶּער עֶס הָאט אִיהם גֶענוּג פֶערְדְרָאסֶען וָואס דֶער יוּד שְׁטֶעלְט זִיךְ אוּנְטֶער אִיהם צוּ צֵיינֶען אַפְרַיינְדְלִיךְ גֶעזִיכְט אוּנ פַאר גֶעסְט אַזוֹיא גִיךְ דָאס בֵּייז וָואס עֶר הָאט אִיהם גֶעוָואלְט טָאהן נָאר עֶר אִיז עֶס נִיט אִים שְׁטַאנְד גֶעוֶוען צוּא טָאהן.

„נָאר צוּא בִּין אִיךְ בֶּאֱמֶת נִיט אִים שְׁטַאנְד צוּא בֶּעשְׁטְרָאפֶען מַיין שׂוֹנֵא? אִיךְ בִּין דָאךְ גֶענוּג רַייךְ אוּנ הָאבּ אַדֵעָה אִין שְׁטָאט, נָא, וֶוער קָאן מִיר פַארְוֶוערִין דָאס נִיט צוּא טָאהן?“ אַזֶעלְכֶע גֶעדַאנְקֶען הָאבִּין אִיצְט בֶּעהֶערְשְׁט דֶעם יוּנְגֶען שְׁרַייבֶּער אַלְס עֶר אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען. אוּנ אִיצְט זֶעהֶען מִיר אִיהם וִויא עֶר שְׁפַּאנְט אִין זַיין קַאבִּינֶעט מִיט הַארְטֶע טְרִיט הִין אוּנ צוּרִיק, זַיין גֶעזִיכְט אִיז פֶערְפְלַאמְט פוּן צָארִין אוּנ אִין זַיין הֶערְץ אִיז אָנְגֶעצוּנְדֶען אַגַאנְצֶער גֵיהִנֹּם. „אִיצְט אִיז דִיא גְלַייכְסְטֶע צַייט צוּא בֶּעשְׁטְרָאפֶען דֶעם רָב מִיט זַיינֶע אַלֶע יוּדֶען, רֶעט עֶר צוּא זִיךְ זֶעלְבְּסְט, דֶען דֶער פִּירְשְׁט אִיז יֶעצְט נִישְׁט דָא צוּא הוֹיז, עֶר הָאט זִיךְ פֶערְבּוּנְדֶען מִיט דֶעם קֵיסֶער זִיגִיסמונד צוּא מִלְחָמָה הַאלְטֶען מִיט דִיא הוסיטען אוּנ בִּיז עֶר וֶועט זִיךְ צוּרִיק אוּמְקֶערִין אַהֵיים וֶועל אִיךְ שׁוֹין קֶענֶען אוֹים לָאזִין מַיין צָארֶען אוֹיף דִיא יוּדֶען. נָאר מִיט וֶועלְכֶען אוֹים רֵייד קֶען אִיךְ זֵייא בֶּעשְׁטְרָאפֶען?“ אַצַייט הָאט עֶר גֶעמוּטְשֶׁעט זַיין אָרֶעמֶען מוֹחַ צוּא אוֹים דֵיינְקֶען אוֹיף דִיא יוּדֶען פוּן לִיגניטץ עֶפֶּעס אַבִּלְבּוּל אוּנ עֶס אִיז אִיהם נִיט גֶערָאטֶען, וַוייל דִיא יוּדֶען הָאבִּין פְרִידְלִיךְ גֶעלֶעבְּט אִין זֵייעֶר גְהֶעטְטָא, קֵיינֶער הָאט מִיט זֵייא נִיט גֶעהַאט צוּא טָאהן, זֵייעֶר פָאדַאט הָאבֶּען זֵייא אָפּ גֶעצָאהלְט צוּא דֶער צַייט אוּנ הָאבֶּען מִיט אוּנְטֶער גֶעדְרִיקְטֶע גֶעמִיטְהֶער פַאר טְרָאגֶען אַלֶע צָרוֹת פוּן דֶער נַאטְשַׁאלְסְטְוָוא אוּנ פוּן דֶעם פֶעבֶּעל וֶועלְכֶע דֶער שְׁרַייבֶּער הָאט אַלֶע מָאהל אוֹיפְגֶערֵייצְט גֶעגֶען זֵייא. „וִויא גְלִיקְלִיךְ אִיז דִיא עסטרייכישע מְדִינָה! הָאט דֶער שׂוֹנֵא

(דער צווייטער הכן) ישראל

יִשְׂרָאֵל ווייטֶער גֶערֶעט צוא זִיךְ, מִיט אֵיין מָאהל אִיז דָאס לַאנְד בֶּעפְרַייט גֶעוָואָרֶען פוּן אַלֶע יוּדֶען; אוּנ מִיר וָואס ?״... נָאר פְּלוּצִים הָאט עֶר זִיךְ אַחַאפּ גֶעטָאהן בַּיים קָאפּ אוּנ זַיינֶע אוֹיגֶען הָאבֶּען אִיהם אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּא פִינְקְלֶען וִויא בַּייא אַיין אוֹיפְגֶערַייצְטֶען ווִילְדֶען טְהִיר.
אַךְ, וִויא אִיךְ הָאבּ מִיךְ בִּיז הֶער אַזוֹיא מִיאוּס בֶּענַארֶעשְׁט! הָאט עֶר כִּמְעַט אוֹיס גֶעשְׁרִיעֶן אוֹיף אַקוֹל, דֶער פְרֶעמְדֶער יוּנְגֶער מַאן, מיכאל איזראעלי, אִיז דָאךְ אַקָרוֹב פוּן יֶענֶעם גֶעמֵיינֶעם יוּדֶען וֶועלְכֶער הָאט מְטַמֵא גֶעוֶוען דָאס הֵיילִינֶע בְּרוֹיט פוּן דֶער קִירְכֶע! אֶמֶת, אִיךְ גְלוֹיבּ נִיט עֶס זָאל רִיכְטִיג זַיין דִיא מַעֲשֶׂה... נָאר וָואס גֵייט עֶס מִיךְ אָן? פַאר מִיר אִיז דָאךְ גְלַייכֶער אַז אִיךְ זָאל יַא אִין דֶעם גְלוֹיבֶּען — דַאן עֶרְפִיל אִיךְ מַיין נְקָמָה אָן דֶעם רָב פוּן ליגניטץ, וָוארוּם עֶר הָאט דָאךְ דֶעם מיכאל׳ן אַרַיין גֶענוּמֶען אִין זַיין הוֹיז, עֶר הָאט גִיגֶעבֶּען אַנַאכְטְלֶעגֶער דֶעם יוּדֶען וֶועלְכֶער אִיז אַפְרַיינְד פוּן יֶענֶער יוּדִישֶׁע פַאמִילְיֶע וֶועלְכֶע הָאט גֶעזִינְדִיגְט גֶעגֶען אוּנְזֶער גְלוֹיבֶּען אוּנ אַזַא פַארְבְּרֶעכֶען טָאר נִיט פֶערְצַייהֶעט וֶוערֶען... נָאר וִויא אַזוֹיא הֵייבְּט מֶען דָאס אָן? זָאל אִיךְ מִיךְ פְּלוּצִים וֶוענְדֶען צוּא דִי גְלַאסְנִים פוּן דֶער שְׁטָאט אוּנ זַייא הֵייסִין בֶּעשְׁטְרָאפֶען דֶעם רָב אוּנ זַייא דֶער מָאנֶען דָאס וָואס עֶס אִיז שׁוֹין לַאנְג פַאר גֶעשִׁין גֶעוָוארֶען? נֵיין, אִיךְ דַארְף מִיךְ פְרִיהֶער גוּט וֶועגִין דֶעם אִיבֶּערְלֶעגֶען כְּדֵי אִיךְ זָאל צוּם צְווייטֶען מָאהל נִיט בְּלַייבֶּען קֵיין נַאר״...

אַלַייכְטֶער קְלַאפּ אָן דֶער טִיר פוּן זַיין קַאבִּינֶעט הָאט אִיהם גֶעשְׁטְעֶרְט פוּן מֶעהר צוּא דֶענְקֶען; זַיין אַלְטֶער דִינֶער הָאט זִיךְ גֶעוִויזֶען אוֹיף דֶער שְׁוֶועל.

— וָואס דַארְפְסְט דוּא, הילבערט? הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט דֶעם דִינֶער אוּנְצוּפְרִידֶען.

— פֶערְצַייהֶעט מִיר מַיין הֶערר וָואס אִיךְ הָאבּ אַייךְ בֶּעאוּנְרוּהִיגְט, דֶען אַהֶער אִיז גֶעקוּמֶען אַמֶענְשׁ אוּנ וִויל זִיךְ מִיט אַייךְ זֶעהן

— וֶוער אִיז עֶר, אַפְרֶעמְדֶער אָדֶער אַהִיגֶער?

— עֶר אִיז דֶער יוּדִישֶׁער רַאבִּינֶער פוּן אוּנְזֶער שְׁטָאט.

— וָואס רֶעדְסְט דוּא, הילבערט? הָאט ביטשען אוֹיס גֶערוּפִין אוּנ הָאט אַצִיטֶער גֶעטָאן, אַנְדֶערְשׁ נִיט נָאר דוּא הָאסְט זִיךְ טוֹעֶה גֶעוֶועזִין, דֶען וָואס קָאן צוּא מִיר דַארְפֶען דֶ ע ר מֶענְשׁ?

— נֵיין, מַיין הֶערר, אִיךְ הָאבּ נִיט קֵיין טָעוּת, דֶען עֶר אִיז וִוירְקְלִיךְ דֶער רַאבִּינֶער פוּן דִיא הִיגֶע יוּדֶען.

— אִיךְ קָאן דָאס גָאר נִיט גְלוֹיבֶּען עֶר זָאל זִיךְ אוּנְטֶער שְׁטֶעלִין צוּא אַרַיין קוּמֶען גְלַייךְ צוּם לֵייבּ אִין זַיין וואוֹינוּנְג... טְרַייבּ אִיהם אַרוֹיס פוּן דַאנֶען, אִיךְ וִויל זִיךְ מִיט אִיהם נִיט זֶעהן!

— אִיךְ הָאבּ מִיךְ גֶעפְּרוּווּט אִיהם הֵייסֶען צוּרִיק גֵיין, וָוארוּם אִיךְ וַויים

דאך פון לאנג אז מיין הערר איז מיט איהם ניט צופרידען, נאר ער האט מיך זייער אנגעהויבין צוא בעטין אונ מיט זיינע גוטע אויגען האט ער אויף מיר געמאכט אזא איינדרוק, דאס איך האב מיך ענדליך ענטשלאסין איהם אנצומעלדען ביי מיין הערר. יא, מערקווירדיג איז דער דאזיגער ראבינער, אויף מיין לעבען האב איך נאך ניט גיזעהען אזא בעליבטען מענש וויא ער איז...

— צוא אויך דיך, אלטער מאן, האט ער געפאנגען אין זיין נעץ מיט זיין צויבעריי? האט ביטשען אגעשרייא געטאן אויף זיין אלטען דינער מיט כעס, — איין מאהל האב איך געזאגט, איך וויל ניט אנקוקין זיין פנים; הייס איהם דיא מינוט פערלאזען מיין הויז אונ אויב ער האט מיר עפעס צוא זאגען זאל ער מיר עס איבער געבין שריפטליך ניט מונדליך.

דער דינער האט דערויף צוא געשאקילט מיט זיין אלטען ווייסען קאפ, האט אשטילען זיפץ געטאהן אונ שוין געוואלט ארויס געהן פון זיין צימער נאר זיין הערדס שטימע האט איהם צוריק אפ געהאלטען.

— הער אויס, הילבערט, איך האב מיך בעדאכט אונ נעם צוריק מיין בעפעהל. גייא רוף אהער אריין דעם יודען; לאם איך אנקוקען דעם צויבערער פנים בפנים, זאל ער אויך פרובען אויף מיר ווירקען מיט זיין קראפט, אונ ביי גאט אונ ביי אלע זיינע היילינע, אז ער וועט זיך אפ נארען אין זיין האפנונג דען זיין צויבערישער קראפט וועט אויף מיר גאר ניט ווירקען.

דער דינער איז שטיל ארויס געגאנגען אונ ביטשען איז אליין געבליבען אין זיין קאבינעט מיט איין קלאפענדיג הארץ פון שרעק, חאטש ער האט אליין ניט געוואוסט פאר וועמען ער שרעקט זיך. מיט אמאל איז ער אויפגעשפרונגען פון זיין ארט אונ האט זיך אפ געשטעלט נעבען טיש מיט אנגעווענדעטע צארענדיגע בליקען צוא דער טיר דורך וועלכער דער רב האט באלד געדארפט אריין גיין צוא איהם. ער האט זיך גרייט געמאכט צוא פאר שעמען אונ צוא בעליידיגען דעם רב אונ נאכהער זאל ער ערשט אויף איהם אנמאכען אנ׳אונגליק אום ער מיט זיין גאנצער געמיינדע זאלען פערלארען ווערין.

אין דעם פארצימער האט זיך אנגעהויבין הערין טריט פון אמענשען, דיא טיר האט זיך גיעפענט אונ עס האט זיך געוויזען אויף דער שוועל פון זיין קאבינעט דער גיעהרטער רב פון ליגניטץ, וועלכער האט זיך פאר איהם פערניינט מיט כבוד אונ געווארט ביז ער וועט מיט איהם אנהויבין צוא ריידין.

ביטשען האט אויס געשטארט זיינע אויגען אויף זיין שונא אונ אויך, וויא מיט זעקס מאנאט צוריק אין דעם פערזאמלונג פון דיא גלאסנעס, אזויא אויך איצט איז ער אראפ געפאלען ביי זיך דער זעהענדיג זיין שפענעס

גִיעֶהרְטֶעס גֶעזִיכְט וֶועלְכֶעס וַואר נָאךְ בֶּעצִירְט מִיט אַמִילְדֶען חֵן אוּנ מִיט אַ נַאאִיוְוֶע, אוּנְשׁוּלְדִיגֶען שְׁטָאלְץ, אוּנ זַיינֶע אוֹיגֶען, וֶועלְכֶע הָאבֶּען גֶעלֹויכְטֶען וִויא טְהַייעֶרֶע בְּרִילְיַאנְטֶען, הָאבֶּען אוֹיף אִיהם אַזוֹיא רוּהִיג גֶעקוּקְט גְלַייךְ וִויא זַייא וָואלְטֶען נָאר נִיט וִויסֶען אַז דָאס קוּקְן זַייא אַזוֹיא גְלַייךְ אָן זַייעֶר שְׁרֶעקְלִיכֶען שׂוֹנֵא. דֶער זֶעהֶענְדִיג פַאר זִיךְ אַזַא מֶערְקְוִוירְדִיגֶע פֶּערְזָאן אִיז דֶער שְׁטָאלְצֶער שְׁרַייבֶּער וִויא פַאר שְׁטוּמְט גֶעבְּלִיבֶּען אוּנ זַיין צוּנְג הָאט זִיךְ נִיט גִיקֶענְט רִיהרֶען פוּן אִיהר אָרְט. עֶנְדְלִיךְ הָאט עֶר זִיךְ גֶעמוּטְהִיגְט צוּא אִיבֶּער שְׁרֶעקִן דֶעם רָב מִיט זַיין הָאהַייט.

— וָואס פֶּערְלַאנְגְסְטוּ, יוּד? וֶועלְכֶע גֶעשֶׁעפְטֶען הָאסְטוּ מִיט מִיר וָואס דוּא בִּיזְט מִיךְ גֶעקוּמֶען שְׁטֶערִין פוּן מַיין אַרְבֶּעט?

— אִיךְ פַארְשְׁטֶעה דַיין פֶּערְוִוינְדֶערוּנְג, מַיין הֶערר שְׁרַייבֶּער — הָאט דֶער רָב גִיעֶנְטְפֶערְט מִיט אַצִיטֶערֶענְדֶע שְׁטִימֶע, וֶועלְכֶע הָאט אַרוֹיס גִיגֶעבִּין דֶעם שְׁטוּרֶעם פוּן זַיין הַארְץ, אִיךְ וַויים אוֹיךְ וִויא שְׁרֶעקְלִיךְ דוּא פֶערְהַאסְט מִיךְ מִיט מַיין פָאלְק חָאטְשׁ מִיר וַוייסֶען נִיט פַאר וָואס, אוּנ וָואלְטֶען זֶעהֶער גֶערִין וֶועלִין וִויסֶען מִיט וָואס מִיר זָאלִין קֶענֶען אַיינְשְׁטִילֶען דַיין צָארִין אוֹיף אוּנְז, אוּם דִיךְ אִיבֶּער צוּא בֶּעטִין...

— וָואס קֶעהְרְט אִיהר אַייךְ אָן מִיט מִיר? הָאט אִיהם דֶער שְׁרַייבֶּער אִיבֶּער גֶעשְׁלָאגִין דִיא רֵייד בְּכִוָּון, כְּדֵי עֶס זָאל נִיט וַוייטֶער וֶוערִין זַיין הַארְץ פוּן דֶעם רַאבִּינֶערְס זִיסֶע רֵייד, אוֹיבּ דוּא בִּיזְט נָאר צוּלִיבּ דֶעם אַלֵיין צוּא מִיר גֶעקוּמֶען קֶענְסְט דוּא שׁוֹין צוּרִיק גֵיין, דֶען דוּא וֶועסְט מִיךְ נִיט אִיבֶּער רֵיידֶען אִיךְ זָאל לִיבּ בֶּעקוּמֶען דִיא יֶענִיגֶע וֶועלְכֶע אִיךְ הָאבּ בִּיז אַהֶער פַיינְד גֶעהַאט!

— בֶּעהִיטֶע מִיךְ גָאט צוּא פֶּערְלַאנְגֶען פוּן דִיר אַזַא זַאךְ!

— וָואס דֶען פֶּערְלַאנְגְסְט דוּא? הָאט דֶער שְׁרַייבֶּער אַגֶעשְׁרַייא גֶעטָאהן, זָאג אִין קוּרְצֶען דֶען אִיךְ הָאבּ קַיין צַייט מִיט דִיר אַסַךְ צוּא פֶּערְבְּרֵיינְגֶען.

— מַיין גְרָאסֶער הֶערר! הָאט דֶער רָב זִיךְ אָפּ גֶערוּפֶען מִיט אַיין פֶּערְדְרִיסְלִיךְ גֶעזִיכְט אוּנ מִיט אַבִּיטֶערֶע זִיפְצֶענְדֶע שְׁטִימֶע, אִין דַיינֶע הֶענְד גֶעפִינְט זִיךְ אוּנְזֶער שִׁיקְזַאל הֵין צוּא גוּטֶען אוּנ הֵין צוּא בֵּייזֶען, — אַלְזָא בֶּעט אִיךְ דִיךְ הָאבּ רַחֲמָנוּת אוֹיף אֵיינֶעם פוּן מַיין גְלוֹיבֶּענְסְגֶענָאסֶען, וֶועלְכֶער הָאט גֶעמוּזְט מִיט זַיין כַּלָּה אוּנ מִיט זַיין שְׁוֶועסְטֶער פֶּערְלָאזֶען דָאס לַאנְד בעהמען, וֶועלְכֶעס שְׁטוּרֶעמְט אִיצְט פוּן מִלְחָמָה, אוּנ וִויל זִיךְ דָא בַּאזֶעצֶען אִין לִיגְנִיטְץ אוּנ גִיבּ אִיהם דַיין עֶרְלוֹיבְּנִיס דֶערוֹיף.

— אָט צוּא לִיבּ דֶעם בִּיזְטוּ צוּא מִיר גֶעקוּמֶען? גֵייא צוּם גוּבֶּערְנַאטָאר אוּנ צוּא דִיא עֶלְצְטֶע פוּן דֶער שְׁטָאט, דֶען נָאר זַייא קֶענֶען עֶרְלוֹיבִּין פְרֶעמְדֶע יוּדֶען זִיךְ דָא צוּא בַּאזֶעצִין.

— אונ דאך וועגד איך מיך נאר צוא דיר, מיין הערר, וועגען דער זאך, ווייל איך וויים אז דוא קענסט אלעס טאן אונ וויא אזויא דוא וועסט זאגין אזויא וועט עס בלייבען.

— אונ אויב איך וועל דיר אין דעם ענטזאגען — האט ביטשען געפרעגט מיט געשעפּט — דאן וועסט דוא לויפען בעטין דעם פירשט וועלכער איז גוט צוא דייגע יודען!

— ווען איך זאל וועלין וועגען דעם בעטין דעם פירשט וואלט איך דאך איצט צוא דיר ניט געקומען, נאר איך וויל מעהר ניט טאהן אזא זאך וואס זיא איז דערגעגען דעם ווילען פון דיא עלצטע פון דער שטאט, אונ דאריבער בין איך פריהער צוא דיר געקומען. אמת, דער פירשט טוט מיט אונז שטענדיג פיל חסד אונ ווען איך זאל וועלין ביא איהם בעטין אזא זאך וואס איך בעט יעצט ביא דיר דאן...

— נאר דאס איז דיין אומגליק וואס ער איז איצט נישט דא צוא הויז, דער פאר ביזט דוא בעל כרחך געקומען בעטען דיא גנאדע פון דעם שרייבער. אזא איך האב דיך גוט פערשטאנען?

— דער מיט ביזט דוא ניט גערעכט, מיין הערר, דען דער פירשט קומט באלד צוריק קיין ליגניטץ.

— דער פירשט קומט אן, זאגסט דוא? האט ביטשען מיט צארען אויס געשריען, היט זיך יוד פון מיר חוזק צוא מאכען! דען דער פירשט געפינט זיך גאר יעצט ביא דיא טויערין פון פראג, אין דער רעכטער מלחמה, וויא אזויא זשע קאן ער נאר פלוצים פאר לאזין דעם שלאכט פלאץ אונ אהער קומען?

— ניין, מיין הערר ווייסט פון קיין זאך ניט, האט איהם דער רב רוהיג גיענטפערט, ער וויים ניט אז דאס מיליטער פון דעם קיסר האט בעקומען אשטארקען קלאפּ פון דיא הוסיטען, אין דעם 14-טען יולי אונ נישט אזויא גיך וועט ער צוריק בעקומען דיא פאריגע קרעפטען אום צוא בענייהען די קריעג.

— ביא גאט, אז איך וויים דאס ניט! אונ פון וואנען ביזט דוא דאס געוואר געווארען?

— איך בין עס דער גאנגען פון דעם זעלבען שליח — אסאלדאט פון דעם הוסיטישען לאגער — וועלכער האט מיר געבראכט דיא ידיעה אז עס קומען צוא מיר אן דיא דרייא פערזאנען, פאר וועלכע איך בין דיך גיקומען בעטען זאלסט זייא ערלויבין דא צוא וואוינען.

— דער שליח איז פון פראג, זאגסט דוא? האט ביטשען אפרעג געטאן אונ זיינע אויגען האבען אנגעהויבען צוא בליטצען מיט אזאנדערבארען פייער, אונ וויא אזויא הייסען דיא דרייא פרעמדע פערזאנען?

דער רב האט באלד ניט גיענטפערט, אלס ער וואלט פאר אים מורא האבען צוא דער מאהנען זייערע נעמען, נאר ער האט דאך ניט גיקענט

לָאזְען אוּנְבֶּעאַנְטְװאָרְטֶעט זַיין פְרַאגֶע, הָאט עֶר אִיהם עֶנְדְלִיךְ גִיעֶנְטְפֶרְט: דֶער מַאנן הֵייסְט מיכאל איזראעלי, אֵיינֶע פוּן דִיא צְוֵוייא מֵיידְלַאךְ אִיז זַיין שְׁוֶועסְטֶער אוּנ דָאס צְוֵוייטֶע פְרַיילִין זַיין כַּלָּה אִיז אַטָאכְטֶער פוּן אַגְרוֹיסֶען גְבִיר אוֹיס פראג.

דֶער הֶערֶענְדִיג דֶעם נָאמֶען „מיכאל" אִיז ביטשען הָעכְסְט בֵּייז גֶעוָוארִין, אוּנ מִיט אַפֶּערְפְלַאמְט פָּנִים אוּנ מִיט אַפֶּערְפִינֶעט מויל הָאט עֶר אוֹיס גֶעשְׁרִיעֶן צוּם רָב:

— מיכאל איזראעלי? אָט דֶער זֶעלְבָּער, וֶועלְכֶער אִיז שׁוֹין צוּא אוּנְז אַיין מָאהל גֶעקוּמֶען דֶערְגֶעגֶען דִיא גֶעזֶעצְ פוּן אוּנְזֶער שְׁטָאט אוּנ אִיז אַנְטְלָאפֶען פוּן דִיא שְׁטְרָאף אוּנ יֶעצְט בִּיזְט דוּא גֶעקוּמֶען פַאר אִיהם בֶּעטֶען אַשׁוּטְץ? צוּא בִּיזְט דוּא בַּייא דַיין רֵיינֶעם זִינֶען, יוּד?! אַנָא זָאל עֶר זִיךְ נָאר אוּנְטֶער שְׁטֶעלֶען אַהֶער צוּא קוּמֶען וֶועט עֶר נָאךְ בֶּעשְׁטְרָאפְט וֶוערֶען פַאר פְרִיהֶער אוֹיךְ אוּנ... נָאר וַוארְט! — חָאט זִיךְ דֶער שְׁרַייבֶּער פַאר חַאפְּט, דֶען אַגַאנְץ נַייעֶר גֶעדַאנְקֶען אִיז אִיהם אַרַיין אִין קָאפּ אוּנ הָאט זִיךְ אָפּ גֶערוּפֶען צוּם רָב שׁוֹין מִיט אַגֶעלַאסֶענֶע שְׁטִימֶע:

— אִיךְ וֶועל מִיךְ נִיט חַאפֶּען צוּא אַרוֹיס גֶעבֶּען אוֹיף אִיהם אַזַא מִשְׁפָּט, דֶערִיבֶּער לֵייג אִיךְ אָפּ מַיין תְּשׁוּבָה אוֹיף מָארְגֶען; אָבֶּער נָאךְ דָאס אֵיינֶע ווִיל אִיךְ פוּן דִיר ווִיסֶען, שׁוֹין לַאנְג אַז דֶער מיכאל אִיז אַרוֹיס גֶעפָאהרֶען פוּן פראג?

— לוֹיט דֶעם שָׁלִיחַ'ס רֵייד הָאט עֶר נָאךְ הַיינְט גֶעדַארְפְט פוּן דָארְט אַרוֹיס פָארִין — הָאט דֶער רָב בִּתְמִימוּת גִיעֶנְטְפֶערְט.

— נָאךְ הַיינְט? זֵייעֶר וואוֹיל, הָאסְט נָאךְ אַלְזָא גֶענוּג צַייט צוּא וַוארְטִין בִּיז אִיךְ וֶועל מִיךְ וֶועגֶען דֶעם מְיַשֵּׁב זַיין, נָאר מָארְגֶען וֶועסְט דוּא שׁוֹין ווִיסֶען מַיין קְלָארֶע תְּשׁוּבָה.

דֶער רָב הָאט זִיךְ פֶערְנֵייגְט אוּנ אִיז אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען. קוֹים הָאט זִיךְ צוּא גֶעמַאכְט דִיא טִיר אוּנְטֶער אִיהם הָאט דֶער שְׁרַייבֶּער זִיךְ צוּא לַאכְט מִיט אַווִילְד גִילֶעכְטֶער אוּנ הָאט מִיט אַפְרֵיידֶען שְׁטִימֶע אוֹיס גֶעשְׁרִיעֶן:

„אָ, אִיצְט וֶועל אִיךְ מִיךְ עֶרְשְׁט קֶענֶען רֶעכְט נוֹקֵם זַיין אָן מַיינֶע שׂוֹנְאִים! דֶער שׁוֹטֶה (מיכאל) פְלִיהט אַהֶער ווִיא אַפוֹיגֶעל צוּא דֶער נֶעטְץ — נָאר דָאס מָאהל וֶועט עֶר שׁוֹין נִיט אַנְטְלוֹיפֶען פוּן מַיינֶע הֶענְד. עֶר פַאר לָאזְט נָאךְ הַיינְט דִיא שְׁטָאט פראג מִיט נָאךְ צְוֵוייא יוּדִישֶׁע מֵיידְלַאךְ — גַאנְץ גוּט!... עֶר וֶועט דָאךְ דַארְפֶען פַאר בַּייא גֵיין דֶעם קֵיסֶער'ס לַאגֶער — אַלְזָא דַארְף מֶען זִיךְ שׁוֹין נֶעמֶען צוּא דֶער אַרְבֶּעט... עֶר זָאל דָארְט גֶעפַאנְגֶען וֶוערִין, אוּנ דַאן וֶועט אִיהם שׁוֹין זַיין ווִינְד אוּנ וֶועה! עֶר אִיז דָאךְ אַפְרַיינְד צוּא דִיא הוּסִיטֶען, וֶועלְכֶע הָאבֶּען זִיךְ נוֹקֵם גֶעוֶועזִין אָן דִיא צְוֵוייא מָאנַאכֶען זַיינֶע שׂוֹנְאִים, אִיצְט וֶועט מֶען זִיךְ מִיט אִיהם אָפּ רֶעכֶענֶען פַאר זֵייעֶר טוֹיט אוּנ אוֹיךְ דֶעם רַאבִּינֶערְס פַארְבְּרֶעכֶען וֶועט צוּרִיק דֶער מָאהנְט וֶוערִין נָאר עֶר

וָועט זִיךְ שׁוֹין פוּן אִיהם אַזוֹיא נִיט אוֹיס דְרֵייעֶן וִויא פְּרִיהֶער, וִויא וַואהר אִיךְ לֶעבּ אַז גֵיין! יַא, יֶעצְט וֶועלְין מִיר שׁוֹין זֶעהֶען, מַיין לִיבֶּער פִּירְשְׁט, וֶוער פוּן אוּנְז צְוֵוייֶען עֶס וֶועט זִיְגֶען: צוּא דוּא, דֶער אוֹהֵב יִשְׂרָאֵל (יוּדֶען פְּרַיינְד) אָדֶער אִיךְ, דֶער שׂוֹנֵא יִשְׂרָאֵל, וָואס עֶס גֶעפֶּעלְט דִיר נִיט זַיין פָּנִים״.

## 10.

## צְוִוישֶׁען לֶעבֶּען אוּנ טוֹיט.

אַשְׁטִילֶע הָאט יֶעצְט גֶעהֶערְשְׁט אִין דֶער שְׁטָאט פראג וֶועלְכֶע לִיגְט נֶעבֶּען דֶעם טַייךְ מאלדוי אוּנ אַפְּרִיעדֶען — אוֹיף אִיהרֶע גַאסֶען אוּנ וֶועגֶען. דֶער מֶענְשׁ וֶועלְכֶער זֶעהט דִיא שְׁטָאט אִיצְט, אִין דֶער צְוֵוייטֶער שְׁטוּנְדֶע פוּן נָאךְ הַאלְבֶּע נַאכְט, וֶועט זִיךְ גֶעוִויס נִיט גְלוֹיבֶּען אַלְס מֶען וֶועט אִיהם זָאגֶען אַז זִיא רוּישְׁט שׁוֹין פוּן אַצַייט פוּן מִלְחָמָה אוּנ בְּלוּטְפֶערְגִיסוּנְג אוּנ אֶפְשַׁר נָאךְ נֶעכְטִין הָאבֶּען אִיהרֶע מוֹיעֶרִין גֶעצִיטֶערְט אוֹיס דִיא קוֹלוֹת פוּן דִיא אַיינְוואוֹינֶער וֶועלְכֶע הָאבִּין טַאקֶע פַאר זֵייא (פַאר דִיא מוֹיעֶרִין) פֶערְפִיהרְט קְרִיג, אוּנ פוּן פִילֶע פַיינְד וֶועלְכֶע הָאבֶּען בֶּעלַאגֶערְט דִיא שְׁטָאט פוּן אַלֶע זַייטֶען. אִיצְט אָבֶּער הֶערְשְׁט דָא אַיין פָאלְקָאמֶענֶע רוּהֶע, דֶער קְרִיעֶגְס שְׁטוּרֶעם אִיז גֶעשְׁטִילְט גֶעוָוארֶען, פֶערְד אוּנ רַייטֶער שְׁלָאפִין אוּנ דָאס קְלַאנְג פוּן כְּלֵי זַיִן וֶוערְד נִישְׁט מֶעהר גֶעהֶערְט. וִויא אַיין פְרִיעדֶענְסֶענְגֶעל אַזוֹיא הָאט זִיךְ עֶרְוֶועקְט דֶער מָארְגֶענְשְׁטֶערִין אוּנ הָאט אוֹיס גֶעשְׁפְּרֵייט זַיין לִיכְט אוֹיף דִיא בֶּערְג פוּן דְרוֹיסֶען אוּנ אוֹיף דִיא שְׁפִּיצֶען פוּן דִיא קִירְכֶען אִין שְׁטָאט; דִיא בְּלוּמֶען הָאבֶּען זִיךְ לוֹיז גֶעמַאכְט פוּן זֵייעֶר פֶערְשְׁלָאפֶענְהַייט, אוּם צוּא אָנְפִילֶען זֵייעֶרֶע בֶּעכֶער פוּן דִיא זִיסֶע מָארְגֶען טְהוֹי אוּנ פוּן אִיהר צוּא טְרִינְקֶען צוּא זַאט, דִיא פֵייגֶעלַאךְ הָאבֶּען זִיךְ עֶרְוֶועקְט אִין זֵייעֶרֶע נֶעסְטֶען אוּנ צוּרֶעכְטְמַאכֶענְדִיג זִיךְ דִיא פְלִיגְלֶען הָאבֶּען זֵייא שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּא זִינְגֶען אַשֵׁיינֶעם מָארְגֶען לִיד. קַיין מֶענְשֶׁען אִיז נָאךְ נִיט צוּא זֶעהן אוֹיף דִיא פראגער גַאסֶען, דֶען עֶס רוּהֶען נָאךְ אוֹיף זֵייעֶרֶע גֶעלֶעגֶער אַלֶע פֶערְמַאטֶערְטֶע לַייט בִּיז דִיא טְרָאמְפֶּעטֶען וֶועלֶען זֵייא אַרוֹיס רוּפֶען צוּא דֶעם טַאגֶעס אַרְבֶּעט.

נָאר אִין דֶעם הוֹיז פוּן ר׳ מנחם איטליש אִיז מֶען שׁוֹין נִיט גֶעשְׁלָאפֶען אוּנ דִיא מֶענְשֶׁען פוּן דָארְט זַיינֶען הַיינְט גֶעוֶועזִין פַארְנוּמֶען מִיט אַסַךְ אַרְבֶּעט, וַוייל אִין דֶעם טָאג הָאבֶּען גֶעדַארְפְט אַרוֹיס פָארִין קַיין ליגניטץ דְרַייא פֶערְזָאנֶען פוּן דֶעם הוֹיז: מיכאל, זַיין כַּלָּה בעללא מִיט זַיין שְׁוֶועסְטֶער רחל, וֶועלְכֶע הָאבֶּען גֶעהָאפְט צוּא גֶעפִינֶען אוֹיף דֶעם נַייעֶם אָרְט דִיא רוּהֶע וָואס

זַייא הָאבֶּען דָא פֶערְלָארֶען אִין פראג אִיבֶּער דִיא מִלְחָמָה. אֱמֶת, דִי הוסיטען הָאבּען אֲפִילוּ גֶעזִיגְט גֶעגֶען דֶעם קֵיסָר׳שֶׁען מִילִיטֶער, ווִיא מִיר הָאבֶּען שׁוין פְרִיהֶער גֶעזָאגְט, נָאר פוּן דֶעם שְׁוֶוערֶען שְׁלַאכְט זַיינֶען זַייא שְׁטַארְק אָפּ גֶעשְׁוַואכְט גֶעוָוארֶען, דָאס גֶעלְד הָאט זִיךְ בַּייא זַייא אויס גֶעלָאזְט אוּנ זַייעֶר חַיִל אִיז אַלֶע מָאהל גֶעוָוארֶען וַוייניגֶער, אִין דֶעם, וֶוען זַייעֶר גֶעגְנֶער, דֶער קיסר זיגיסמונד, אִיז אַלֶע טָאג שְׁטַארְקֶער גֶעוָוארֶען אִין חַיִל, דֶען מַאסֶען מֶענְשֶׁען זַיינֶען אִיהם צוּא הִילְף גֶעקוּמֶען פוּן גַאנְץ דַייטְשְׁלַאנְד אוּם עֶר זָאל בֶּענַייהֶען דִיא מִלְחָמָה גֶעגֶען זַייעֶרֶע שׂוֹנְאִים, דִיא הוסיטען. דַארִיבֶּער הָאט אַרוֹיס גֶעקוּקְט יֶעצְט אַגְרוֹיס אוּמְגְלִיק אוֹיף דֶער שְׁטָאט פראג, דֶען קוים וֶוערְד זִיא עֶרְאָבֶּערְט פוּן דֶעם שׂוֹנֵא וֶועלֶען אוֹיךְ דִיא יוּדֶען פוּן דָארְט נִיט פֶערְשׁוינְט וֶוערֶען, וַוייל זַייעֶר פַאר בְּרֶעכֶען אִיז שׁוֹין לַאנְג פַאר צֵייכִינְט בַּיים קיסר, וֶועלְכֶער הָאט צָארְנֶענְד גֶעשְׁוָוארֶען אָן זַייא זִיךְ נוֹקֵם צוּא זַיין דֶער פַאר וָואס זַייא הָאבֶּען גֶעשְׁטִיצְט מִיט גֶעלְד דָאס מִילִיטֶער פוּן דִיא הוסיטען.

אָט דֶערִיבֶּער הָאט זִיךְ איטליש בֶּעשְׁלָאסֶען צוּא אַרוֹיס שִׁיקֶען פוּן דַאנֶען דִיא קִינְדֶער אוּם זַייא זָאלֶען נִיט אַרַיין פַאלֶען צוּם שׂוֹנֵא אִין דִיא הֶענְד, אוּנ הָאט מִיט אוּנְגֶעדוּלְד אָפּ גֶעוַוארְט דִיא צַייט בִּיז רחל אִיז גֶעזוּנְד גֶעוָוארֶען. תְּחִילַת הָאט עֶר אֲפִילוּ אַלֵיין אוֹיךְ מִיט זַייא גֶעוָואלְט מִיט פָאהרֶען בִּיז קֵיין ליגניטץ, אוּם עֶס זָאל זַייא נִיט טְרֶעפִין קֵיין גֶעפַאהר אוֹיפִין וֶועג, נָאר זַיין טְרַייעֶר גֶעוֶועזֶענֶער דִינֶער ערנסט הָאט אִיהם אָפּ גֶעהַאלְטֶען צוּרִיק אוּנ הָאט אוֹיף זִיךְ גֶענוּמֶען צוּא בֶּעגְלֵייטֶען דִיא דְרַייא רַייזֶענְדֶע אוּנ זַייא צוּשְׁטֶעלֶען גְלַייךְ קֵיין ליגניטץ.

ערנסט, אִין דֶער צַייט וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעפוּנֶען אִין דֶעם הוסיטישֶׁען מִילִיטֶער הָאט בֶּעוִויזֶען גְרוֹיסֶע גְבוּרוֹת אִין דֶער מִלְחָמָה פַאר זַיין לַאנְד, אַזוֹיא אַז עֶר הָאט אוֹיף זִיךְ אַרוֹיף גֶעצוֹיגֶען דִיא אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט פוּן אַלֶע בֶּעאַמְטֶע אוּנ פוּן דֶעם גֶענֶערַאל ציסקא וֶועלְכֶער הָאט אִיהם דֶער פַאר גֶעמַאכְט פַאר אָפִיצֶער. בַּייא דֶער לֶעצְטֶער שְׁטְרַייט פוּן דֶעם 14 טֶען יוּלִי הָאט עֶר גֶערֶעטֶעט דָאס לֶעבֶּען פוּן דֶעם גֶענֶערַאל ציסקא אוּנ דֶער פַאר הָאט עֶר אִיהם שְׁטַארְק לִיבּ בֶּעקוּמֶען, דָאךְ ווִיא גֶעאַכְטֶעט אוּנ עֶרְהוֹיבֶּען עֶר אִיז אַלֶע מָאל גֶעוָוארִין הָאט עֶר אַלְץ נִיט פַאר גֶעסִין זַיין אַלְטֶען יוּדִישֶׁען ווִירְטְה, דֶעם ה׳ איטליש, אוּנ אִיז אַלֶע טָאג גֶעקוּמֶען אַהִין גֶעוָואר וֶוערִין וָואס רחל טוּט, אוּנ אַלְס זִיא אִיז צוּרִיק גֶעזוּנְד גֶעוָוארִין הָאט עֶר זִיךְ גֶעפְרֵייט גְלַייךְ מִיט אַלֶע הוֹיז לַייט פוּן דָארְט.

אַלְס דִיא דְרַייא פֶערְזָאנֶען פוּן איטלישעס הוֹיז הָאבִּין זִיךְ פֶערְטִיג גִימַאכְט אִין וֶועג הָאט ערנסט גִינוּמֶען אָפְּשְׁפוּסְק פוּן זַיין גֶענֶערַאל אוּם צוּא בֶּעגְלֵייטֶען זַייא אִין וֶועג, אוּנ אֵיינֶעם פוּן זַיינֶע דִינֶער הָאט עֶר גֶעשִׁיקְט אַלְס קַארִיעֶר צוּם רָב פוּן ליגניטץ עֶר זָאל אִיהם אָן מֶעלְדֶען פוּן זַייעֶר אָן קוּמֶען.

מִיר גֶעמֶען זִיךְ נִישְׁט אוּנְטֶער צוּא שִׁילְדֶערְן דִיא טְרוֹיעֶרִיגֶע סְצֶענֶע וָואס אִיז פָאר גֶעקוּמֶען אַלְס אִיטְלִישׁ מִיט זַיין פְרוֹיא הָאבִּין זִיךְ נִידַארְפְט צוּא שֵׁיידִין מִיט זַייעֶרֶע טַייעֶרֶע טָאכְטֶער בעללא אוּנ אוֹיךְ מִיט מיכאל אוּנ רחל׳ן וֶועלְכֶע זֶענֶען זַייא אַזוֹיא לִיבּ גֶעוֶועזִין וִויא אֵייגֶענֶע קִינְדֶער, — דָאס אַלֶעס קֶענְן זִיךְ דֶער צַארְטֶער לֶעזֶער אַלֵיין פָאר שְׁטֶעלִין אוּנ מִיר וֶועלִין לִיבֶּערְסְט נָאךְ שְׁפִּירֶען דִיא רַייזֶענֶע.

צְוַוייא טָאג זֶענֶען זַייא גֶעפָאהרִין בְּשָׁלוֹם אוּנ קֵיין שׁוּם מְנִיעָה הָאט זִיךְ נִיט גֶעוִויזֶען אִין זַייעֶר וֶועג. אוֹיפִין דְרִיטֶען טָאג, אַלְס דִיא זוּן הָאט זִיךְ שׁוֹין גֶענֵייגְט צוּא מַעֲרָב זַייט, זֶענֶען זַייא שׁוֹין גֶעוֶועזִין נָאהנְט פוּן דֶער גְרֶענֶעץ פוּן שלעזיען אוּנ אַזוֹיא וִויא ערנסט הָאט גוּט גֶעוואוּסְט דֶעם שְׁטַאנְד פוּן דֶעם קֵיסֶערְשֶׁען מִילִיטֶער, אוֹיף וֶועלְכֶע עֶרְטֶער עֶס אִיז צוּא וָוארְפֶען, הָאט עֶר גֶעראַטְהֶען מיכאל׳ן צוּא אוּים מַיידֶען דִיא אַלֶע עֶרְטֶער אוּנ בִּידַיי אָן צוּא לֵייגֶען אִיבֶּרִיגֶען וֶועג אַבִּי נִיט צוּא בֶּעגֶעגֶענֶען זִיךְ מִיט דֶעם קֵיסֶערְס מִילִיטֶער, וֶועלְכֶע וֶועלִין זַייא פֶערְהַאלְטֶען אוּנ נִיט אַרִיבֶּער לָאזִין דֶעם גְרֶענֶעץ. דֶער וַוייל אִיז גֶעוָוארִין נַאכְט; זַייעֶר פוּהר אִיז פַאר בַּייא גֶעפָאהרִין אַיין גְרוֹיסִין וַואלְד אוּנ ערנסט מִיט מיכאל׳ן הָאבִּין אָן גֶעצוּנְדֶען פַאקֶעלְן אוּם צוּא בֶּעלַייכְטֶען פַאר זִיךְ דֶעם וֶועג, זַייא הָאבִּין זִיךְ גְרֵייט גֶעמַאכְט צוּא פָאהרֶען אַיין גַאנְצֶע נַאכְט בִּיז זַייא וֶועלִין אוּים מַיידֶען דָאס מִילִיטֶער אוּנ וֶועלִין אַרִיבֶּער דֶעם גְרֶענֶעץ, נָאר קוֹים זֶענֶען זַייא אַזוֹיא אָפּ גֶעפָאהרֶען אַיין שָׁעָה אִין דֶער נַאכְט הָאבִּין זַייא פְּלוּצִים דֶער הֶערְט וִויא עֶס לוֹיפֶען זַייא אוּנְטֶען נָאךְ רַייטֶער, ערנסט הָאט זִיךְ אוּם גֶעקוּקְט צוּרִיק הָאט עֶר דֶער זֶעהְן וִויא עֶס לוֹיפֶען גְלַייךְ צוּא זַייא אַסַךְ גֶעוואַפֶענְטֶע רַייטֶער. „אֶפְשַׁר אִיז עֶס נָאר אַיין קַאראַוואַן פוּן סוֹחֲרִים, הָאט עֶר זִיךְ אִין אָן פַאנְג גֶעטְרַאכְט, וועלְכֶע פָאהרֶען גֶעוואַפֶענְט צוּא בֶּעשִׁיטְצֶען זִיךְ גֶעגֶען דִיא רוֹיבֶּער וֶועלְכֶע זֶענֶען צוּא שְׁפְּרֵייט אִיבֶּער דֶעם לַאנְד אִין דֶער אוּנְרוּהִיגֶער צַייט״, נָאר אַלְס דִיא רַייטֶער זֶענֶען שׁוֹין גִיוֶוען אוֹיף 50 שְׁפַּאן פוּן זַייא אִיז עֶר רֶעכְט עֶרְצִיטֶערְט גֶעוָוארִין אוּנ הָאט שְׁטִיל אַיין גֶערוֹימְט מיכאל׳ן אִין אוֹיעֶר אַז דָאס זֶענֶען דִיא זָעלְנֶער פוּן דֶעם קֵיסֶערְס מִילִיטֶער אוּנ אוֹיבּ זַייא וֶועלִין אוֹיף זַייא אָן פַאלֶען וֶועט שְׁוֶוער זַיין גֶעגֶען זַייא זִיךְ צוּא שְׁטֶעלִין, וַוייל זַייא זֶענֶען אַסַךְ אִין דֶער צָאהל. „אוּנ דָאךְ לָאמִיר בַּייא זִיךְ נִיט אַרָאבּ פַאלֶען אוּנ נִיט אוֹיף הֶערֶען צוּא בֶּעשִׁיטְצֶען דִיא פְרַיילִינְס בִּיז אִין דֶער לֶעצְטֶער מִינוּט פוּן אוּנְזֶער לֶעבִּין״ הָאט עֶר גִיעֶנְדִיגְט זַיינֶע וֶוערְטֶער, נָאר קוֹים הָאט עֶר דָאס גִיעֶנְדִיגְט הָאבִּין זַייא בַּאלְד אַרוּם גֶענוּמֶען 8 רַייטֶער פוּן אַלֶע זַייטֶן אוּנ הָאבִּין מִיט אַדָאנֶער שְׁטִימֶע בֶּעפוֹילֶען דֶעם יַאמְשְׁטִיג עֶר זָאל אָפּ שְׁטֶעלִין דִיא פֶערְד, ערנסט הָאט פֶערְשְׁטַאנֶען אַז דָא וֶועט קֵיין גֶעוֶוער נִיט הֶעלְפִין הָאט עֶר זִיךְ בַּאדוּרְךְ צוּא זַייא גֶעפְּרוּווּט וֶוענְדֶען אוֹיף דֶעם גוּטֶען אַרְט:

— פֶּערְצַייהֶעט מִיר, מַיינֶע הֶעלְדִין, הָאט דִיא ערנסט גֶעבֶּעטִין מִיט אַוַייכֶע שְׁטִימֶע, מִיר זֶענֶען דָאךְ בְּרַאוֶוע לַייט, מִיט פָּאהְרִין קַיין ליגניטץ אום צוּא צוּא שְׁטֶעלִין צְוַייא קְרַאנֶקע מֵידְלִיךְ צוּא זַייעֶרֶע פְרַיינְד, אַלְזָא בֶּעט אִיךְ אַייךְ עֶרְבַּארֶעמְט אַייךְ אוֹיף דִיא אוּמְשׁוּלְדִיגֶע זֶעעֶלֶן אוּנ פֶּערְפִיהְרְט נִיט קַיין קְרִיעג אִין וֶועג; דֶען אוֹיף אַיין שְׁטִילֶען אָרְט אִין דֶער פִּינְצְטֶערֶער נַאכְט שְׁטֶעלְט מֶען זִיךְ נִיט שְׁלָאגֶען מִיט גֶעוֶוער, וֶוען מִיר זָאלִין זִיךְ צוּא זַאמֶען טְרֶעפִין אוֹיף דֶעם שְׁלַאכְטְפֶּעלְד דַאנן וָואלְט מֶען גֶעזֶעהן וֶוער פוּן אוּנְז עֶס וָואלְט גוֹבר גֶעוֶוען אִין דֶער קְרִיעג, אָבֶער צוּא בֶּעאוּנְרוּהִיגֶען רַייזֶענְדֶע אוֹיף אַרוּהִיגֶען אָרְט אוּנ נָאךְ אִין דער פִּינְצְטֶערְנֶעשׁ הֵייסְט עֶס אַפַּארְבְּרֶעכֶען פַאר וֶועלְכֶען זֶעלְבְּסְט דֶער קֵיסֶער וֶועט נִיט פֶּערְצַייהֶען.

— אָ, וָואס פַאר אַטַייעֶרֶער רוֹיב דָאס אִיז! הָאט מִיט פְרֵייד אוֹיס גֶעשְׁרִיעֶן אֵיינֶער פוּן דִיא רַייטֶער וָואס נָאךְ זַיין הֵייזֶערִיגֶער שְׁטִימֶע הָאט אִיהם ערנסט בַּאלְד דֶער קֶענְט אַז עֶר אִיז דֶער פֶערְדָארְבֶּענֶער קיליאן וֶועלְכֶער אִיז אַנְטְלָאפֶּען פוּן פראג אַלְס ציסקא הָאט פַאר בְּרֶענְט דִיא צְוַייא מָאנַאכֶען מִיט דֶעם מאנאסטיר (זֶעהט אִין 7 טֶען קַאפִּיטֶעל) — אוּנ אַלְזָא זֶענֶען שׁוֹין גֶעחַאפְּט גֶעוָוארִין אִין אוּנְזֶער נֶעטְץ דִיא צְוַייא צַארְטֶע טַייבֶּעלִיךְ! הָאט קיליאן ווייטֶער גֶעזָאגְט מִיט גֶעשְׁפֶּעט, נָאר דָא הָאט אִיהר יוּדֶען זִיךְ שְׁטַארְק בֶּענַארֶעשְׁט וָואס אִיהר הָאט פְרִיעֶר אַרוֹיס גֶעשִׁיקְט קַיין ליגניטץ אַבֶּעזוּנְדֶער שְׁלִיחַ, דֶען דָארְט וָואהְנְט אַשְׁרַייבֶּער אמבראזיוס ביטשען וֶועלְכֶער הָאט זִיךְ פָאר גֶענוּמֶען צוּא מַאכֶען אַתֵל פוּן אַלֶע אַייעֶרֶע יוּדֶען מִיט אַייךְ צוּא זַאמֶען אוּנ עֶר וֶועט נִיט רוּהֶען בִּיז עֶר וֶועט פְרִיעֶר אוּמְבְּרֵיינְגֶען דֶעם רַאבִּינֶער פוּן דָארְט, וֶועלְכֶער אִיז אַזַא נַאר גֶעוֶועזִין אוּנ הָאט אִיהם אוֹיס גֶעזָאגְט אַייעֶר סוֹד אַז אִיהר פָּאהְרְט אַהִין זִיךְ בַּאזֶעצִין, אוּנ נָאךְ דֶעם וֶועט עֶר אוּמְבְּרֵיינְגֶען אַלֶע פֶערְפְלוּכְטֶע יוּדֶען פוּן דֶער וֶועלְט, יֶעצְט זֶענְט אִיהר אַלֶע שׁוֹין גֶעפַאנְגֶען, אִיךְ וֶועל אַייךְ צוּא שְׁטֶעלִין צוּא אוּנְזֶער פָּאלְקָאוְונִיק אוּנ עֶר וֶועט זִיךְ מִיט אַייךְ שׁוֹין אָבּ רֶעכֶענֶען פַאר דִיא צְוַייא מָאנַאכֶען וֶועלְכֶע זֶענֶען דוּרְךְ אַייךְ פוּן דֶער וֶועלְט גֶענַאנְגֶען. אַךְ, וָואס פַאר אַגְרוֹיסֶער יוֹם טוֹב עֶס וֶועט הַיינְט זַיין אִין אוּנְזֶער לַאגֶער! אוֹיף דֶעם טָאג הָאבּ אִיךְ דָאךְ שׁוֹין פוּן לַאנְג אַרוֹיס גֶעקוּקְט!...

דִיא רַייטֶער הָאבִּין אַרוּם גֶערִינְגֶעלְט דֶעם וָואגֶען פוּן אַלֶע זַייטֶען אוּנ רחל מִיט בעללא׳ן הָאבִּין פַאר שְׁרֶעק אוֹיף גִיהֶערְט מֶעהר צוּא הֶערִין אוּנ צוּא זֶעהן, דֶען קוֹים הָאבֶּען זֵייא דֶער קֶענְט אָן דֶער שְׁטִימֶע זַייעֶר שְׁרֶעקְלִיכֶען שׂוֹנֵא קיליאן, הָאט זֵייא בַּאדֶעקְט אַיין טוֹיט שְׁרֶעקֶענִישׁ אוּנ זֶענֶען פֶערְצְוַוייפֶעלְט גֶעבְּלִיבֶּען, שְׁטִיל אוּנ מִיט אַרָאבּ גֶעלָאזְטֶע קֶעפּ זֶענֶען מיכאל מִיט ערנסט גֶעגַאנְגֶען צְוִוישֶׁען דִיא רַייטֶער אוּנ פּוּנְקְט אִין הַאלְבֶּע נַאכְט זֶענֶען זֵייא צוּא גֶעקוּמֶען צוּם לַאגֶער, דָארְט הָאט קיליאן דִיא גֶעפַאנְגֶענֶע

אַריין גֶעפִֿיהרְט אִין אַיין בַּאזוּנְדֶערֶע פַּאלַאטְקֶע אוּנ הָאט אַרוּם זַייא גֶעשְׁטֶעלְט אַיין וַואך .

אַלֶע סָאלְדַאטֶן פוּן דֶעם לַאגֶר זֶענֶען נָאך גִיוֶועזִין פֶערְזוּנְקֶן אִין זַייעֶר שְׁלָאף אוֹיף דִיא וֶועכְטֶער פוּן דִיא גֶעפַאנְגֶענֶע הָאבִּין אַיין גֶעדְרוּמֶעלְט וַוייל זַייא הָאבִּין זִיך אִין דֶעם אָבֶענְד גְרַאדֶע אָן גֶעשִׁיכּוּרְט אִין אַיין שֶׁענְק הוֹיז , ערנסט מִיט מיכאל'ן וֶועלְכֶע הָאבִּין נִיט פֶערְלוֹירֶען זַייעֶר מוּטְה הָאבִּין אָן גֶעהוֹיבִּין זִיך צוּא מְיַשֵׁב זַיין וִויא אַזוֹיא צוּא רֶעטֶען דִיא צְוַוייא פְּרַיילִינְס , זַייא הָאבִּין אָבֶּער קֵיין שׁוּם זִיכֶערְן מִיטֶעל גֶעפוּנֶען , אַם עֶנְדֶע הָאט ערנסט אַרוֹיס גֶעזָאגְט זַיין עֵצָה , אַז עֶר דֶענְקְט צוּא אַרוֹיס גַנְבֶ'עְנֶען זִיך אִין דֶער שְׁטִיל פוּן דֶעם לַאגֶער אוּנ וֶועט אַנְטְלוֹיפִין גְלַייך קֵיין ליגניטץ אוּם צוּא אָן מֶעלְדֶען דָארְט דֶעם רַאבִּינֶער פוּן דֶעם אוּמְגְלִיק וָואס עֶס הָאט זַייא גֶעטְרָאפֶען אוּנ פִילַייכְט וֶועט עֶר קֶענֶען פּוֹעֵל זַיין בַּייא דֶעם פִּירְשְׁט עֶר זָאל אוֹיס וִוירְקֶען בַּייא דֶעם קֵייסֶער צוּא בֶּעפְרַייעֶן דִיא גֶעפַאנְגֶענֶע . דִיא עֵצָה אִיז מיכאל'ן גֶעפֶעלִין . ערנסט הָאט נִיט גֶעזוֹימְט קֵיין צַייט אוּנ אִיז שְׁטִיל דוּרְך גֶעגַאנְגֶען נֶעבֶּען דִיא פֶערְשְׁלָאפֶענֶע וֶועכְטֶער אוּנ אַזוֹיא אוֹיך דוּרְך דִיא אִיבְּרִיגֶע פַּאלַאטְקֶעס . צוּמָאל הָאט זִיך אֲפִילוּ אֵיינֶער עֶרְוַואכְט פוּן זַיינֶע טְרִיט , נָאר דַאן הָאט עֶר זִיך בַּאלְד אַוֶועק גֶעטָאהְן צוּא דֶ'רֶערְד אוּנ אִיז גֶעלֶעגִין שְׁטִיל בִּיז יֶענֶער אִיז צוּרִיק אַנְטְשְׁלָאפִין גֶעוָוארִין אוּנ אַזוֹיא אִיז עֶר אִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען דֶעם גֶעפֶעהְרְלִיכֶען אָרְט בִּיז עֶר אִיז שׁוֹין אָן גֶעקוּמֶען צוּם עֶק פוּן דֶעם לַאגֶער , דָארְט הָאט עֶר אָב גֶעבּוּנְדֶען אַיין מִילִיטֶערְשׁ פֶערְד אוּנ הָאט זִיך אוֹיף אִיהם אַרוֹיף גֶעחַאפְּט אוּנ אִיז מִיט אִיהם אַנְטְלָאפִין גֶעוָוארִין .

אוֹיפִין אַנְדֶערִין טָאג , מִיט דֶעם בֶּעגִינֶען , אִיז קיליאן בַּאלְד אַרַיין גֶעגַאנְגֶען צוּא זַיינֶע גֶעפַאנְגֶענֶע אוּם צוּא פְרֶייהֶען זִיך מִיט זַייעֶר אוּמְגְלִיק אוּנ בֶּעזָאנְדֶערְס הָאט זִיך אִיהם גֶעגְלוּסְט אַבִּיסֶעל חוֹזֵק מַאכִין פוּן זַיין אַלְטִין שׂוֹנֵא , ערנסט , אוּנ צוּא אָן קְוֶועלִין פוּן זַיין מַפָּלָה ; נָאר אוּמְזוּנְסְט הָאט עֶר אִיהם גֶעזוּכְט אִין אַלֶע ווִינְקֶלֶען , הָאט אוֹיך גִיפְרֶעגְט דִיא וֶועכְטֶער וֶועלְכֶע הָאבִּין אִיהם אִין דֶער נַאכְט גֶעהִיט אוּנ קֵיינֶער הָאט פוּן אִיהם נִיט גֶעוואוּסְט , עֶר הָאט זִיך גֶעפְּרוּוְט אוֹיס צוּא פָארְשְׁטִין בַּייא דִיא גֶעפַאנְגֶענֶע אוּנ הָאט אוֹיך פוּן זַייא קֵיין טָאלְק נִיט גִיקֶענְט דֶער גֵיין , דָאך אִיז עֶר בַּייא זִיך נִיט אַרָאבּ גֶעפַאלִין אוּנ הָאט גִיפוּנֶען אַיין טְרַייסְט אָן דִיא דְרַייא נְפָשׁוֹת וֶועלְכֶע גֶעפִינֶען זִיך אִין זַיינֶע הֶענְד , דָאס אִיז : מיכאל מִיט דִיא צְוַוייא פְרַיילִינְס , אוֹיף וֶועלְכֶע עֶס וַוארְט שׁוֹין דִיא שְׁוֶוערְט , אוּנ וֶועלְכֶע גֶעפִינֶען זִיך שׁוֹין יֶעצְט צְוִוישֶׁען לֶעבֶּען אוּנ טוֹיט . דֶער פַאר דָארְבֶּענֶער מֶענְטְשׁ הָאט דִיא גְרֶעסְטֶע הֲנָאָה גֶעהַאט וָואס דוּרְך זַיינֶע הֶענְד וֶועלִין אוּמְקוּמֶען דִיא דְרַייא רֵיינֶע זֶעלֶען , אוּנ הָאט בֶּעפוֹילֶען זַיינֶע סָאלְדַאטֶען זַייא זָאלִין אִיהם נָאך פִיהרֶען דִיא גֶעפַאנְגֶענֶע גְלַייך צוּם פָּאלְקָאוְונִיק

(דער צווייטער הבן

— הַא, מֶען הָאט אַייךְ גֶעחַאפְּט, פֶערְפְלוּכְטֶע יוּדֶען! הָאט אוֹיף זַייא אַיין גֶעשְׁרַייא גֶעטָאהן דֶער פָּאלְקָאוְנִיק מִיט זַיין דָאנְנֶערְנְדֶע שְׁטִימֶע — אִיהר זֶענְט שׁוּלְדִיג אִין דֶעם טוֹיט פוּן דִיא צְוַוייא צַדִיקִים איננאציוס מִיט סיקסטוּסען, דִיא הַיילִיגֶע מֶענֶער פוּן אוּנְזֶער קִירְכֶע אוּנ דֶער שְׁטָאלְץ פוּן אוּנְזֶער גְלוֹיבֶּען! אִיהר הָאט זַייא אִיבֶּער גֶעגֶעבִּין צוּא אוּנְזֶערֶע שׂוֹנְאִים דִיא הוּסִיטֶען אוּם זַייא זָאלִין גֶעטֵייט וֶוערִין מִיט אַיין טִירַאנִישֶׁען טוֹיט! אִיהר הָאט פַאר בְּרֶענְט אִין פראג אוּנְזֶער הַיילִיגֶען מאנאסטיר צוּא זַאמֶען מִיט דִיא הַיילִיגֶע מָאנַאכִינֶען! יַא, גְרוֹיס אִיז אַייעֶרֶע זִינְד, אָ פֶערְפְלוּכְטֶע יוּדֶען — אוּנ נָאךְ גְרֶעסֶער, נָאךְ שְׁרֶעקְלִיכֶער אוּנ נָאךְ גְרוֹיזַאמֶער וֶועט זַיין אוּנְזֶערֶע גֶערֶעכְטֶע שְׁטְרָאף! מִיר וֶועלִין אַייךְ בֶּעצָאהלֶען פַאר אַייעֶרֶע זִינְד כֶּפֶל כִּפְלַיִם, נִישְׁט אִיךְ וֶועל אַייךְ מִשְׁפֶּטִ׳ן, דֶען אִיךְ בִּין צוּא שְׁוַואךְ אוּנ בִּין גָאר נִיט אִימְשְׁטַאנְד אַייךְ צוּא בֶּעצָאהלֶען וִויפִיעל אִיהר הָאט פֶערְדִינְט, אָט בַּאלְד וֶועט צוּא אוּנְז אָן קוּמֶען זַיינֶע קֵייזֶערְלִיכֶע הָאהַייט אוּנ זַיינֶע מַאיְסֶטֶעט וֶועט אַייךְ אַלֵיין מִשְׁפֶּטִ׳ן מִיט זַיין חָכְמָה — עֶר וֶועט מִיט זַיינֶע הֶענְד אַייךְ אוֹיס טֵיילֶען דִיא שְׁטְרָאף, וֶועט פַאר אַייךְ אוֹיס זוּכִין אַזֶעלְכֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע לֵיידֶען, אַזַא בִּיטֶערְן פַּיין, וֶועלְכֶע וֶועלִין אַייךְ צֶערְייבִּין אוֹיף שְׁטוֹיב אוּנְטֶער זַיינֶע פִיס, אוּנ נַאכְהֶער וֶוען עֶר וֶועט בֶּעזִיגֶען דִיא שְׁטָאט פראג, וֶועט מֶען בְּרֵיינְגֶען אַייעֶרֶע צֶערִיבֶּענֶע קֶערְפֶּערְן צוּם זֶעלְבֶּען אָרְט וואוּ עֶס זֶענֶען אוּם גֶעבְּרַאכְט גֶעוָוארִין אוּנְזֶערֶע צְוַוייא מָאנַאכֶען, דִיא צַדִיקִים אוּנ קְדוֹשִׁים, אוּנ דָארְט וֶועט אִיהר בֶּעשְׁטְרָאפְט וֶוערִין מִיט אַיין פַארְטִיגִין פַייעֶרְדִיגִין גֵיהִנֹם, אִין וֶועלְכֶען אַייעֶרֶע בֵּיינֶער וֶועלִין פֶערְשְׁרוּמְפֶּען וֶוערִין בִּיסְלִיךְ וַוייס, בִּיז אַייעֶרֶע נְשָׁמוֹת וֶועלִין פוּן אַייךְ אַרוֹיס גֵיין מִיט אַזֶעלְכֶע שְׁמֶערְצֶען אוּנ לֵיידֶען וָואס אַייעֶרֶע עֶלְטֶערִין הָאבִּין עֶס נִיט פֶערְזוּכְט אֲפִילוּ אִין זַייעֶרֶען בִּיטֶערְסְטֶען גָלוּת!

## 11.

## דִיא בֵּייזֶע בְּשׂוֹרָה.

טְרוֹיעֶרִיג אוּנ פֶערְזָארְגְט אִיז גֶעזֶעסִין דֶער ליגניטצער רָב ר׳ משה אִין זַיין צִימֶער, אוּנ אָבְּוָואהל עֶס וַואר שׁוֹין גֶענוּג שְׁפֶּעט אִין דֶער נַאכְט, דָאךְ הָאט עֶר נָאךְ נִיט אַנְגֶעשְׁלָאפִין, אַסַך סְפָרִים, גְרוֹיסֶע אוּנ קְלֵיינֶע, זֶענֶען גֶעלֶעגִין פַאר אִיהם אָפֶען, אִין וֶועלְכֶע עֶר הָאט אַרֵיין גֶעקוּקְט מִיט דִיא אוֹיגִין נָאר זַיין הַארְץ אִיז דֶער בַּייא נִישְׁט גִיוֶועזִין אוּנ זַיינֶע גֶעדַאנְקֶען זַיינֶען גִיוֶועזִין פַאר נוּמֶען מִיט אַיין גַאנְץ אַנְדֶערֶער זַאךְ. אָן שְׁפַארֶענְדִיג זַיין קָאפְּף אוֹיף דֶער לִינְקֶער הַאנְד הָאט עֶר אַלֶע מָאל אַיין קוּק גֶעטָאהן אִין דִיא סְפָרִים אוּנ הָאט זִיךְ בַּאלְד פוּן נַייא אָב גֶעקֶעהְרְט אוּנ הָאט שְׁוֶוער

געטאטהעמט אונ ביטער געזיפצט , דען עס האט זיך איהם פאר געשטעלט אין דער פאנטאזיע דאס בילד פון דעם שונא ישראל , אמבראזיוס ביטשען , וואס פון זיינע אויגין קוקט ארויס דער האס צוא איהם אפילו דעמאלט ווען ער פערמאסקירט זיך אונ רעדט מיט איהם גאנץ געלאסען ; אונ אלס דער רב איז צוא איהם אויף מארגין גיקומען נאך איין תשובה (זעהעט אין 9 טען קאפיטיל) האט ער אויף איהם געקוקט מיט שפאט אונ פעראכטונג אונ איהם גיענטפערט זייער בייז אז ער וועט ניט דער לאזין דיא „פרעמדע יודען” זיך באזעטצען אין ליגניטץ ווייל ער פערהאסט דאס גאנצע יודישע פאלק , אונ דאס זאגענדיג האבין זיינע אויגין געשטראהלט פון פרייד וויא איינער פרייט זיך אויף דעם צווייטענס מפלה ווערענד ער דענקט איהם שלעכטעס צוא טאהן .

אין דיא אלע קליינינקייטען האט זיך דער רב יעצט דער מאנט אין דער דאזיגער נאכט אונ וואר זייער בעזארגט . „ווער ווייסט, אפשר האט שוין דער שונא געפונען אפלאן וויא אזויא אומגליקליך צוא מאכען איהם (דעם רב) מיט זיין גאנצער געמיינדע ? אדער אפשר האט ער גאר אויס געשפרייט איין נעטץ פאר דיא געסט וועלכע פאהרען יעצט צוא איהם ? אונ נאך וואס האט ער גאר געדארפט דעם שלעכטען מענטשין דער צעהלען דעם סוד פון זייער רייזע אהער ? אמת , דער פירשט לודוויג איז שוין יעצט צוא הויז אונ עס וואלט איהם ניט שווער זיין צוא בעטין ביי איהם דאס צווייטע מאל זיא צוא שיטצען , אבער דער פירשט איז יעצט אהיים גיקומען מיט איין פאר ביטערט הארץ איבער דער מפלה פון דעם קייסערס חיל ביי דיא טויערין פון פראג אונ זיין אומקעהרען אהער איז אויך ניט אויף לאנג , נאר צוא אן גרייטען איין נאיי מיליטער פאר דעם קייסער , אונ האט זיך גענוג געזארגט דרויף דען ער איז ניט אים שטאנד געוועזין צוא פערזארגען דאס מיליטער מיט אלע נעטהיגע פריפאסען , — נא וויא אזויא וועט ער נאך צייט האבין צוא זארגען פאר דיא יודען ?” אזעלכע אונ נאך אנדערע געדאנקען האבין יעצט בעהערשט דעם רב זיטצענדיג געבען דיא ספרים , אונ איז אלע מאל מעהר אונרוהיגער געוואורין , ער איז אויף געשטאנען פון זיין ארט אונ איז צוא געגאנגען צום פענצטער אונ האט עס גיעפינט , איין ריינער ערקוויקענדיגער ווינד האט אן געהויבין בלאזין אויף זיין פערשוויצט פנים אונ האט אביסעל ערקוויקט זיין ערמידעטע זעלע , דער מאנד (לבנה) האט אראב געשיקט פון זיך זיין ליכט , אזויא וויא זילבערנע ויילען, אויף דער שטילער שטאט אונ אין אלע איהרע הייזער אונ גאסען האט געהערשט איין פרידליכע רוהיגקייט ; אלע איהרע איינ= וואהנער רוהען שוין לאנג אויף זייערע געלעגער , נאר דער רב רוהעט נאך ניט , זיין הערץ שטורעמט אין איהם וויא דאס מעער (ים) אונ זיינע געדאנקען ברומען אונ רוישען וויא דיא ארויף געבראכטע הוואליעס פון

אַיין יַם. פֶערְטִיעפֶענְדִיג זִיךְ אִין גֶעדַאנְקֶען הָאט עֶר זִיךְ אוֹיף דֶער מָאנְט אָן
דִיא דְרַייא יוּנְגֶע קִינְדֶער וֶועלְכֶע דַארְפִין צוּא אִיהם אָן קוּמֶען פוּן פּראג — נָאר
וואוּ זֶענֶען זַייא? פַאר וָואס פָאהרֶען זַייא אַזוֹיא לַאנְג?... עֶר הָאט אַרָאבּ
גֶעקוּקְט צוּא דְ'רֶערְד אוּנ הָאט קַיין אַנְטְוָוארְט בֶּעקוּמֶען, הָאט אוֹיף גֶעהוֹיבִּין
זַיינֶע אוֹיגִין צוּם הִימֶעל — דָארְט גֶעהֶען אוּם דִיא שְׁטֶערִין אִין דִיא וֶועגֶען
וָועלְכֶע דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט פַאר זַייא אַיין מָאל בַּאשְׁטֶעלְט, — נָאר פַאר
זַיין גֶעלִיבְּטֶעס פָאלְק אִיז פֶערְלָארֶען יֶעדֶער וֶועג, פֶערְלָארֶען זַיין רוּהֶע אוּנ
בְּלָאנְקֶעט אוּם אוֹיף דֶער וֶועלְט נָאר וִויא אַיין שָׁאטְן וֶועלְכֶען מֶען גַייְנְט וואוּהִין
מֶען וִויל. זַייט דָאס יוּדִישֶׁע פָאלְק אִיז פֶערְטְרִיבֶּען גֶעוָוארִין פוּן זַיין לַאנְד,
פוּן זַיין הֵיילִיגֶע עֶרְד, בְּלָאנְקֶעט עֶס זִיךְ אוּם אוֹיף דָער גְרוֹיסֶער אוּנ בְּרֵייטֶער
וֶועלְט, שׁוֹין עֶטְלִיכֶע הוּנְדֶערְט יָאהר אַז עֶס בְּלָאנְדְזֶעט וִויא אַיין פֶערְאִירְטֶע
שָׁאף אוּנ גֶעפִינְט אִין עֶרְגֶעץ נִיט קַיין זִיכֶער שְׁטִיקֶעל אָרְט אוֹיף וֶועלְכֶען עֶס
זָאל קֶענֶען אוֹיס רוּהֶען זַיין עֶרְמִידֶעט לַייבּ, זַיין שְׁוֶוער - בֶּעזָארְגְטֶען קָאפּף,
וָועלְכֶער אִיז צוּא קַיילְט אוּנ צוּא בַּיילְט גֶעוָוארִין פוּן זַיינֶע שׂוֹנְאִים, וֶועלְכֶע
פֶערְפָאלְגֶען אִיהם נָאר אָן אוֹיף הֶער:

פוּן דֶער פֶעסְטוּנְג הָאט דִיא גְלָאקֶע עֶרְטֶאנְט דִיא 12 טֶע שְׁטוּנְדֶע פוּן
דֶער נַאכְט, דֶער רָב הָאט פֶערְמַאכְט דָאס פֶענְצְטֶער אוּנ הָאט זִיךְ צוּרִיק
גֶעזֶעצְט גֶעבֶּען זַיינֶע אָפֶענֶע סְפָרִים אוּנ הָאט זִיךְ נָאךְ אַמָאל פֶערְטִיעפְט אִין
זַיינֶע גֶעדַאנְקֶען.. . פְּלוּצִים הָאט עֶר דֶער הֶערְט קְלַאפִּין אָן זַיין טִיר אוּנ
הָאט אַיין שׁוֹידֶער גֶעטָאן—דֶען וֶוער קֶען עֶס צוּא אִיהם קוּמֶען אִים הַאלְבֶּע
נַאכְט? אוּנ אָבְּוָואהל דֶער רָב אִיז נִיט גֶעוֶועזִין פוּן דִיא שְׁרֶעקֶענְדִיגֶע לַייט,
דָאךְ יֶעצְט הָאט אִיהם פֶערְחַאפְּט דֶער אָטְהֶעם אוּנ זַיין הַארְץ הָאט
גֶעקְלַאפְּט וִויא מִיט אַיין הַאמֶער, אַלְס עֶר אִיז מִיט דֶעם לַייכְטֶער אִין הַאנְד
צוּא גֶעגַאנְגֶען צוּא דָער טִיר אוּנ זִיא גִיעֶפֶענְט — אוּנ אַיין פִינְצְטֶערֶע
פִיגוּרֶע הָאט עֶרְשַׁיינְט פִיר זַיינֶע אוֹיגִין, אֵיינֶער, גֶעקְלֵיידֶעט וִויא דֶעם
קֵייסָערְס חַיִל, אִיז צוּא אִיהם אַרַיין גֶעקוּמֶען אִין שְׁטוּב. דֶער רָב אִיז צוּא
שְׁרָאקֶען אָבּ גֶעשְׁפְּרוּנְגֶען צוּרִיק. דֶער זֶעלְנֶער הָאט דָאס בַּאלְד בֶּעמֶערְקְט
אוּנ הָאט אִיהם זָא גְלַייךְ בֶּערוּהִיגְט: „אִיךְ קוּם צוּא אַייךְ פוּן אַייעֶר פְרַיינְד
אִיטְלִישׁ אוֹיס פּראג". פוּן דִיא וֶוערְטֶער אִיז דֶער רָב רוּהִיגֶער גֶעוָוארִין, עֶר
הָאט אִיהם אַרַיין גֶעפִיהְרְט צוּא זִיךְ אִין זַיין צִימֶער אוּנ גֶעפְרֶעגְט וֶועלְכֶע
בַּייעֶס עֶר הָאט מִיט זִיךְ גֶעבְּרַאכְט.

— פֶערְצַייהֶעט מִיר, הֶערר רַאבִּינֶער, וָואס אִיךְ בִּין אַייךְ גֶעקוּמֶען
שְׁטֶערִין דִיא רוּהֶע אִים הַאלְבֶּע נַאכְט, הָאט דֶער זֶעלְנֶער זִיךְ אָבּ גֶערוּפִין,
דֶען אִין דִיא קְלֵיידֶער הָאבּ אִיךְ מִיךְ פַאר שְׁטֶעלְט אוּנ בִּין אַרַיין גֶעקוּמֶען
אִין שְׁטָאט נָאךְ אִין אָנְפַאנְג נַאכְט, אִיךְ הָאבּ אָבֶער גֶעוָואלְט עֶס זָאל קֵיינֶער
נִיט בֶּעמֶערְקֶען מַיין אָנְקוּמֶען צוּא אַייךְ הָאבּ אִיךְ דַארִיבֶּער אָבּ גֶעוַוארְט
בִּיז יֶעצְט, אִיךְ בִּין נִיט פוּן דֶעם קֵייסֶערְס חַיִל נָאר פוּן דִיא הוּסִיטֶען אוּנ

אין דעם נאמען פון זייער גענעראל ציסקא האב איך געשטריטען מיט זיינע שונאים אונ מיט מיין שטארקער האנד פאר גרעסערט זיין נאמען, אונ וויל איך בין פריער געוועזין אדינער ביא איער פריינד איטליש, בין איך דאריבער צוא געשטאנען צוא בעגלייטען זיינע קינדער אין וועג וועלכע זענען צוא אייך ארויס געפאהרען...

— נא, וואו זשע זענען זייא? האט דער רב געשווינד איין פרעג געטאהן.

— אט באלד וועט איהר עס וויסען, האט ערנסט (דען דאס וואר ער) גיענטפערט, אונ האט איהם אין קורצען איבער געגעבין וויא עס האלט מיט דיא דרייא יונגע קינדער.

— א, דאס וואס איך האב מיך געשראקען איז עס מיר געקומען! האט דער רב אויס געשריען מיט איין ביטערן זיפץ, אין זייער אומגליק בין איך מאקי אליין שולדיג, דען איך האב אויס געזאגט דעם שרייבער דעם סוד פון זייער רייזע. ווייא איז מיר, אז מיט מיינע אייגענע הענד האב איך זייא אומגליקליך גימאכט! נאר געבענטשט זייא פון גאט, מיין טייערער נאסט, וואס דוא האסט דיך איין געשטעלט דאס לעבען פיר זייערט וועגען, עס וועט נאר טאג ווערין וועל איך גלייך אריבער געהן צום פירשט אונ וועל פרוּווען איהם בעטין אפשר וועט ער וועלין ארויס העלפין דיא קינדער פון זייער אומגליק, אונ אויב ער וועט מיך ניט הערען וועל איך מיך אוועק לאזין גלייך צום קייזערס לאגער אונ וועל פאלין דעם קייסער צוא דיא פיס אונ איהם בעטען ער זאל בעפרייען דיא אומשולדיגע קינדער. נאר דער וויל, מיין יונגער פריינד, גייא לייג זיך צוא אב רוהען דען דוא ביזט דאך מיעד פון דעם וועג, אונ אויך איך וועל מיך פרוּווין צוא לייגין אפשר וועל איך קענען איינשלאפען ווערין.

עס איז נאר טאג געווארין האט דער רב שוין פערלאזט דאס שלאפבעט אונ האט זיך אן געטאהן אין זיינע שבת'דיגע קליידער אונ איז אוועק געגאנגען אין שול אריין, דארט האט ער ערנסט מתפלל געוועזין צום יודישען גאט ער זאל איהם מצליח זיין אין דעם וועג, אין וועלכען ער לאזט זיך יעצט געהן (צום פירשט). אהיים קומענדיג פון דער שול האט ער זיך ענטפערנט צוא זיין צימער, אום צוא בעטראכטין זיך רעכט וואס צוא ריידין מיט דעם פירשט, נאר באלד איז צוא איהם אריין גיקומען דיא רביצין אונ האט איהם אן געמעלדעט אז דער פירשט האט געבעטען דורך איין עקסטרא שליח ער זאל דיא מינוט צוא איהם קומען אין זיין פאלעץ.

## 12.

## ביא דעם פירשט אין פאלעץ.

דער פירשט לודוויג דער צווייטער איז אין היינטיגען מארגען געזעסין אין דעם זאאל, אין וועלכען ער פלעגט נאר אויף נעמען זיינע פערטרויעטסטע מענטשען, דאס צימער וואר פערפוצט זייער רייך אונ פרעכטיג, אויף דיא וואנד האבין געהאנגען טייערע בילדער פון קינסטליכע ארבייטער, צווישען זייא האבין זיך געפונען פארטרעטען פון גרויסע גבורים, אב געמאלט אין גאנצען מיט זייער געוועהר פון דיא אלטע קריגערישע צייטען. פון דיא דרייא גרויסע אונ ברייטע פענצטער, דורך וועלכע עס האבין אריין געשיינט דיא זונענשטראהלען, האבין אן געפילט דיא גרויסע זאאל מיט זייערע ליכט. דער פירשט איז געזעסין אויף איין ברייטער שטוהל, וועלכע וואר באדעקט מיט גאלד אונ מיט העלפענביין, אונ פאר איהם איז געשטאנען זיין לייב-מענטש, דער ריטטער היינץ פון צעדליץ, ביידע האבין געשוויגען אונ זייערע געזיכטער זענען געוועזין באדעקט מיט איין וואלקין פון זארג. בעזאנדערס איז היינט געוועזין זייער גרויס דיא זארג מיט דיא פערוואירונג פון דעם פירשט; זיינע בעסטע גיטער זענען געוועזין פאר זעצט ביא זיינע קרעדיטארען: בריעג, קרייצבורג, פיטשין אונ קאנשטאדט — דיא אלע שטעט וואס זענען איהם אמאל צוא געפאלין פון איין ירושה געפינען זיך היינט ביא זיין שכן, דער פירשט אעלס, אונ ביים סוף יאהר 1419 האט ער צוא זיך גערופין דעם אמבראזיוס ביטשען, דער שרייבער פון ליגניטץ, אונ דורך איהם האט ער געפועלט צוא מאכען איין הלואה ביא דיא חברות בעלי מלאכות פון דער שטאט אויף פיער טויזענד טהאלער גאלד פאר איין אונגעהייערן פראצענט. מיט דעם געלד האט ער אויס געלעזט דיא פיער פאר זעצטע שטעט, נאר באלד איז ער ווידער אריין געפאלען אין איין נייעם געלד פעראיינגענים. דער קייסער זיגיסמונד האט זיך צוא געגרייט צוא אן קומען קיין ברעסלוי צוא אנטאהן דארט דיא קרוין פון הערשאפט אויף דעם לאנד בעהמען, אונ אזויא וויא דער פירשט לודוויג איז געוועזען איינער פון זיינע בעסטע פריינד, האט ער אויך געדארפט אנקומען קיין ברעסלוי מיט זיין חיל, אום צוא שטעלין זיך פאר דעם קייסער מיט דער גאנצער צערעמאניע, אונ דאס האט גיפאדערט זייער אגרויסע הוצאה אונ ער האט ניט געהאט! צוא מאכען אנייע הלואה אין ליגניטץ וועלין דורך דעם גרויסען פראצענט פערפאלין ווערין זיינע געהערבטע שטעדט, אויסער דעם האט ער שטארק פעדהאסט דעם שרייבער ביטשען, וועלכער האט רק גיזוכט פלאנען צוא פאר גרעסערין דיא רעכטע פון דער שטאט כדי זיא זאל אין גאנצין ארויס פון דעם פירשט'ס רשות אונ זאל ווערין ארעספובלי-קאנישע שטאט אונ דאנן וועט ער (ביטשען) ווערין איהר פרעזידענט. דער

גראף צעדליץ, וועלכער האט גוט פערשטאנען דעם פירשט'ס יסורים, האט איהם אעצה גינעבין ער זאל שיקען נאך דעם ראבינער, וועלכער איז שטארק געאכטעט ביי זיין געמיינדע, וועט איהם געראטין צוא פערזאמלען פון זייא צעהן טויזענד טהאלער אונ וועט עס אוועק לייהען דעם פירשט. דער פירשט האט אן גענומען דיא עצה פון זיין פריינד אונ אט דער פאר האט ער היינט געשיקט נאך דעם ראבינער ער זאל צוא איהם דיא מינוט קומען אין זיין פאלעץ.

דיא טיהר פון דער זאאל האט זיך גיעפינט אונ אדיענער האט זיך געוויזען אויף דער שוועל אונ האט אויס גירופין: „דער ראבינער איז גיקומען!" — זאל ער אריין קומען אהער! האט דער פירשט גיענטפערט, אונ באלד איז דער ראבינער אריין גיקומען, האט גימאכט עטליכע טריט אונ האט זיך פערנייגט פאר דעם פירשט מיט אזאנפטען חן, דער פירשט איז ערשטוינט גיווארין פון זיינע אויגען — דען וויא אענגעל פון גאט אזויא האט איהם אויס געוויזען דער רב מיט זיין ליכטיגען פנים אונ מיט זייו פרעכטיגען שטאלץ, נאר ער האט זיך אויף גיהאלטין פון זיין ערוועקטען גייסט אונ איז צוא איהם צוא גינאנגען אונ האט גיפרעגט:

— דאס ביזט דוא דער ראבינער פון ליגניטץ? איך האב שוין לאנג גיהערט זאגין אז דוא ביזט איין וואהלטהעטיגער מאנן, טוהסט גוטס מיט יעדען אומגליקליכען, אהנע צוא פרעגין פון וועלכין גלויבין ער איז; דוא האסט אויך מיטלייד מיט ארימע לייט, העלפסט קראנקע מענטשען אונ ביזט צוא אונזער שטאט וויא אגוטער ענגעל פון גאט געשיקט אום צוא אויס העלפין דיא נויט בעדירפטיגע.

— איך בין ניט ווערטה דיא פיעלע לויב וואס אייערע גנאדע שפרעכט מיר אויס, האט דער רב גיענטפערט מיט זאנפטמוטה אונ האט אראב גילאזט צוא דערד דיא אויגען — אויב עס געראטה מיר צוא טאהן גוטס מיט מענטשין אונ זייא צוא שטיצען לויט מיינע קרעפטין, ערפיל איך דער מיט נאר מיין חוב וואס איך בין אנגעזאגט פון גאט, אונ ווען איך זאל עס ניט טאהן זינדיג איך דער מיט צוא גאט אונ צוא מענטשין.

— עס פרעהט מיך צוא הערין אזעלכע רייד פון דיין מויל, גיעהרטער ראבינער, אונ דאריבער לויבט דיך מיין מונד אונ דוא ביזט ביי מיר שטארק גיעהרט, אונ יעצט הער אויס מיין בקשה וואס איך האב צוא דיר — צוא קענסט דוא אים שטאנד זיין מיר צוא פערשאפען פון דיין געמיינדע אסומע פון צעהן טויזענד טהאלער דאס צוא לייען מיר אויף אהאלב יאהר, אויב יא, זאג זשע מיר אויך וויא פיעל פראצענט וועט מען מיר רעכענען פאר דער סומע?

— אויב איך האב יא געפונען חן ביי מיין גרויסען פירשט, האט דער רב גיזאגט, בעט איך אייער גנאדע זאל זא פיעל זיין צוא אן נעמען

דִיא סוּמֶע גֶעלְד פוּן אַייעֶרֶע אוּנְטֶערְטֶעהֶנֶער אַלְס מַתָּנָה פַאר דָאס פִיעלֶע גוּטְס וָואס אִיהר טוּהט מִיט אוּנְז יוּדֶען.

— צוּ מֵיינְסְט דוּא דָאס עֶרֶענְסְט? הָאט דֶער פִירְשְׁט גִיפְרֶעגְט מִיט גְרֶעסְטֶען עֶרְשְׁטוֹינוּנְג, עֶס אִיז דָאךְ מִיר אוּנְמֶעגְלִיךְ צוּא גְלוֹיבֶּען! דֶען יֶעדֶער טְהַאלֶער, וָואס דִיא שְׁטָאט לִיגְנִיטְץ אָדֶער אֵיינֶע פוּן דִיא מַאנַאסְטִירֶען לַייעֶן מִיר אוֹיס, קָאסְט מִיךְ שְׁרֶעקְלִיכֶע פְּרָאצֶענְט, אוּנ פְּלוֹצִים בִּיזְט דוּא אַזוֹיא פִיעל נוּט צוּא אַוֶועק שֵׁיינְקֶען מִיר פוּן דַיין גֶעמֵיינְדֶע אַזַא גְרוֹיסֶע סוּמֶע גֶעלְד? גֵיין, מַיין הֶערר רַאבִּינֶער, טְרַייבּ מִיט מִיר נִיט קַיין שְׁפַּאס, וַוייל נִיט יֶעצְט אִיז דִיא צַייט דֶער פוּן, זָאג מִיר גְלַייךְ אַרוֹיס וִויא פִיעל פְּרָאצֶענְט פֶערְלַאנְגְט אִיהר פַאר אַייעֶר גֶעלְד?

— גְרוֹיסֶער פִירְשְׁט! הָאט דֶער רַב גֶיעֶנְטְפֶערְט, בֶּעהִיט מִיךְ גָאט צוּא אוֹיס רֵיידֶען אַזַא זַאךְ וָואס אִיךְ זָאל עֶס נִיט מֵיינֶען מְקַיֵים צוּא זַיין. צוּא דֶען וַוייס אִיךְ נִיט פַאר וֶועמֶען אִיךְ שְׁטֶעה יֶעצְט? דֶער כָּבוֹד פוּן דִיא אִירְדִישֶׁע מְלָכִים אִיז בַּייא אוּנְז, נָאךְ אוּנְזֶער תּוֹרָה, פּוּנְקְט אַזוֹיא טַייעֶר וִויא דֶער כָּבוֹד פוּן דֶעם הִימְלִישֶׁען הֶערְשֶׁער. דָאס וָואס אִיךְ הָאבּ גִיזָאגְט מַיין פִירְשְׁט אִיז עֶס בַּייא מִיר פַאר רֶעכֶענְט וִויא אַשְׁבוּעָה פוּן גָאט; דַארִיבֶּער בֶּעט אִיךְ אִין דֶעם נָאמֶען פוּן מַיין גֶעמֵיינְדֶע אִיהר זָאלְט זָא גוּט זַיין אוּנ מִיר בַּאשְׁטֶעלִין דִיא צַייט וֶוען אִיהר וֶועט פוּן מִיר עֶמְפְּפַאנְגֶען דִיא סוּמֶע גֶעלְד פַאר אַמַתָּנָה.

— גֶעלוֹיבְּט זַייא פוּן גָאט פַאר דַיין מֶענְטְשִׁין פְרַיינְדְלִיכֶעס הֶערְץ, הָאט דֶער פִירְשְׁט אוֹיס גֶערוּפִין מִיט אַגֶערִיהְרְטֶעס הֶערְץ רֵייכֶענְדִיג דֶעם רַב זַיין הַאנְד, זַייא מִיר מוֹחֵל, טַייעֶרֶער מֶענְטְשׁ, וָואס אִיךְ הָאבּ תְּחִילַת גֶעצְוַוייפֶעלְט אִין דַיינֶע רֵייד, דֶען אִיךְ בִּין אַרוּם גֶענוּמֶען פוּן שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשִׁין, וֶועלְכֶע ווִילֶען זִיךְ בֶּענוּטְצֶען מִיט מַיין פֶערְלֶעגֶענְהַייט, אוּם צוּא אַוֶועק רוֹיבֶּען מַיינֶע גִיטֶער אוּנ מִיךְ אַרָאבּ צוּא וַוארְפִין פוּן מַיין שְׁטַאנְד. אוּנ וִויא גְלִיקְלִיךְ בִּין אִיךְ יֶעצְט אַלְס אִיךְ הָאבּ דִיךְ גִיפוּנֶען פִיר מַיין טְרַייעֶן פְרַיינְד! נֶעם אַלְזָא נָאךְ אַמָאל צוּא מַיין דַאנְק אוּנ גִיבּ אוֹיךְ אָבּ מַיין דַאנְק דַיין גֶעמֵיינְדֶע פַאר זַייעֶר גוּטְהֶערְצִיגְקַייט צוּא מִיר; זַייט זִיכֶער אַז אִין אַלֶע צַייטֶען וֶוען אִיהר וֶועט נָאר פָאדֶערִין מַיין הִילְף וֶועט אִיהר עֶס בֶּעקוּמֶען.

— מַיין הֶערר אוּנ הֶערְשֶׁער! הָאט דֶער רַב זִיךְ אָבּ גֶערוּפִין מִיט אַקְלַאפֶּענְדִיג הַארְץ, נָאךְ הַיינְט שְׁטֶעל אִיךְ מִיךְ אוּנְטֶער צוּא בֶּעטִין פוּן אַייךְ הִילְף... נִישְׁט פוּן מַיינֶעט וֶועגִין, אוֹיךְ נִישְׁט פַאר מַיין גֶעמֵיינְדֶע, זָאנְדֶערִין פַאר דְרַייא נְפָשׁוֹת פוּן מַיין פָאלְק וֶועלְכֶע גֶעפִינֶען זִיךְ אִין אַגְרוֹיסֶער צָרָה אוּנ אָט פַאר זַייא בֶּעט אִיךְ אִיהר זָאלְט רַחֲמָנוּת הָאבִּין אוּנ זַייא רֶעטֶען פוּן דֶעם טוֹיט!

— וָואס הַייסְט דָאס? הָאט דֶער פִירְשְׁט אוֹיס גֶעשְׁרִיעֶן מִיט שְׁרֶעק,

וֶוער קָאן אויפְהֵייבֶּען אַהַאנְד אויף אוּמְשׁוּלְדִיגֶע נְפָשׁוֹת זֵייא אוּמְצוּבְּרֵיינְגֶען פוּן דֶער וֶועלְט ? דֶערְצֶעהל מִיר וָואס עֶס הָאט מִיט זֵייא גֶעטְרָאפִין אוּנ גִישְׁט נָאר דִיר צוּא לִיעבּ, נָאר אויךְ מִיר אַלֵיין צוּא לִיבּ וֶועל אִיךְ דָאס טָאהן, צוּא לִיעבּ דֶעם אֶמֶת אוּנ גֶערֶעכְטִיגְקֵייט וֶועל אִיךְ עֶרְפִילֶען דֵיין בַּקָשָׁה אויף וִויפִיל אִיךְ וֶועל נָאר אִים שְׁטַאנְד זַיין.

דֶער רָב הָאט דֶער צֶעהלְט דֶעם פִירְשְׁט וִויא אַזוֹיא מִיכאל מִיט זַיין שְׁוֶועסְטֶער אוּנ מִיט זַיין כַּלָה זֶענֶען גֶעפַאנְגֶען גֶעוָוארִין אִין מִיטֶען וֶועג אוּנ גֶעפִינֶען זִיךְ יֶעצְט בַּיים קֵייסֶער אִין לַאגֶער אִין גְרֶעסְטֶען גֶעפַאהר אִיבֶּער אַאויסְגֶעטְרַאכְטֶען בִּלְבּוּל אַז דוּרְךְ זֵייא זֶענֶען אוּמְגֶעבְּרַאכְט גֶעוָוארִין אִין פראג דִיא צְוֵוייא מָאנַאכִין פוּן דִיא הוּסִיטֶען.

— אִיךְ הָאבּ אויךְ גִיהֶערְט דֶער צֵיילֶען, הָאט דֶער פִירְשְׁט גִיעֶנְטְפֶרְט, אַז דוּרְךְ דִיא יוּדֶען זַיינֶען דִיא צְוֵוייא מָאנַאכֶען אוּמְגֶעקוּמֶען. דֶער קייסער זיגיסמונד הָאט דֶער פַאר גֶעשְׁוָוארֶען עֶר זָאל זִיךְ אָן זֵייא נוֹקֵם זַיין. נָאר זָאג מִיר, מַיין פְרַיינְד, אֶפְשַׁר זַיינֶען בֶּאֱמֶת דִיא מֶענְשִׁין שׁוּלְדִיג אִין דֶעם טוֹיט פוּן דִיא מָאנַאכֶען ? אֶפְשַׁר הָאט מֶען דִיךְ פַאר פִיהרְט כְּדֵי זָאלְסְט זַיין פַאר זֵייא אַנוּטֶער מֵלִיץ ? גֶעדֵיינְק אַז דֶער קייסער אִיז אויף זֵייא אֵשׁ לֶהָבָה אוּנ וֶוער ווַייסְט אוֹיבּ אִיךְ וֶועל קֶענֶען שְׁטִילֶען זַיין צָארֶען ? אוּנ דָאס אָפּ זָאגֶענְדִיג הָאט עֶר זִיךְ גֶעזֶעצְט אויף זַיין שְׁטוּל.

— גְרוֹיסֶער פִירְשְׁט ! הָאט דֶער רָב זִיךְ אָפּ גֶערוּפֶען מִיט אַצִיטֶערֶענְדֶע שְׁטִימֶע אוּנ מִיט אַיין פֶערְפְלַאמְטֶעס גֶעזִיכְט פוּן פִיל אויפְרֶעגוּנְג, בֶּעהִיטֶע מִיךְ גָאט צוּא טָאן אַזַא גְרוֹיסֶען פַאר בְּרֶעכִין וִויא צוּא קוּמֶען בֶּעטִין אַייֶער גְנַאדֶע אויף מֶערְדֶער. נֵיין, מַיין הֶערר פִירְשְׁט, נִישְׁט פַאר פֶערְזִינְדִיגְטֶע בֶּעט אִיךְ אַייךְ יֶעצְט, זָאנְדֶערִין פַאר רֵיינֶע, נָאר אוּנְגְלִיקְלִיכֶע נְפָשׁוֹת, וֶועלְכֶע וֶוערִין לַיידֶער פֶערְלָארֶען אוּנְשׁוּלְדִיגֶערְהֵייד ! אוּנ דָא הָאט אִיהם דֶער רָב בֶּעקַאנְט גֶעמַאכְט מִיט דֶער גַאנְצֶע גֶעשִׁיכְטֶע וֶועלְכֶע אִיז שׁוֹין אוּנְזֶערֶע לֶעזֶער בַּאוואוּסְט אוּנ הָאט גִיעֶנְדִיגְט מִיט דִיא וֶוערְטֶער: אוּנ אַלְזָא מַיין הֶערר אוּנ מֶעכְטִיגֶער הֶערְשֶׁער ! פַאלְשֶׁע, בְּלוּטְגִיעֶרִיגֶע מֶענְשֶׁען, זַיינֶען פֶערְזַאמֶעלְט אַרוּם רֵיינֶע אוּנְשׁוּלְדִיגֶע נְפָשׁוֹת אוּנ ווִילֶען זֵייא אוּמְבְּרֵיינְגֶען פוּן דֶער וֶועלְט אוּנ אִין אַייֶערֶע הֶענְד עֶנְטְפֶער אִיךְ אִיבֶּער זֵייעֶר לֶעבִּין. אִיךְ בֶּעט אַייךְ, רֶעטֶעט זֵייא אַרוֹיס פוּן דֶעם גֶעפַאהר דֶען נָאר אויף אַייךְ אִיז יֶעצְט מַיין גַאנְצֶע הָאפְנוּנְג אוּנ אָן אַייךְ קֶען זֵייא קֵיינֶער נִיט הֶעלְפִין !

בְּשַׁעַת דֶער רָב הָאט גִירֶעט הָאט זִיךְ דֶער פִירְשְׁט עֶטְלִיכֶע מָאהל אויף גֶעהוֹיבֶּען פוּן זַיין אָרְט, אַלֶע מָאהל אִיז זַיין הֶערְץ מֶעהר אויפְגֶערֶעגְנֶעט גֶעוָוארֶען, עֶס אִיז דָארְט גֶעוָוארֶען אַגַאנְצֶער רוֹישׁ פוּן מִיטְלֵייד אוּנ צָארִין, רַחֲמָנוּת אוּנ כַּעַס, אוּנ אַלְס דֶער רָב הָאט גִיעֶנְדִיגְט הָאט עֶר אִים גֶערֵייכְט זַיין הַאנְד אוּנ גִיזָאגְט:

בֶּערוּהִיג דִיךְ, מַיין גְיֶעהְרְטֶער פְרַיינְד, דֶען אִיךְ בִּין גֶערֵייט צוּא אָנְנֶעמֶען זִיךְ פַאר דִיא אוּנְגְלִיקְלִיכֶע אוּנ וֶועל זַייא הֶעלְפֶען אוֹיף וִויפִיל אִיךְ וֶועל נָאר אִים שְׁטַאנְד זַיין. מַאךְ דִיךְ פֶערְטִיג נָאךְ הַיינְט צוּא דֶער רַייזֶע, פָאהר אַוֶועק צוּם קייסער אִין לַאגֶער אוּנ אִיךְ פוּן מַיין זַייט וֶועל פַאר דִיר רֵיידֶען אַגוּט וָוארְט פַאר דֶעם קייסער. נִישְׁט קָשֶׁה, זָארְג נִיט, דֶען דִיא גִירֶעכְטִיקַייט אִיז נָאךְ נִיט אָפּ גֶעשְׁטָארְבֶּען פוּן דֶער וֶועלְט, אוּנְשׁוּלְד אוּנ אָרֶענְטְלִיכְקַייט וָועלֶען אִימֶער פֶערְהִיטֶען. דִיא רֵיינֶע זֶעלֶען אוּנ דִיא רְשָׁעִים וֶועלֶען גֶעפַאנְגֶען וָוערֶען אִין זֵייעֶרֶע אֵייגֶענֶע מַעֲשִׂים רָעִים. אוֹיךְ אמבראזיוס ביטשען וֶועט נִיט אִימֶער זִיעֶגֶען, אוֹיךְ זַיין מַפָּלָה וֶועט אָנְטְרֶעטֶען אִין דֶער רֶעכְטֶער צַייט, אַזוֹיא וִויא עֶס אִיז שׁוֹין גֶעקוּמֶען מַפָּלוֹת אוֹיף פִיל אַזֶעלְכֶע שְׁמֵייכְלֶער אוּנ שְׁלֶעכְטֶע מֶענְשִׁין וִויא עֶר אִיז; גִייא אַלְזָא אִין נָאמֶען אוּנ אִיךְ וֶועל הֵייסֶען מַיין שְׁרַייבֶּער עֶר זָאל פַאר דִיר צוּא גְרֵייטֶען מַיין רֶעקָאמֶענְ-דַאצְיֶע צוּם קייסער אוּנ אִין אַפָּאר שָׁעָה אַרוּם וֶועסְטוּ שׁוֹין קֶענֶען אָפּ פָאהְרִין צוּא אִיהם אִין לַאגֶער.

נָאךְ אַמָאהל הָאט דֶער פִירְשְׁט אִיהם גִיגֶעבֶען דִיא הַאנְט אוּנ הָאט נִיט גֶעלָאזְט עֶר זָאל אִיהם דַאנְקֶען אוּנ הָאט אִיהם צוּא גֶעוואוּנְשֶׁען אַיין גְלִיקְלִיכֶע רַייזֶע.

אִין אַפָּאר שָׁעָה אַרוּם הָאט דֶער רַב שׁוֹין אִיבֶּער גִיגֶעבִין דֶעם פִירְשְׁט דִיא צֶעהֶען טוֹיזֶענְד טְהַאלֶער, וָואס עֶר הָאט צוּא זַאמֶען גֶענוּמֶען בַּייא דִיא עֲשִׁירִים פוּן זַיין גֶעמֵיינְדֶע, אוּנ דֶער פִירְשְׁט הָאט אִיהם אִיבֶּער גִיגֶעבֶען זַיין רֶעקָאמֶענְדַאצְיֶע צוּם קייסער זיגיסמונד.

13.

## גֶערֶעטֶעט!

אִין דֶעם לַאגֶער פוּן דֶעם קייסער זיגיסמונד אִיז הַיינְט אַגְרוֹיסֶער יוֹם טוֹב, דָאס גַאנְצֶע מִילִיטֶער אִיז אָנְגֶעצוֹיגֶען אִין זַיינֶע פַּאראַדְנֶע קְלֵיידֶער אוּנ עֶרְוַוארְטֶען מִיט אוּנְגֶעדוּלְד דֶעם קייסער'ש אָנְקוּמוּנְג צוּא זַייא. נָאר דְרַייא מֶענְשֶׁען עֶרְוַוארְטֶען אִיהם טְרוֹיעֶרִיג אוּנ מִיט גְרוֹיס שְׁרֶעק, וַוייל זַייא וֵייסֶען אַז צוּא זַאמֶען מִיט אִיהם (מִיט דֶעם קייסער) קוּמְט צוּא זַייא אָן אַבִּיטֶערֶער טוֹיט, אוּנ דֶעמָאלְט וֶוען דָאס מִילִיטֶער זִינְגְט אוּנ אִיז פְרֵיילִיךְ, פַאר גִיסֶען זַייא טַייכֶען טְרֶערִין אוֹיף זֵייעֶר בִּיטֶערִין אוּמְגְלִיק. זַייא הָאבִּין זִיךְ שׁוֹין מְיַאֵשׁ גֶעוֶועזִין אוֹיךְ אָן דִיא הִילְף פוּן זֵייעֶר מְשָׁרֵת ערנסט, דֶען עֶס אִיז שׁוֹין נִיטָא קֵיין צַייט צוּא הָאפֶען אוֹיף זַיין הִילְף, אָט בַּאלְד קוּמְט אָן דֶער קייסער, וֶועלְכֶער וֶועט אוֹיף זַייא אַרוֹיס גֶעבִּין זַיין שְׁרֶעקְלִיכֶען מִשְׁפָּט, זֵייעֶרֶע שׂוֹנְאִים וֶועלֶען טְרִיוּמְפִּיהרֶען אוּנ קֵיינֶער קֶען זַייא נִיט

מציל זיין פון זייערע הענד. אזויא זיינען זייא גיזעסען אין זייערע פאלאטקעס פערטרויערט אונ האפנונגסלאז — אונ פלוצים איז געהערט געווארען איבער דעם גאנצען לאגער אשאלענדע פרייד פון טראמפעטען מיט באראבאנען, דען דער קייסער, אויף וועלכען זיין מיליטער האט געווארט מיט דער גרעסטער אונגעדולד, איז ענדליך אן געקומען.

דער קיסער זיגיסמונד איז גיזעסען אויף אקלאר ווייס פערד צווישין זיינע גענעראלען אונ פאלקאווניקעס. אליין איז ער גיוועזין אהויכער אונ געזונטער מאנן מיט אשיינעם אויס זעהן, זיינע אויגען האבען אויף אלעם געקוקט מיט גרוים ליבשאפט, זיין געזיכט איז גיוועזין זאנפט אונ מילד — אזויא וויא אמאסקע אויף זיין לייכטזיניגקייט אונ אויף זיינע תאות, — דען דער מאנן איז ווירקליך געוועזען אצווייא פנים'דיגער אונ אפערדרעטער אין אלע זיינע טהאטען, ער האט זיך נאך גיגעבין וואס זיין הארץ האט געגלוסט אונ וואס זיינע אויגען האבען פערלאנגט, ער פלעגט פערשווענדען מאססען געלד אויף זיינע ליידענשאפטען אונ איז שטענדיג געוועזען פערטיג צוא טאהן אלע שענדליכקייטען אבי צוא ערפילען דאס וואס איהם פערגלוסט זיך.

דער קייסער איז אראפ געגאנגען פון זיין פערד, האט זיך געגריסט מיט זיין מיליטער, וועלכעס האט זיך ארום איהם אויס געשטעלט אין צייליען, אונ איז א[illegible]ך גיגאנגען צוא זיין געצעלט, וועלכעס איז גיוועזין בעפוצט מיט פיל בלומענקרענץ פון אינוויינינג אונ פון דרויסען. ארייגקומענדיג אהין האט ער צוא זיך אריין גערופען אלע עלצטע פון זיין מיליטער אונ האט זיך צוא זייא אפ גערופען מיט איין ערנסטעס געזיכט:

— מאכט אייך גרייט צוא שווערע אונ שטארקע מלחמות — דען דיא הוסיטען זיינען אין בעהמען, דאס גאנצע לאנד איז אין זייערע הענד אונ ברייגען עס אום דורך שווערד אונ בלוט; זייא טרעטין אויס אלע תבואות פון דיא פעלדער, פאר ברענען אלע קירכען אונ מאנאסטירען, הרג'נען אויס אלע גייסטליכע לייט מיט דיא מאנאכען אונ זיינען נאך געזאגען פיל שרעקליכעס צוא טאהן ווייל דיא צאהל פון זייערע לייט פאר גרעסערט זיך פון טאג אויף טאג. אונ אויב מיר וועלען זייא אינ'ם איצטיגען מאהל נישט קאנען אונטער דריקען, וועלען מיר זיך מוזען צוא זייא אונטער געבען אדער זייא נאר לאזען דאס לאנד בעהמען אין גאנצין. יעצט דער צייליט מיר וועלכעס נייעס איז דא פארגעקומען אין לאגער בייא אייך?

איינער פון דיא עלצטע איז ארויס גיטרעטין אין פראנט אונ קניענדיג פאר דעם קייסער האט ער גיענטפערט:

— אין אונזער לאגער האט זיך קיין נייעס געטראפען, דער פאר האט אונז נאט באשערט אגרויס געיעג אונ וועגען דעם וויל איך יעצט אנמעלדין

אַייִער מַאיְעסְטֶעט אוּם צוּא עֶרְפְרֵייעֶן דָאס הֶערְץ פוּן אַייִער קֵיסֶערְלִיכֶע הָאהַייט.

דָא הָאט עֶר דֶעם קֵייסער דֶער צֵיילְט פוּן מיכאל'ן מִיט זַיין כַּלָּה אוּנ מִיט זַיין שְׁוֶועסְטֶער וֶועלְכֶע עֶר הָאט גֶעפַאנְגֶען אִין וַואלְד אוּנ הָאט נָאךְ צוּא גֶעלֵיינְט אוֹיף זֵייא דֶעם כְּלְבוּל אַז זֵייא זַיינֶען שׁוּלְדִיג וָואס דִיא הוסיטען הָאבֶּען עֶרְמָארְדֶעט דִיא צְוֵויי מָאנַאכֶען אוּנ הָאבֶּען פַאר בְּרֶענְט דֶעם מָאנַאסְטִיר פוּן פראג.

וִויא דֶער קֵייסער הָאט דָאס דֶער הֶערְט אִיז עֶר אוֹיף גֶעשְׁפְּרוּנְגֶען פוּן זַיין אָרְט מִיט גְרֶעסְטֶען צָארְען אוּנ זַיינֶע אוֹיגֶען הָאבֶּען גֶעבְּרֶענְט וִויא צְוֵויי קוּגְלֶען פַייעֶר.

— הָאסְט גְלַייךְ גֶעטָאהן, הָאט עֶר מִיט פְרֵייד אוֹיס גֶעשְׁרִיעֶן, אוּנ אִיךְ וֶועל מִיךְ שְׁרֶעקְלִיךְ נוֹקֵם זַיין אָן מַיינֶע שׂוֹנְאִים, פַאר דֶעם אוּמְשׁוּלְדִיגֶען טוֹיט פוּן אוּנְזֶערֶע צְוֵויי הֵיילִיגֶע מָאנַאכֶען, וֶועלְכֶע זַיינֶען דוּרְךְ זֵייא אוּמְגֶעקוּמֶען. לוֹיפְט גֶעשְׁוִינְד אוּנ בְּרֵיינְגְט צוּא מִיר דִי פַאר בְּרֶעכֶער אוּם זֵייא צוּ בֶּעשְׁטְרָאפִין שׁוֹין אוֹיפִין אָרְט!

זיגיסמונד אִיז אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען פוּן זַיין פַּאלַאטְקֶע אוּנ הָאט זִיךְ אָפּ גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דֶער טִיר. אִין עֶטְלִיכֶע מִינוּט אַרוּם הָאט מֶען צוּא אִיהם גֶעבְּרַאכְט דִיא דְרַייא גֶעפַאנְגֶענֶע. מיכאל אִיז צוּא אִיהם צוּא גֶעגַאנְגֶען מִיט פֶעסְטֶע טְרִיט, זַיין כַּלָּה בעללא אִיז גֶעגַאנְגֶען אָהן קְרֶעפְטִין, אַיינְגֶעבּוֹיגִין אוּנ אַרָאפּ גֶעלָאזְט דֶעם קָאפּ, אוּנ רחל הָאט אוֹיס גֶעשְׁפְּרֵייט בֵּיידֶע הֶענְד אוּנ הָאט מִיט אַפֶּערְבִּיטֶערְט הֶערְץ אַפַאל גֶעטָאן צוּם קֵייסֶערס פִיס אוּנ אִיז פֶערְשְׁטוּמְט גֶעבְּלִיבֶּען. אִיהרֶע לַאנְגֶע צֶעפּ הָאבֶּען זִיךְ אַלֵיין אוֹיף גֶעפְלָאכְטֶען אוּנ זַיינֶען אַרָאפּ גֶעפַאלֶען אוֹיף אִיהר נַאקֶען אוּנ אוֹיךְ אוֹיף בֵּיידֶע אַקְסְלֶען גֶעגֶען פָּנִים אוּנ הָאבֶּען דֶער גְרֵייכְט דִיא עֶרְד; אִיהרֶע שְׁוַוארְצֶע אוֹיגֶען וֶועלְכֶע הָאבֶּען גֶעגָאסֶען מִיט טְרֶערִין, הָאבֶּען אוֹיךְ אוֹיס גֶעזָאכְט אוֹיף אִיהר גֶעזִיכְט אַזאַנְפְּטְמוּטִיגֶען חֵן מִיט אַרְחֲמָנוּת'דִיגֶען בְּלִיק אוּנ הָאבֶּען וִויא בֶּעצוֹיבֶערְט דִיא הֶעלְדִין אוּנ זֵייא צוּא גֶעצוֹיגֶען צוּא זִיךְ מִיט זֵייעֶר קְרַאפְט אוּם זֵייא זָאלֶען זִיךְ עֶרְבַּארְמֶען אוֹיף דֶעם אֵיידֶעלֶען לִיכְטִיגֶען בַּאשֶׁעפֶענִיש אוּנ זָאלֶען עֶס נִיט אוּמְבְּרֵיינְגֶען. אַלַאנְגֶע צֵייט הָאט זִיא דֶער קֵייסער בֶּעטְרַאכְט אוּנ הָאט זִיךְ נִיט גֶעפִיהלְט אִים שְׁטַאנְד פוּן אִיהר אַרָאפּ צוּא נֶעמֶען זַיינֶע אוֹיגֶען, נָאר עֶנְדְלִיךְ הָאט עֶר זִיךְ גִימַאכְט הַארְץ, זַיין צָארִין הָאט אִין אִיהם גוֹבֵר גֶעוֶועזֶען דֶעם מִיטְלֵייד, אוּנ הָאט אוֹיף זֵייא אַנְגֶעשְׁרֵייא גֶעטָאן מִיט כַּעַס:

— אָבֶּער אִיהר זֶענְט אַרַיין גֶעפַאלֶען אִין מַיינֶע הֶענְד, פֶערְפְלוּכְטֶע מֶערְדֶער! נָאר אִיהר זֶענְט שׁוּלְדִיג אִין דֶעם טוֹיט פוּן דִיא צְוֵויי מָאנַאכֶען, דֶען אִיהר הָאט זֵייא אִיבֶּער גִיגֶעבִּין אִין דִיא הֶענְד פוּן דִיא הוסיטען, אוּנ אָט הָאט אַייךְ גָאט דֶער פַאר יֶעצְט אִיבֶּער גִיגֶעבִּין אִין מַיינֶע הֶענְד

אוּנ אִיךְ וֶועל אַייךְ בֶּעצָאהלֶען אַזוֹיא וִויא אִיהר הָאט פֶערְדִינְט, וָוארוּם אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁוָוארֶען צוּא נוֹקֵם זַיין זִיךְ פַאר דֶעם בְּלוּט פוּן דִיא הֵיילִיגֶע מֶענֶער אוּנ דִיזֶע שְׁבוּעָה וֶועל אִיךְ מְקַיֵים זַיין.

— מִיר זַיינֶען רֵיין פוּן דֶער שְׁבוּעָה וָואס אַייעֶרע קֵיסֶערְלִיכֶע הָאהֵייט הָאט גֶעשְׁוָוארֶען, דֶען מִיר זַיינֶען נִיט שׁוּלְדִיג אִין דֶעם טוֹיט פוּן דִיא מָאנַאכֶען, דָאס אִיז נָאר אַיין אוֹיס גֶעטְרַאכְטֶער בִּלְבּוּל — הָאט זִיךְ מיכאל אוּנְטֶער גֶעשְׁטֶעלְט צוּא עֶנְטְפֶערִין, נָאר דֶער קֵיסֶער הָאט אוֹיף אִיהם בַּאלְד אַנְגֶעשְׁרֵיי גֶעטָאן:

— שְׁטִיל מֶערְדֶער! אַייעֶר שׁוּלְד אִיז פַאר אַלֶעמֶען שׁוֹין בַּאקַאנְט.

נָאךְ אַמָאהל הָאט דֶער קיסער אַקוּק גֶעטָאן אוֹיף רחל'ן וֶועלְכֶע הָאט צוּא אִיהם אוֹיף גֶעהוֹיבֶּען אִיהרֶע גְרוֹיסֶע שְׁוַוארְצֶע אוֹיגֶען אוּנ עֶר הָאט זִיא זֶעהֶער בֶּעדוֹיעֶרְט.

— אִיךְ וֶועל אַייךְ נִיט בֶּעצָאהלֶען נָאךְ אַייעֶרע שְׁלֶעכְטִסְטִיגְקֵייט, הָאט עֶר וַוייטֶער גֶעזָאגְט, אִיךְ וֶועל אַייךְ נִיט מוּטְשֶׁען אַזוֹיא שְׁוֶוער, וִויא עֶס זַיינֶען מֶערְטִירְט גֶעוָוארֶען איננאציוס מִיט סיקסטוסען, אָבֶּער אוֹיךְ אוּנְבֶּעשְׁטְרָאפְט וֶועל אִיךְ אַייךְ נִיט לָאזֶען, אוּנ נָאךְ הַיינְט, אֵיידֶער דִיא זוּנן וֶועט אוּנְטֶער גֵיין, וֶועט אִיהר אַלֶע דְרַייא צוּא זַאמֶען שְׁטַארְבֶּען.

רחל אוּנ בעללא זַיינֶען גֶעפַאלֶען אִין אָהנְמַאכְט אוּנ אַזוֹיא הָאט מֶען זֵייא טַאקֶע אַוֶועק גֶעטְרָאגֶען צוּא זֵייעֶרע פַּאלַאטְקֶעס בִּיז זֵייא זַיינֶען צוּרִיק צוּם לֶעבִּין גֶעקוּמֶען. אָבֶּער אוֹיךְ דֶעם קייסער אִיז פַאר שְׁטֶערְט גֶעוָוארֶען זַיין פְרַייעֶר מוּטְה אוּנ אִיז אוּנְמוּטְהִיג גֶעוָוארֶען. עֶר הָאט זִיךְ דַאדוּרְךְ צוּרִיק אוּמְגֶעקֶעהְרְט אִין זַיין פַּאלַאטְקֶע אוּם צוּא פַאר בְּרֵיינְגֶען אַבִּיסֶעל מִיט זַיינֶע גֶענֶערַאלֶען כְּדֵי זִיךְ צוּא צֶערְשְׁטְרֵייעֶן, נָאר פְלוּצִים הָאט אִיהם אֵיינֶער פוּן זַיינֶע דִיעֶנֶער אָנְגֶעמֶעלְדֶעט אַז אַפְרֶעמְדֶער מַאנן בֶּעט בַּייא אִים אַאוּדִיעֶנְץ אוּנ וִויל נִיט אָבְּטְרֶעטֶען וַוייל עֶס גֵייט, זָאגְט עֶר, אִין דֶעם לֶעבִּין פוּן דְרַייא נְפָשׁוֹת.

— וָוער אִיז עֶר, וֶועלְכֶער שְׁטֶעלְט זִיךְ אוּנְטֶער צוּא שְׁטֶערִין מַיין רוּהֶע אוּנְגֶעפְרֶעגְטֶערְהֵייד?

— עֶר אִיז אַיוּד, דֶער רַאבִּינֶער פוּן דֶער שְׁטָאט ליגניטץ.

— זָאל עֶר אַרַיין קוּמֶען!

דֶער דִיעֶנֶער הָאט זִיךְ פֶערְנֵייגְט אוּנ אִיז אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען. דֶער קיסער הָאט אַקוּק גֶעטָאן אוֹיף זַיינֶע גֶענֶערַאלֶען אוּנ אַלְס עֶר הָאט גִיזֶעהֶן וִויא זֵייא זַיינֶען שְׁטַארְק פַאר וואוּנְדֶערְט, הָאט עֶר זִיךְ צוּא זֵייא אָפּ גֶערוּפֶען: — אִיךְ וֵוייס אַז אִיהר וואוּנְדֶערְט אַייךְ גְלַייךְ מִיט מִיר אוּנ זֶענְט נַייגֶערִיג צוּא וִויסֶען וָואס דֶער יוּד קָאן פוּן מִיר בֶּעדַארְפֶען, אוּנ נָאךְ מֶעהר וואוּנְדֶער אִיז וָואס עֶר קוּמְט אָן פּוּנְקְט צוּא דֶער צַייט אַלְס אִיךְ הָאבּ פֶערְמִשְׁפֶּט דְרַייא מֶענְשִׁין פוּן זַיין פָאלְק צוּם טוֹיט. נָאר דֶעסְטָא בֶּעסֶער, — זָאל עֶר

אַלײן טַאקֶע זָעהֶען מִיט זַײנֶע אױגֶען װיא דֶער קײסער זיגיסמונד בֶּעשְׁטְרָאפְט אום צוא אױס רױמֶען דיא פֶּערְזינְדִיגְטֶע מֶענְשֶׁין פוּן זַײן לַאנְד.

עֶר הָאט נָאךְ נִיט גִיעֶנְדִיגְט אַלְס דֶער רַאבִּינֶער מָאזֶעס אִיז אַרײן גֶעקוּמֶען אִין דֶער פַּאלַאטְקֶע. זַײן לִיכְטִיג פָּנִים מִיט זַײן פְּרֶעכְטִיגֶען שְׁטָאלְץ הָאבֶּען גֶעװירְקְט װיא אַצױבֶּערְשְׁטִיק אױךְ אױף דֶעם קײסער װֶעלְכֶער אִיז עֶרְשְׁטױנְט גֶעװָארֶען פוּן זַײנֶע אױגֶען נָאר עֶר הָאט זִיךְ בַּאלְד גֶעמוּטְהִיגְט אוּנ צוּא אִיהם גֶעזָאגְט: — בִּיזְט צוּא מִיר גֶעקוּמֶען נִישְׁט צוּא דֶער רֶעכְטֶער צַײט אוּנ דָאס הָאט נָאךְ קֵײנֶער מִיר נִיט גֶעטָאהן פוּן מַײן לַאנְד, אַלְזָא זָאג װֶעלְכֶעס נַײעֶס הָאסְט דוּא מִיר אִיבֶּער צוּא גֶעבִּין? פִּיעלַײכְט עֶטְװָאס פוּן דֶער מִלְחָמָה, פוּן װֶעלְכֶע עֶס הֶענְגְט אָפּ אוּנְזֶער שִׁיקְזַאל מִיט אוּנְזֶער צוּקוּנְפְט?

— מַאיִסְטֶעט! הָאט דֶער רַאבִּינֶער גִיעֶנְטְפֶערְט מִיט אַפֶּעסְטֶען טָאן, בוּקֶענְדִיג זִיךְ פַאר דֶעם קײסער, דִיא טױט גֶעפַאהר װֶעלְכֶע שְׁװֶעבְּט אִיבֶּער דְרַײא רַײנֶע, אוּמְשׁוּלְדִיגֶע נְפָשׁוֹת, אָט זַײא הָאבֶּען מִיךְ אַהֶער גֶעבְּרַאכְט.

— רַײנֶע, אוּמְשׁוּלְדִיגֶע מֶענְשֶׁען גֶעפִינֶען שְׁטֶענְדִיג בַּײא מִיר זַײעֶר גֶערֶעכְטֶען מִשְׁפָּט, הָאט דֶער קיסער גֶעזָאגְט מִיט אַײן שְׁטָאלְצֶען טָאן, אַלְזָא זָאג װֶער זַײנֶען דִיא יֶענִיגֶע, װֶעלְכֶע לַײדֶען פַאר פְרֶעמְדֶע זִינְד?

— מַאיִסְטֶעט! הָאט דֶער רַאבִּינֶער זִיךְ אָפּ גֶערוּפֶען, אִין דַײן לַאנֶגער אִיז אָפּ גֶעטָאהן גֶעװָארֶען אַײן אוּמְרֶעכְטֶע זַאךְ — מֶען אִיז אָן גֶעפַאלֶען אױף רַײזֶענְדֶע, װֶעלְכֶע זַײנֶען זִיךְ רוּהִיג גֶעפָאהרֶען זַײעֶר װֶעג, אוּנ מֶען הַאלְט זַײא דָא גֶעפַאנְגֶען, אוּנ אָבְּװָאהל זַײא זַײנֶען נָאךְ בִּיז אִיצְט נִיט אוּמְגֶעקוּמֶען, דָאךְ שְׁװֶעבְּט שׁוֹין דֶער טױט אִיבֶּער זַײעֶרֶע קֶעפּ, דֶען מֶען הָאט אױף זַײא גֶעמַאכְט אַפַאלְשֶׁען בִּלְבּוּל, מֶען בֶּעשׁוּלְדִיגְט זַײא אִין אַזַא זִינְד פוּן װֶעלְכֶע זַײא װײסֶען גָאר נִיט צוּא זָאגֶען, אוּנ אוּם צוּא רֶעטֶען דִיא דָאזִיגֶע אוּמְשׁוּלְדִיגֶע מֶענְשֶׁען בִּין אִיךְ אַהֶער גֶעקוּמֶען צוּא לױפֶען אַזְשׁ פוּן לִיגְנִיטְץ אוּם צוּא בֶּעטֶען בַּײא אַײעֶר מַאיִסְטֶעט צוּא עֶרְבַּארְמֶען זִיךְ אױף זַײא.

— אִיךְ זָאל מִיךְ עֶרְבַּארְמֶען אױף אַזֶעלְכֶע מֶענְשֶׁען װֶעלְכֶע שְׁלִיסֶען פְרַײנְדְשַׁאפְט מִיט פֶערְרֶעטֶער אוּנ מֶערְדֶער? הָאט דֶער קײסער גֶעפְרֶעגְט מִיט שְׁפָּאט, — הֶער אױס, רַאבִּינֶער, דִיא דָאזִיגֶע יוּדֶען דַײנֶע זַײנֶען נִישְׁט אוּמְשׁוּלְדִיגֶע אוּנ זִינְדְלָאזֶע, װיא דוּא הָאסְט פְרִיהֶער גֶעזָאגְט, דֶען זַײא הָאבֶּען גֶעמַאכְט אַלָאװאוּשְׁקֶע אױף אוּנְזֶערֶע צְװײא גַײסְטְלִיכֶע אוּנ הָאבֶּען זַײא אִיבֶּער גִיגֶעבִּין צוּא דִיא הוּסִיטֶען אוּנ דִיזֶע הָאבֶּען זַײא אוּמְגֶעבְּרַאכְט מִיט אַשְׁרֶעקְלִיכֶען טױט. נָא, זָאל אִיךְ פוּן אַזֶעלְכֶע פַאלְשֶׁע מֶענְשֶׁען נִיט גֶעמֶען נְקָמָה? נַײן! זַײא מוּזֶען שְׁטַארְבֶּען מִיט אַשֶׁעגְדְלִיכֶען טױט. אוּנ דוּא הָאסְט זִיךְ גָאר אוּמְזִיסְט בֶּעמִיהֶעט אַהֶער צוּא קוּמֶען, דֶען דוּא הָאסְט שׁוֹין פֶערְזױמְט דִיא צַײט: מִיט אַשָׁעה צוּרִיק הָאב אִיךְ אױף זַײא אַרױס

גיגעבין מיין משפט אונ נאך היינט פאר נאכט וועלען זייא אפ קומען פאר זייער זינד.

דעם רב'ס געזיכט איז פינצטער געווארען דאס הערענדיג, אלע זיינע גלידער האבין אנגעהויבען צוא שוידערין אזויא אז ער איז שיער ניט אומגעפאלען צוא דער ערד, נאר באלד טאקע האט ער זיך געמוטחיגט אונ צוא זאמען גענומען זיינע לעצטע קרעפטין זיך צוא בעהערשען אונ האט גיענטפערט דעם קייסער:

— ניין, מאיסטעט, איך האב נאך ניט פערזוימט דיא צייט, דען נאט האט מיך טאקע צוא ליב דעם אהער געבראכט אום איך זאל דיך נישט לאזען פאר גיסען אומשולדיג בלוט. דיא געפאנגענע זיינען ווירקליך ריין פון דיא מאנאכעס טויט, ניט זייא, נאר גאטעס מאכט האט אזויא געשאפט דיא מאנאכען זאלען אריין פאלען צוא דיא הוסיטען אום זייער גענעראל ציסקא זאל זייא בעשטראפען פאר זיין שוועסטערס עהרע וועלכע זייא האבען געהאט פארפלעקט.

דער קיסער איז שטארק אין כעס געווארען דאס הערענדיג אונ האט מיט צארין אזאג געטאן:

— ווילסט מיר אפשר אפ לייקענען אז אלע אייערע יודען האבען און מיר ניט מודה געוועזין דער מיט וואס זייא האבען געמאכט איין האנד מיט מיינע שונאים? צוא וועסט דוא מיר אפ לייקענען אז דיא יודען, דיא דאזיגע פרעמדע, וועלכע מיר האבין אוים מיטלייד צוא אונז אריין גענומען אונ זייא געלאזט וואוינען אין אונזער לאנד, דיזע יודען האבען נאר אן אונז געפעלשט אונ האבען געמאכט פריינדשאפט מיט דיא הוסיטען וועלכע זיינען אויף געשטאנען צוא רויבען אונזער לאנד?

אביטערע הערצרייסענדער שמייכעל איז איבער געלאפען אויף דעם רב'ס ליפען דער הערענדיג דיא ווערטער אונ מיט פולע אנגענאסענע אויגען פון טרערין האט ער גיענטפערט:

— זאל זיך דען נישט אב שטעלין דיא שטומע, פערטריבענע טויב פערבייא פליהענדיג אגרוב פאר דעם שטורעם? זאל זיך דען די גנעמזע נישט היילען ניבער אריין צוא חאפין זיך אין דיא שפאלטען פון דיא שטיינער פאר דיא שרעק פון יעגער וועלכע רינגלען זיא ארום פון אלע זייטען? שוין הונדערטע יאהרען וועדט מיין פאלק געטריבען אונ געיאגט פון דיא פעלקער וועלכע פערהאסען איהם (דעם יודען), פערביטערין איהם זיין לעבען אונ פערשאפען איהם אלע צרות. שוין הונדערטער יאהרען פערפאלגען איהם דיא פעלקער פון אלע זייטען, פערגיסען זיין בלוט וויא וואסער אונ קיינער פון זיינע פערפאלגער דערוועקט זיך ענדליך נישט איהם צוא שיטצען, קיינער פון זייא וויל אפילו נישט ארויס זאגין אגוט ווארט פאר דעם גערויבטען אונ געשענדעטען פאלק. אונ פאר וואס קומט אונז יודען אזויא פיעל צוא

ליידען ? פאר וועלכע זינד דארפין מיר אזויא לאנג אונ אזויא הארט בעשטראפט ווערין ? צוא זעגען דען מיר אויך נישט דיא קינדער פונ'ם אויבינגען גאט ? צוא זעגען מיר דען אויך נישט בעשאפען געווארין אין זיין פארעם אונ געשטאלט ? צוא איז דען אונזער לייב פון קופפער וואס עס זאל דעם נישט וועה טאהן אלס מען שטעכט עס , אונזערע אויגען זעגען דען פון אייזען וואס זייא זאלין נישט וויינען אויף אונזער אומגליק אונ אונזערע הערצער זעגען דען פון שטיין וואס זייא זאלין נישט צונאסין ווערין אין אונז אויף אונזער בראך ? דיא שנאה פון אונזערע שכנים מיט דעם פאנאטיזמוס האבין זיך אויס געשפרייט אויף דעם לאנד צו זאמען מיט די שלעכטסטיגקייט , שמייכלעריא אונ העסליכע תאות כדי פון אונז ׃ אין גאנצין אתל צוא מאכען ; דיא אלע אויסוואורפע פון דער מענטשהייט האבין זיך געלעגט אונז אויס צוא ראטען פון דעם לאנד אונ האבין מיט זיך פערפילט דיין מדינה , וויא שלאנגען צווישען בלומען אזויא האבין זייא זיך פאר שטעקט ביז אונטער דיין טראהנשטול אונ אייער מאיסטעט ווייסט דער פון נישט . זינדיגע פריסטער ווארפין אויגען אויף יודישע מיידליך זייא צוא פאנגען אין זייער געטץ אום זייא צוא ענטעהרען אין זייערע הייליגע קירכען אונ מאנאסטירען אונ לסוף טוען זייא אויף זיך נאך אן הייליגע מאסקעס אום צוא פערפיהרען דיא מאסע אונ אום צוא פערבלענדין דיא אויגען פון דעם מלך מיט זיינע שרים ; מיט שמייכלענדע רייד אונ מיט אונשיקליכע בלבולים ערוועקען זייא דעם כעס פון זיין ארט — אונ פיעל אומשולדיגע נפשות פון מיין פאלק ווערט געבראכט אויף דעם שייטערהויפען , גאנצע יודישע געמיינדען ווערין אויסגעקוילעט וויא דיא בארגען אונ אלע יודען ווערין פערטריבען פון זייערע ערטער אונ ווערין אב גערויבט פון זייער פאר מעגען ! דאס אלעס האט אונז אומגליקליכע ווירקליך געטראפין — נא , ווער קאנן דאס אונז רעכענען פאר אזינד , ווען מיר זוכען אויף אלע זייטען אזעלכע גוטע מענטשין , וועלכע זאלין זיך אויף אונז ערבארעמען , זאלין אונז אויסלעזען פון דיא בארבארען אונ זאלין אונז געבין האטש אביסעלע רוא פאר אונזערע שטענדיגע פערפאלגונגען ? נאר וויים , דוא גרויסער הערשער ! פון דיא אלע פעלקער אונ רעגירונגען , וועלכע האבען זיך פארגענומען צוא טאהן שלעכטס אונזער אומגליקליך פערטריבען פאלק , איז קיין איינציגעס פאלק אדער רעגירונג נישט געוועזין וואס זאל לאנג געוועלטיגען אויף דער וועלט אונ זאל ניט בעשטראפט ווערין פון גאט דער פאר וואס זייא האבין אונז פערפאלגט אויס קנאה-שנאה , ווארום גאט , דער הימלישער ריכטער , בעצאהלט ריכטיג יעדען פאלק נאך זיינע פערדיענסטען .

דעם רב'ס רייד האבין אויף דעם קיסער געמאכט איין גרויסען איינדרוק , ער האט אשווערין זיפץ געטאהן , האט אראב געלאזט דעם קאפף צוא ד'הערד אונ אויס געשפרייט דיא הענד צום צייכען פון איגערע שמערץ ,

אויך אלע זיינע לייט וואס זענען ארום איהם געשטאנען זענען פערשטומט געבליבען, אונ נאך אהיבשער פויזע האט דער קייסער זיך אב גערופין צום רב:

— הער אויס, יודישער ראבינער! פון דיינע רייד דער קענט מען אז דוא בעזיצט איין ארענטליך הארץ אונ רעדסט ניט קיין פאלשע רייד, דאך אבער קאנן איך נישט אומענדערין דעם פסק אויף די גיפאנגענע ביז דוא וועסט מיר בעווייזען מיט ריכטיגע פאקטען אז זייא זענען אום שולדיג.

— מיין גרויסער אונ מעכטיגער קייסער! האט דער רב גיענטפערט, דיא אונשולד פון דיא ארענטליכע מענטשין איז ריין וויא דער טאג, אט הער אויס וויא אזויא דיא מעשה איז געוועזען, אונ דא האט ער דעם קייסער בעקאנט גימאכט מיט דער געשיכטע פון דיא צוויא מאנאכען וויא אזויא זייא האבין גיוואלט אריין חאפען רחל'ן אין זייער נעץ אונ וייל עס איז זייא ניט גערעטען האבין זייא דער פאר אומגליקליך גימאכט איהרע קרובים מיט דעם בלבול וואס זייא האבין אויף זייא אויס גיטראכט.

— בעדענק דיך גוט וואס דוא רעדסט, דוא ניט פארזיכטיגער! האט דער קייסער אויס געשריען, דוא ווייסט וועמען דוא האסט דא בעליידיגט? דער מאנאך איגנאציוס איז דאך אפריסטער פון אונזער היילגען גלויבען אונ איך בין אקריסטליכער קעניג, וועלכער בין פרום אונ שטעה שטענדיג גרייט צוא שיטצען מיין רעליגיאן. נאר מיר שמועסין דאך יעצט נישט איבער דעם בלבול אונ נישט דער מאנאך ווארט אונזער משפט זאנדערין דרייא פערזאנען פון דיין פאלק אונ אלזא, אויב דוא ביזט אים שטאנד צוא דער ווייזען זייער אונשולד, זא רייד לאמיר הערין!

— איך ערפיל דעם באפעל פון אייער מאיסטעט, האט דער רב גיענטפערט מיט אזיפץ, אונ דאריבער וויל איך דערציילען אייערע קייסערליכע האהייט דיא גאנצע געשיכטע. אונ דא האט דער רב דער צעהלט וואס דיא צווייא מאנאכען האבין אב געטאהן אין פראג אונ האט גיענדיגט מיט דיזע ווערטער: אויב אייערע מאיסטעט וויל זיך איבערצייגען צוא איך האב ריכטיג דער צעהלט וויא עס איז געשעהען, זא רופט אהער אריין דעם חבר פון דיא מאנאכען, דעם קיליאן, וועלכער איז אנטלאפין פון פראג אונ דיענט אין אייער מיליטער, פארשט איהם רעכט נאך אונ דאנן וועט איהר אייך איבערצייגען צוא האב איך דער צעהלט וויא דער אמת איז, יא, דאנן וועט מיר אייער מאיסטעט גלויבען, אזויא וויא עס גלויבט מיר אייער פריינד, דער פירשט פון ליגניטץ, וועלכער שיקט דורך מיר צוא אייער מאיסטעט אגעריס מיט אבעזונדערין בריעף.

אלס דער רב האט גיענדיגט האט ער זיך צום צווייטען מאל פערנייגט פאר דעם קיסער אונ האט איהם איבער געגעבין אבריעף פון דעם פירשט

לודוויג, װֶעלְכֶען דֶער קייסער הָאט אִיהם צוּא גֶענוּמֶען אוּנ אִיהם אִיבֶּער גֶעלֶעזֶען בִּיז צוּא עֶנְדֶע.

— דֶער פִּירְשְׁט לודוויג לוֹיבְּט דִיךְ אִין זַיין בְּרִיעף אַז דוּא בִּיזְט אַיין אָרֶענְטְלִיכֶער מַאנן אוּנ אַוָואהלְטְהֶעטִיגֶער רַאבִּינֶער, הָאט זִיךְ דֶער קייסער צוּא אִיהם אָב גֶערוּפֶען, אוּנ וִויא גְלִיקְלִיךְ בִּין אִיךְ אַז אִיךְ קֶענן יֶעצְט אַרוֹיס בְּרֵיינְגֶען אוֹיף דָער װֶעלְט דֶעם רֵיינֶעם אֱמֶת! דָער חָבֶר פוּן דִיא צְוֵויא מָאנַאכֶען גֶעפִינְט זִיךְ יֶעצְט אִין מַיין לַאגֶער, זָאגְסְט דוּא; נוּט, זָאל עֶר אַרַיין קוּמֶען אַהֶער אוּנ מִיר װֶעלֶין אִיהם רֶעכְט נָאךְ פָּארְשְׁטִין אוּנ דַאנן װֶעסְט דוּא זֶעהן אַז דֶער שֶׁקֶר קָאנְן לַאנְג נִישְׁט גֶעוָועלְטִיגֶען אוּנ דֶער אֱמֶת מוּז סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיס וִויא בּוֹימֶעל אוֹיפִין וַואסֶער. גֶעשְׁווִינְד בְּרֵיינְגְט אַהֶער דֶעם קיליאן! הָאט דֶער קייסער בֶּעפוֹילֶען אֵיינֶעם וָואס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף דָער וַואךְ, אוּנ בַּאלְד הָאט זִיךְ גֶעוִויזֶען קיליאן אוֹיף דֶער טִיהר מִיט אַבְּלַאס גֶעזִיכְט אוּנ מִיט אַקְלַאפֶּעגְדִיג הַארְץ, דֶען עֶס הָאט יֶעצְט אִין אִיהם גֶעשְׁטְרִיטֶען דֶער פַּחַד מִיט דִיא הָאפְנוּנְג, דָער פַּחַד מֶען זָאל נִישְׁט גֶעוָואר װֶערִין פוּן זַיין פַאר בְּרֶעכֶען אוּנ דִיא הָאפֶענוּנְג צוּא בֶּעלָאהנְט װֶערִין דֶער פַאר, וָואס עֶר הָאט צוּא גֶעשְׁטֶעלְט אִין לַאגֶער דִיא דְרַייא גֶעפַאנְגֶענֶע.

— קיליאן! הָאט דֶער קייסער אַנֶעשְׁרֵייא גֶעטָאהן צוּא אִיהם, צוּרִיק מִיט אַשָׁעָה הָאבּ אִיךְ אוֹיס גֶעשְׁפְּרָאכֶען דֶעם טוֹיט אוֹיף דִיא דְרַייא גֶעפַאנְגֶענֶע, װֶעלְכֶע דוּא הָאסְט גֶעהַאפְּט אִין וַואלְד, אוּנ יֶעצְט אִיז צוּא מִיר גֶעקוּמֶען דֶער רַאבִּינֶער פוּן ליגניטץ זַייא צוּא פֶערְטְהֵיידִיגֶען, אוּנ אַזוֹיא וִויא נָאר דוּא בִּיזְט דֶער אֵיינְצִיגֶער, װֶעלְכֶער וֵוייסְט דֶעם רֶעכְטֶען אֱמֶת, אַלְזָא זָאלְסְט דוּא שׁוֹין דִיא מִינוּט אוּנְז דֶער צֶעהלֶען דֶעם גַאנְצֶען אֱמֶת. אוּנ דַאבַּייא אִיז דֶער קייסער נֶעהֶנְטֶער צוּא גֶעגַאנְגֶען צוּא אִיהם אוּנ הָאט אִיהם טִיעף אַרַיין גֶעקוּקְט אִין דִיא אוֹיגֶען אוּנ אִיהם גֶעפְרֶעגְט:

— צוּא זֶענֶען דִיא גֶעפַאנְגֶענֶע וִוירְקְלִיךְ שׁוּלְדִיג אִין דֶעם טוֹיט פוּן דִיא צְוֵויא מָאנַאכֶען?

— אַזוֹיא אִיז עֶס, וִויא אַייֶער מַאיֶסְטֶעט זָאגְט, הָאט קיליאן גְלַייךְ גִיעֶנְטְפֶערְט, דִיא דָאזִיגֶע פַארְפְלוּכְטֶע יוּדֶען זֶענֶען גֶעוֶועזֶן אַיין הַאנְד מִיט דִיא מֶערְדֶער, װֶעלְכֶע הָאבִּין אוּמְגֶעבְּרַאכְט אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע פְּרִיכְטֶער, איננאציוס מִיט סיקסטוסען.

— פוּן וַואנֶען וֵוייסְט דוּא דָאס אַזוֹיא אוֹיף גֶעווִיס? אַדְרַבָּה דֶער צֶעהל אוֹיבּ דוּא בִּיזְט יַא אַזוֹיא קְלָאר אִין דֶער גֶעשִׁיכְטֶע! פַאר וָואס זְשֶׁע בִּיזְט דוּא פֶערְשְׁטוּמְט גֶעוָואְרִין?! אֶפְשַׁר הָאסְט דוּא נִיט וָואס צוּא דֶער צֶעהלֶען וָועל אִיךְ פַאר דִיר דֶער צֶעהלֶען: דָער מָאנַאךְ איננאציוס הָאט אָב גֶעמַאכְט נָאךְ מִיט צְוֵויא מֶענְטְשִׁין װֶעלְכֶע הָאבֶען אִיהם גֶעהָאלְפֶען צוּא אוֹיס פִיהרֶען זַיין בֵּייזֶען טְהַאט, צוּא פַאנְגֶען צְוֵויא יוּדִישֶׁע מֵיידְלִיךְ אוּנ זַייא צוּא בְּרֵיינְגֶען



אין

אִין מאנאסטיר אַרַיין אוּם זַייא דָארְט צוּא בֶּעהַאלְטֶען אוּנ אֵיינֶער פוּן דִיא צְוַוייא גֶעפִינְט זִיךְ יֶעצְט אִין אוּנְזֶערֶע הֶענְד — אוּנ דָאס בִּיזְט דוּא, עֶס אַלֵיין!

— נִישְׁט אִיךְ, מַאיִסְטֶעט, בִּין אִין דֶעם שׁוּלְדִיג, הָאט קיליאן קוּים אַרוֹיס גֶעזָאגְט פוּן שְׁרֶעק.

— דֶער צֶעהל וִויא דֶער אֱמֶת אִיז, אוֹיבּ דַיין לֶעבִּין אִיז דִיר טַייעֶר! הָאט דֶער קייסער אוּיס גֶעשְׁרִיעֶן צוּא אִיהם, צוּא אִיז דָאס וַואהר אַז דוּא מִיט דִיא צְווייא מָאנַאכֶען הָאבִּין אַרוֹיסְגֶעגַנְבֶ'ט דִיא צְווייא מֵיידְלִיךְ פוּן זֵייעֶרֶע שְׁלָאפְצִימֶערִין אוּנ הָאט זַייא בֶּעהַאלְטִין אִין מאנאסטיר אוּם זַייא צוּא עֶנְטְעֶהרֶען?

וִויא אֵיינֶער, צוּא וֶועלְכִין עֶס זֶענֶען אַרַיין גֶעפְלוֹיגֶען אִין הַארְצִין שַׁארְפֶע פַיילֶען, אַזוֹיא הָאט זִיךְ אוֹיף דֶער פְרַאגֶע קיליאן אַוָּוארְף גֶעטָאהן פוּן זַיין אָרְט, דִיא הֶענְד הָאבִּין אִיהם גֶעצִיטֶערְט, דִיא קְנִיעֶן הָאבִּין זִיךְ גֶעבּוֹיגֶען אַרוּנְטֶער אוּנ הָאט מִיט אַצִיטֶערְדִיג קוֹל מוֹדֶה גֶעוֶועזֶען אוֹיף זַיינֶע זִינְד:

— דָאס אִיז אֱמֶת... מַאיִסְטֶעט... פֶערְצַייהֶעט... אוּנ אִיז דַאבַּייא אוּמְגֶעפַאלֶען צוּם קייסערס פִּיס וֶועלְכֶער הָאט אוֹיף אִיהם גֶעקוּקְט מִיט פֶערַאכְטוּנְג, דַאנְן הָאט זִיךְ דֶער קייסער גֶעוֶוענְדֶעט צוּם רָב, הָאט אִיהם גֶערֵייכְט דִיא הַאנְד אוּנ הָאט צוּא אִים גֶעזָאגְט מִיט אַגֶעריהרְטֶעם הֶערְצִין:

— פֶערְצַייהֶע, טַייעֶרֶער מֶענְטְשׁ, וָואס אִיךְ הָאבּ אַיילֶענְדִיגֶערְהֵייט נִיט דֶער קֶענְט דַיין וֶוערְטָה אוּנ נִישְׁט גֶעגְלוֹיבְּט אָן דַיינֶע רֵייד: נָאךְ דִיא מִינוּט נִיט מֶען דִיר אָפּ דִיא גֶעפַאנְגֶענֶע אוּנ וֶועסְט קֶענֶען מִיט זַייא פָאהרֶען אִין גָאטֶעס נָאמֶען. נָאר דָאס אֵיינְצִיגֶע בֶּעט אִיךְ דִיךְ, אַזוֹיא וִויא, אֵיידֶער דוּא בִּיזְט צוּא מִיר אַרַיין גֶעקוּמֶען, הָאבּ אִיךְ מִיךְ בֶּערִיהמְט פַאר מַיינֶע לַייט אַז דוּא וֶועסְט צוּא זֶעהן מִיט דַיינֶע אוֹיגֶען וִויא דֶער קייסער זיגיסמונד וָועט בֶּעשְׁטְרָאפְען שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשֶׁען — וִויל אִיךְ אוֹיךְ דָאס יֶעצְט מְקַיֵים זַיין. דַאבַּייא הָאט עֶר אַגֶעשְׁרֵייא גֶעטָאהן צוּם וַואכְמַייסְטֶער: פִיהרְט אַרוֹיס פוּן דַאנֶען דֶעם נִידֶערְטְרֶעכְטִיגֶען יוּנְג (קיליאן) אוּנ הֶענְגְט אִיהם אוֹיף, אוֹיף אַבּוֹים!

נָאר דֶער רָב הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּא זֶעהן דֶעם טוֹיט פוּן דֶעם שְׁלֶעכְטֶען מֶענְטְשִׁין הָאט עֶר גֶעפּוֹעֶלְט בַּייא דֶעם קייסער, עֶר זָאל דֶער בַּייא נִישְׁט זַיין.

נָאךְ אִין דֶער זֶעלְבֶּע שָׁעָה הָאט דֶער רָב פֶערְלָאזְט דֶעם לַאגֶער אוּנ אִיז צוּרִיק גֶעפָאהרֶען קַיין ליגניטץ צוּא זַאמֶען מִיט מיכאל, רחל אוּנ בעללא'ן אוּנ זֵייעֶר שׂוֹנֵא קיליאן אִיז גֶעהַאנְגֶען גֶעוָוארִין:

# שָׁלוֹם.

עֶטְלִיכֶע יָאהרֶען זֶענֶען פֶערְשְׁוואוּנְדֶען פוּן זַייט דֶער רָב הָאט זִיךְ אוּסְגֶעקֶעהרְט מִיט דִיא דְרַייא יוּנְגֶע קִינְדֶער קַיין ליגניטץ, אִין דֶער צַייט אִיז פִיעל נַייֶעס גֶעשֶׁעהן: דֶער רָב הָאט גֶעפּוֶּעלְט בַּיים פִירְשְׁט לודוויג עֶר זָאל אַרוֹים גֶעבִּין אַנֶעזֶעטְץ אַז מיכאל מִיט זַיין שְׁוֶועסְטֶער אוּנ מִיט בעללא'ן אוּנ ערנסט מֶעגֶען פְרַייא זִיטְצֶען אִין ליגניטץ אוּנ קַיינֶער טָאר זַייא קַיין שְׁלֶעכְטְס נִיט טָאהן; דַאנן הָאט מיכאל חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט בעללא'ן אוּנ רחל'ן הָאט דֶער רָב חֲתוּנָה גֶעמַאכְט מִיט אֵיינֶעם פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים, אוּנ בַּיים רָב אִין הויז אִיז גֶעוֶועזֶען פְרֵייד אִיבֶּר פְרֵיידִין, נָאר דִיא שִׂמְחָה אִיז נִישְׁט גֶעוֶועזִין אוֹיף לַאנְג, דֶען דֶער שׂוֹנֵא יִשְׂרָאֵל, אמבראזיוס ביטשען, וֶועלְכֶער הָאט אֵיין מָאל גֶעשְׁוָוארֶען צוּא נוֹקֵם זַיין זִיךְ אָן דֶעם רָב אוּנ אִין אַלֶע יוּדֶען, הָאט אַזוֹיא לַאנְג נִישְׁט גֶערוּהֶעט בִּיז עֶר הָאט זַיין נְקָמָה עֶרְפִילְט. דֶען אַלְס דֶער פִירְשְׁט אִיז אִים יָאהר 1430 גֶעשְׁטָארְבֶּען הָאט זִיךְ ביטשען שְׁטַארְק גֶעפְרֵייט מִיט זַיין טוֹיט אוּנ הָאט נָאךְ אוֹיךְ גֶעוָואלְט בֶּעפְרַייעט וֶוערִין פוּן זַיין פְרוֹיא, דִיא פִירְשְׁטִין עליזאבעטהע, כְּדֵי עֶר זָאל בְּלַייבֶּען דֶער אֵיינְצִיגֶער רֶעגִירֶער אִיבֶּער דֶער שְׁטָאט, הָאט עֶר זִיא אִיבֶּער גֶערֶעט זִיא זָאל חֲתוּנָה הָאבִּין פַאר דֶעם פַאר שְׁוָועגֶדֶער, דֶעם פִירְשְׁט ווענצעל פָאן טעשען. דְרַייא יָאהר אִיז מִיט אִיהר דֶער פִירְשְׁט גֶעזֶעסֶען אוּנ אַלְס עֶר הָאט אִין דֶער קְלֵיינֶער צַייט אוּסְפֵּייעֶט שׁוֹין אוֹיס צוּא בְּרֵיינְגֶען אִיהר גַאנְץ גֶעלְד הָאט עֶר זִיא אַוֶועק גֶעוָוארְפֶען, ביטשען הָאט זִיךְ שְׁטַארְק גֶעפְרֵייט וָואס זַיין חִיטְרֶע פְּלַאן אִיז אוֹיס גֶעפִיהרְט גֶעוָוארִין אוּנ הָאט שׁוֹין גֶעהָאפְט אַז בַּאלְד וֶועט אַרַיין פַאלִין אִין זַיינֶע הֶענְד אִיהרֶע לֶעצְטֶע גִיטֶער אוּנ דַאנן וֶועט עֶר זִיא פֶערְטְרַייבִּין פוּן אִיהר הֶערְשַׁאפְט אוּנ עֶר וֶועט שׁוֹין קֶענֶען טָאהן מִיט דִיא יוּדֶען וִויא אִיהם גֶעפֶעהלְט.

אִין דֶער צַייט אִיז אוֹיךְ גֶעשְׁטָארְבֶּען דֶער קייסער זיגיסמונד אוּנ זַיין אֵיידֶעם אלברעכט פוּן עסטרייך הָאט גֶעהֶערְבְּט זַיין טְרָאהן. נָאר עֶר הָאט נִיט מֶעהר גֶעלֶעבְּט וִויא נָאךְ דְרַייא יָאהר אוּנ אִים 1440 אִיז עֶר גֶעשְׁטָארְבֶּען אוּנ פריעדריך דֶער דְרִיטֶער אִיז גֶעוָוארִין קייסער אִין דַייטְשְׁלַאנְד אוּנ אִיז גֶעוֶועזִין אוֹיךְ אַפָּאטֶער צוּא אלברעכטס זוהן וֶועלְכֶער אִיז גֶעבּוֹירֶען גֶעוָוארִין נָאךְ דֶעם פָאטֶערְס טוֹיט, אוּנ דוּרְךְ פריעדריכס בַּאפֶעהל הָאבֶּען דִיא אוּנְגַארֶען אִין בעהמען אוֹיס גֶעקְלִיבֶּען דָאס קְלֵיינֶע קִינְד עֶס זָאל אוֹיף זַייא רֶעגִירֶען וֶוען עֶס וֶועט גְרוֹיס וֶוערִין, אוֹיךְ הָאט פריעדריך בֶּעפוֹילֶען אַז וֶוען דִיא פִירְשְׁטֶען פוּן ליגניטץ וֶועט שְׁטַארְבֶּען זָאל אִיבֶּער גֶעהן דִיא יְרוּשָׁה פוּן לודוויג, אִיהר עֶרְשְׁטֶען מַאנן, צוּא דֶעם דָאזִיגֶען קֶענִיג פוּן בעהמען וָואס דַארְף עֶרְשְׁט אוֹיס וַואקְסֶען, וַוייל לודוויג הָאט נִיט גֶעלָאזְט נָאךְ זִיךְ קַיין זוהן וָואס זָאל קֶענֶען הֶערְשֶׁען אוֹיף זַיין אָרְט. דִיא פִירְשְׁטִין הָאט

(דער צווייטער המן

דער

דֶער פוּן גְרוֹיסֶע יְסוּרִים גֶעהַאט, דֶער צוּא הָאט בִּיטשׁעְן פוּן זִיךְ שׁוֹין אַרָאבּ גֶערִיסֶען דִיא מַאסְקֶע אוּנ הָאט נַאגְין אָפֶען גֶעאַרְבֵּייט אַז דִיא הֶערְשַׁאפְט פוּן דֶער שְׁטָאט לִיגְנִיטְץ זָאל נִיט מֶעהר קֶעהֶרֶען צוּא אִיהר אוּנ צוּא אִיהרֶע פַאמִילְיֶע זָאנְדֶערְין זִיא זָאל אִיבֶּער גֶעהֶן צוּא אלברעכטס זוהן, וֶועלְכֶער אִיז נָאךְ אַקִינְד, דַאמִיט עֶר זָאל דָא דֶער וַוייל קֶענֶען שַׁאלְטֶען אוּנ וַואלְטֶען וִויא אִיהם גֶעפֶעהלְט. נָאר אִין דִיא אֵיינֶגֶע מִינוּטֶען הָאט זִיךְ דִיא פִירְשְׁטֶען עליזאבעטהע דֶער מָאנְט וָואס אִיהר עֶרְשְׁטֶער מַאנן הָאט אִיהר אָן גֶעזָאגְט פַאר דֶעם טוֹיט, אַז אִין אַצָרָה זָאל זִיא זִיךְ וֶוענְדֶען צוּם רַאבִּינֶער פוּן לִיגְנִיטְץ נָאךְ אַיין עֵצָה. זִיא הָאט אִיהם גֶעלָאזְט צוּא זִיךְ רוּפֶען אוּנ הָאט אִיהם בֶּעקַאנְט גֶעמַאכְט מִיט אִיהר בִּיטֶערֶע לַאגֶע אוּנ דֶער רָב הָאט אִיהר וִוירְקְלִיךְ אַגוּטֶע עֵצָה גֶעגֶעבִּין אַז זִיא זָאל בַּאלְד חֲתוּנָה מַאכִין אִיהר טָאכְטֶער העדוויג פַאר אֵיינֶעם פוּן דִיא פַאמִילְיֶע פְּיַאסְטֶעס, וֶועט צוּא אִיהם שׁוֹין קֶערִין דִיא הֶערְשַׁאפְט פוּן לִיגְנִיטְץ אוּנ קֵיינֶער וֶועט זִיא נִיט טָארִין בַּייא אִיהם צוּא נֶעמֶען.

— דַיין עֵצָה אִיז זַייעֶר גוּט, הָאט דִיא פִירְשְׁטִין דֶערוֹיף גִיעֶנְטְפֶערְט אוּנ אִיךְ הָאבּ שׁוֹין זָאנַאר אַזַא חָתָן פַאר מַיין טָאכְטֶער, דֶער פִירְשְׁט יאהאן פוּן לִיבבעְן, וֶועלְכֶער אִיז אַקָרוֹב צוּא מַיין זֶעלִיגֶען מַאנן, עֶר אִיז אַהֶערְלִיכֶער מַאנן אוּנ רִיהמְט זִיךְ צְווִישֶׁען דִיא גִבּוֹרִים, אִיךְ וַוייס אַז עֶר וָועט אִים שְׁטַאנְד זַיין צוּא פֶערְהִיטֶען דִיא יְרוּשָׁה פוּן מַיין טָאכְטֶער פַאר דֶעם קייסער פוּן דַייטְשְׁלַאנְד אוּנ אוֹיךְ פַאר אוּנְזֶער הֵיימִישֶׁען שׂוֹנֵא, אמבראזיוס בִּיטשׁעְן, נָאר אֵיין זַאךְ שְׁטֶעהט מִיר דָא אִין וֶועג: אִיךְ הָאבּ גִיט קַיין נַדָן צוּא גֶעבִּין מַיין טָאכְטֶער.

— וִויא פִיעל גֶעלְד בְּרוֹיכְט אִיהר דֶען צוּא הָאבֶּען? הָאט דֶער רָב גֶעפְרֶעגְט.

— וֶוען אִיךְ זָאל אִיהר הָאבִּין צוּא גֶעבֶּען 500 טְהַאלֶער גָאלְד וָואלְט גֶענוּג זַיין, הָאט דִיא פִירְשְׁטִין גִיעֶנְטְפֶערְט. — גֶעלוֹיבְּט אִיז גָאט! הָאט דֶער רָב מִיט שִׂמְחָה אוֹיס גֶערוּפֶען, אַזַא סוּמֶע גֶעלְד וֶועל אִיךְ מִיט מַיין גֶעמֵיינְדֶע אִים שְׁטַאנְד זַיין אַייךְ צוּא גֶעבִּין.

מִיט וָואס קֶען אִיךְ דִיר אָבְּדַאנְקֶען פַאר דֶער גְרוֹיסֶער טוֹבָה, טַייעֶרֶער רֶבִּי? הָאט דִיא פִירְשְׁטִין גֶעפְרֶעגְט אוֹיסֶער זִיךְ פַאר פְרֵייד.

עֶס קוּמְט נִישְׁט מִיר מִיט מַיין גֶעמֵיינְדֶע דֶער פַאר צוּ דַאנְקֶען, דֶען מִיר טוּעֶן נָאר אוּנְזֶער חוֹב צוּ אוּנְזֶער זֶעלִיגֶען פִירְשְׁט אוּנ צוּ אוּנְזֶערֶע פִירְשְׁטִין וֶועלְכֶע הֶערְשְׁט אִיבֶּר אוּנְז, נָאר אָט דֶעם חֶסֶד וִויל אִיךְ בֶּעטִין בַּייא מַיינֶע הֶערְשֶׁערְן, צוּ פוּעֶלְן בַּייא דֶעם פִירְשְׁט לִיבבעְן, אִיהר קִינְפְטִיגֶען אֵיידֶעם, עֶר זָאל נוּט זַיין צוּא דִיא יוּדֶען וֶועלְכֶע זִיטְצֶען אוֹיף זַיין הֶערְבְּשַׁאפְט אִין לִיבבעְן אוּנ אִין האינוי אוּנ זָאל פַאר זֵייא אַרוֹיס גֶעבִּין אַגֶעזֶעטְץ אַז מֶען טָאר זַייא קֵיין מָאל קֵיין שְׁלֶעכְטְס

ניט טאהן אזויא וויא אונזער זעליגער פירשט האט ארויס געגעבען פאר אונז
אין ליגניטץ.

דיא פירשטין האט דאס איהם צוא געזאגט צוא טאהן, אונ דער
רב האט אויך זיין ווארט געהאלטען אונ האט צוא געשטעלט דיא פירשטין
דיא 500 טהאלער אונ איהר טאכטער האט חתונה געהאט פאר דעם פירשט
פון ליבבען. דער מיט האט דער רב נאכמאלס צושטערט ביטשענס פלאן
אונ אלס ער איז דער פון געוואר געווארין האט ער נאך אמאל געשווארען
וויא גיבער נקמה צוא נעמען אן דעם רב אונ אן אלע זיינע יודען. אונ
ליידער האט ער ניט פאלש געשווארען! דען אין צווייא יאהר ארום, נאך
דער חתונה, אלס דיא שטאט האט איהם געמאכט פאר נאלאווא, האט ער
פארגעליינגט אין דעם ראטהויז, אזויא וויא דיא פירשטין האט שוין אצייט
ניט איין געצאהלט דיא פראצענטען פאר דיא חובות וואס זיא האט אן
געמאכט ביי דער שטאט אונ אלע איהרע ניטער זענען שוין פאר זעצט,
זיא האט זיך נאר אב געשטעלט ביי איהר פאלעץ אונ ביי דער יודען
נאס, לכן זאל מען ביי איהר צוא נעמען דיא יודען גאס כדי דיא שטאט
זאל זיך פאלזעווען מיט דיא אנקונפטען פון דארט. אזויא האט ביטשען
פארגעלעגט, כדי ער זאל דאנן קענען טרייבען ארויס אלע יודען פון ליגניטץ,
וויא באלד זייא וועלין זיך שוין ניט געפינען אין דעם רשות פון דיא
פירשטין, זיין פארטראג איז צוואר נישט אלעמען פון דעם ראטהויז
געפעלין, ווייל זייא האבין פערשטאנען אז דא ציעלט ער נאר געגען דיא
יודען, נאר ער האט אבער זיך איין געשפארט אז נאר אזויא מוז זיין וויא
ער וויל אונ קיינער האט איהם נישט גיקענט דער געגען זיין, ווייל מען
האט פאר איהם געציטערט איבער זיינע גרויסע תקיפות. אונ קוים איז
אן גענומען געווארין זיין פארטראג, האט מען צוא וויבען בעטאהן דעם
ראבינער אז ער מיט זיין גאנצע געמיינדע דארפען אויף מארגען פערלאזין
אויף תמיד דיא שטאט ליגניטץ. אט אזויא האט דער שונא ישראל זיך
ענדליך דער ווארט אויף דער צייט, אין וועלכער ער האט זיך נוקם געוועזן
אין זיינע פערהאסטע יודען אונ האט זייא אלע אויף איין מאל פערטריבען
פון דער שטאט. אבער אויך זיין סוף איז געקומען! אונ אבוואהל דיא יודען
האבען זיך צוריק אן געהויבען צוא באזעטצען אין ליגניטץ ערשט אין
400 יאהר ארום, דאך האט ביטשען ניך בעקומען זיין מפלה, דען אזויא
וויא ער האט זיך אלץ געפלייסט צוא ארויס רייסען דיא שטאט פון דיא
פיאסטים אונ זיא איבער געבין צום קעניג פון בעהמען, האט עס אלע מאל
מעהר פערדראסען דיא איינוואוינער פון ליגניטץ, דער צוא האט נאך אויף
זייא געווירקט דיא בריעף פון דעם פירשט פון ליבבען, וועלבער פלעגט
זייא בעשרייבען דיא רשעות פון דעם בעהמישען קעניג אונ דאס נוטס פון
זייגע עלטערין דיא פיאסטעס, צוא וועלכען זייא האבין געשווארין טרייהייט

אויף עֶווִיג. ביטשען הָאט זִיךְ אֲפִילוּ שְׁטֶענְדִיג גֶעפְלַייסְט צוּא אוֹיס רָאטֶען זַיינֶע בְּרִיעף אוּם דָאס פָאלְק זָאל זַייא נִיט לֶעזֶען, דָאךְ הָאט עֶס אִים נִישְׁט אִין גַאנְצִין גֶערָאטען אוּנ דָאס פָאלְק הָאט זַייא בֶּעקוּמֶען צוּא לֶעזֶען אוּנ זֶעגֶען אוֹיף אִיהם שְׁטַארְק בֵּייז גֶעוָוארִין דֶער פַאר וָואס עֶר וִויל זַייא פַאר פִיהרֶען.

נָאךְ מֶעהר הָאט עֶר אוֹיף גֶעוֶועקְט זֵייעֶר צָארִין אַלְס עֶר הָאט גֶעלָאזְט פַאר בְּרֶענְגֶען לֶעבֶּעדִיג עֶטְלִיכֶע יוּדִישֶׁע סוֹחֲרִים דֶער פַאר וָואס זַייא הָאבֶּען זִיךְ אוּנְטֶער גֶעשְׁטֶעלְט צוּא אַרַיין קוּמֶען אִין שְׁטָאט אוּנ דֶער מִיט וָואס עֶר הָאט אַרוֹיס גֶעפִיהרְט מִיט חַרְפָּה דִיא יוּנְגֶע פִירְשְׁטִין העדווינ פוּן אִיהר פַּאלֶעץ אַלְס אִיהר מוּטֶער עליזאבעטהע אִיז גֶעשְׁטָארְבִּין, אוּנ הָאט אִין אִיהר פַּאלֶעץ אַרַיין גֶעשְׁטֶעלְט דָאס מִילִיטֶער פוּן בעהמען, דָאס אַלֶעס הָאט פִיעל גֶעווִירְקְט אוֹיף דִיא פָערַאיינֶען בַּעֲלֵי מְלָאכוֹת פוּן ליגניטץ אוּנ הָאבִּין שְׁטַארְק בֶּעדוֹיעֶרְט נָאךְ וָואס זַייא הָאבִּין זִיךְ אָבּ גֶעוֶוענְדֶעט פוּן דֶעם יוּנְגֶען פִירְשְׁט פוּן ליבבען, דֶער טְרָאהן פָאלְגֶער פוּן ליגניטץ. אוֹיךְ אַלֶע גְרֶעסְטֶע לַייט פוּן שלעזיען הָאבִּין גֶעהַאלְטֶען מִיט דֶעם פִירְשְׁט אוּנ הָאבֶּען פוּן זֵייעֶר זַייט אִיבֶּער גֶערֶעט דִיא אַיינְוואוינֶער פוּן ליגניטץ זַייא זָאלִין אוֹיךְ מִיט אִיהם אָן הוֹיבֶּען צוּא הַאלְטֶען, נָאר פוּן אַלֶע הָאט אוֹיף זַייא גֶעווִירְקְט דִיא רֵייד פוּן דָעם יוּנְגֶען גְרַאף אָטְטָא, דֶער זוּהן פוּן דֶעם גְרַאף צעדליץ, וֶועלְכֶער הָאט אָן גֶעשְׁטְרֶענְגְט אַלֶע מִיטֶעל צוּא אָבּ רֵיידֶען זַייא פוּן ביטשענן אוּנ זָאלִין בֶּעסֶער צוּא שְׁטֶעהן צוּם פִירְשְׁט יאהאן, דֶער בּוּנְט אוֹיף ביטשען אִיז גֶעוָוארִין עֶנְדְלִיךְ זֵייעֶר גְרוֹיס, קֵיינֶער הָאט אִיהם נִיט גִיקֶענְט יֶעצְט שִׁיטְצֶען וַוייל דֶער יוּנְגֶער קֶענִיג פוּן בעהמען אִיז דַאנן אַרוֹיס גֶענַאנְגֶען מִיט זַיין מִילִיטֶער צוּא דֶער אוּנְגַארִישֶׁער גְרֶענֶעץ צוּא בֶּעשִׁיטְצֶען עֶס פַאר דִיא טִירְקֶען וֶועלְכֶע הָאבִּין אִים יָאהר 1453 בֶּעלַאגֶערְט דִיא שְׁטָאט קאנסטאנטינאפאל אוּנ זִיא אָנגֶענוּמֶען, דֶער פִירְשְׁט יאהאן הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵייט צוּא זֶעהֶענְדִיג וִויא זַיין שׂוֹנֵא ביטשען הֵייבְּט שׁוֹין אָן צוּא פַאלֶען, נָאר עֶס אִיז אִיהם נִיט בַּאשֶׁערְט גֶעוֶועזֶען מִיט זַיינֶע אוֹיגֶען צוּא זֶעהֶען דִיא מַפָּלָה פוּן זַיין שׂוֹנֵא, דָען עֶר אִיז אִין דֶעם יָאהר גֶעשְׁטָארְבֶּען פוּן אַפְּלוּצִימְדִיגֶע קְרֶענְק.

אִין דֶעם אָנְקוּמֶענְדִיגֶען יָאהר 1454, אִיז שׁוֹין ביטשען מֶעהר נִיט אוֹיס גֶעקְלִיבֶּען גֶעוָוארֶען פַאר אַנְאלָאוַוא אוּנ אִיז צוּרִיק גֶעוָוארֶען דֶער שְׁרַייבֶּער וִויא פְרִיהֶער, דָאךְ הָאט נָאךְ זַיין דֵעה שְׁטַארְק גֶעגִילְט וַוייל עֶר וַואר גֶענוּג רַייךְ אוּנ תַּקִיף אוּנ הָאט וִויא פְרִיהֶער אִיבֶּער אַלֶעס גֶעוֶועלְטִינְט. דָאס הָאבֶּען דִיא אַיינְוואוינֶער נוּט בַּאמֶערְקְט אוּנ הָאבֶּען אִין דֶער שְׁטִיל אוֹיף אִיהם אָנְגֶעהוֹיבֶּען צוּא גְרָאבֶּען אַגְרוּבּ אוּנ אִים 24-טֶען יוּני 1454 אִיז פְּלוּצִים גֶעוָוארֶען אַרַעשׁ אִין שְׁטָאט, דִיא קִירְכֶענְגְלָאקִין הָאבִּין גֶעקְלוּנְגֶען, דִיא פוֹיקֶען הָאבִּין גֶעקְלַאפְּט אוּנ אוֹיפְגֶערִיהרְט אַלֶע מֶענְשֶׁען פוּן דֶער שְׁטָאט אוּנ דִיא אַרְטֶעלְיֶען אַרְבֶּעטֶער מִיט נָאךְ אַנְדֶערֶע מֶענְשֶׁען זַיינֶען אַרוֹיס

נעגאנגען געוואפענט אין דיא גאסען אונ האבען זיך צוטהיילט אין דרייא שארען, איין שאר איז צוא געקומען צום ראטהויז, וואו דיא עלצטע פון דער שטאט זיינען גיזעסין, אונ האבען געפאדערט מען זאל זייא עפענען דעם טויער פון דעם הויז, אונ אלס זייא האבען קיין אנטוואורט בעקומען האבען זייא אויפגעבראכען דעם טויער אונ האבען זיך אלע אריין גילאזט אין דעם הויז, האבען אויס געבונדען דיא אלע גלאסנעס אונ זייא פאר שפארט אין אנגעפענקענים. דער צווייטער שאר איז גלייך צוא געקומען צוא ביטשענס הויז, האבען איהם דארט אויס געזוכט אין אלע צימערין ביז זייא האבען איהם געפונען, ענדליך אין דער הייל וועלכע האט זיך געצויגען פון אונטער דעם מויער ביז דעם ראטהויז, אונ פערקאווענדיג איהם אין קייטען האבין זייא איהם גלייך אריין געווארפען אין דער תפיסה, אונ דער דריטער שאר (מחנה) האט בעלאגערט דעם פאלעץ וואו עס האט זיך געפונען דער פאלקאהניק פון דעם בעהמישען חיל מיט אביסעל מיליטער, אלס דער פאלקאווניק האט גיזעהן אז ער מיט זיין חיל זיינען צוא שוואך געגען דעם גרויסען עולם איז ער מיט זיין חיל ארויס געגאנגען דורך דעם אנדערין טויער אונ איז אנטלאפין פון דער שטאט.

אזויא האט זיך גיענדיגט דיא מרידה אונ דיא שטאט ליגניטץ איז ווידער איבער גינאנגען צוא דיא אנהענגער פון דער קעניגליכער פאמיליע פיאסטע. דיא מלכה העדוויג האט זיך צוריק באזעצט אין איהר עלטערינס פאלעץ מיט איהר קליינעם זון פרידריך אונ דיא גאנצע שטאט איז מלא שמחה גיוועזין אויף דעם נצחון. אונ ביטשען? ער האט בעקומען המנ'ס מפלה: דען דיא שופטים האבען איהם דערקלערט פאר דעם איינציגען פערדעטער (איזמיעניק) אונ אים 24-טען יולי 1454, אכט דעם זייגער אין דער פריא, האט מען איהם אין דער מיט שטאט דעם קאפ אפ געהאקט.

יא, דער שלעכטער מענש האט זיין שטראף בעקומען, אבער דיא פירות פון זיינע מעשים רעים האבען עקסעסטירט גאנצע 400 יאהר. דען דיא פירשטין העדוויג האט מורא געהאט צוריק צוא רופען דיא פערטריבענע יודען קיין ליגניטץ איבער דעם פאנאטישען גייסטליכען קאפיסטארנוס וועלכער האט אויפגעהעצט דעם המון עם געגען דיא יודען אומעדום וואו ער האט זיך געלאזט נעהן. אונ נאר ערשט אינ'ם יאהר 1812 האבען זיך אייניגע יודין אנגעהויבען זיך צוא באזעצען אין ליגניטץ, אין עטליכע יאהר שפעטער זיינען זייא שוין געווארען צוא אגאנצע געמיינדע אונ אינ'ם יאהר 1837 איז דער ראבינער, דאקטאר אשר זאממטער ז"ל דעם ערשטען מאהל ארויף געגאנגען אויף דער ביהנע אין שול אונ האט געהאלטען ארעדע פאר דיא יודען אין ליגניטץ. ער איז דער זעלבער וועלכער האט אויף דייטש פערפאסט דעם דאזיגען ראמאן אונטער דעם נאמען „דער רבי פאן ליעגניטץ" אונ האט איהם אפ געדרוקט אין דער „יודישער פרעססע" פון דעם יאהר 1886 אונ אין

דָעם זָעלְבִּין יָאהר טַאקֶע הָאט ה׳ פריעדבערג אִיהם אִיבֶּער זָעצְט אויף הֶעבְּרֶעאִישׁ אוּנְטֶער דָעם טִיטִיל „הרב להושיע״. אויך דָער רֶעדַאקְטָאר פון דָעם „חבצלת״ ה׳ פרומקין הָאט דָעם רָאמַאן אִיבֶּער זֶעצְט פַאר זַיין צַייטוּנְג אוּנְטֶער דֶעם נָאמֶען „הרב מליגניטץ״; אוּנְז אָבֶּער, וַוייל דֶער אָרִיגִינַאל הָאט גֶעפֶעהלְט, אִיז בֶּעסֶער גֶעפֶעלֶען גֶעוָוארֶען דֶער אִיבֶּער זֶעטְץ פוּנֶם הֶערְן פריעדבערג אוּנ מִיט זַיין הַעְתָּקָה הָאבֶּען מִיר זִיךְ בֶּענוּצְט פְּרַייא אִיבֶּער צוּא זֶעצֶען דֶעם דָאזִיגֶען רָאמַאן אויף זְשַׁארְגָאן.

אדעססא 1887

# ע נ ד ע

(דער צווייטער הט״)

אדרעססע
Братьямъ Блетницкимъ.
въ Одессу.

בית מסחר הספרים של
האחים בלאטניצקי
באדעססא.

אדרעססע
Gebrüder Bletnitzky.
Odessa.